STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01266

DER TOYREH KVAL

A. Zisha Frydman

*Permanent preservation of this book was made possible
by Steven Kazan
in memory of
Meyer & Bella Scheiner*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער תורה-קוואל

(מעינה של תורה)

ווערטער, רעיונות, השקפות און אפאריזמען
פון גאוני וגדולי ישראל

אויף די וואכען-פרשיות, הפטרות,
ימים - טובים און תרי"ג מצות.

געקליבען, צוזאמענגעשטעלט און פאפולאריזירט דורך

אלכסנדר זושא פרידמאן

ספר שמות

הוצאת = „מסורה" = ה'תש'ח

יהי זכרו ברוך!

המחבר הק' הר' ר' אלכסנדר זושא פרידמן ז"ל

עשרים שנה שרת בכשרונותיו הנשגבות את היהדות החרדית;

עשרים שנה עמד בשורה הראשונה על שדה המערכה של אגודת—ישראל ופעל בכל עוז ומרץ בעד הרמת קרן—התורה והיהדות;

עשרים שנה הקדיש דמו וחלבו על מזבח החנוך הדתי;

עשרים שנה שמש את ישראל סבא בעטו הנפלא ובקולו—קול חוצב להבות אש דת;

עשרים שנה עמד על משמרתו להגדיל תורה ולהאדירה — למד, לימד וזיכה את הרבים.

הי—ה מקברניטי אגודת—ישראל העולמית; מזכירה הראשי של אגודת—ישראל ומנהל מרכזי החנוך „חורב" ו„קרן—התורה" בפולין; מחבר ספר „אבני אזל" על ש"ס ועורך הירחונים האגודתיים „דגלנו" ו„דרכנו".

נולד בעיר. סוחציוב בשנת תר"ס ונפל חלל ע"י ההטלראים הפראים בעת הטבח האיום ב„גיטו" הווארשאי בשנת תש"ג.

ה' ינקום דמו!

לזכרון נשמות הורי היקרים נ"ע שנפלו חללים על קידוש השם
אמו"ר יהושיע בן ירחמיאל חיים ז"ל—ביום י"א לחדש מרחשון —
אמי מורתי פערל.בת משה ז"ל—ביום י' לחדש מרחשון —
בשנת תש"ג הי"ד.

ליבל שידלובסקי. לודז

פאַרוואָרט

דאָס תורה׳דיגע וואָרט, איז שטענדיג געוועזען דער קוואַל פון טרייסט, ערמוטיגונג און התחזקות פאַר׳ן יודישען מענש. אין די ווערטער וואָס זענען נאכגעזאגט געווארען, אויף דער סדרה, „מעניגא דיומא, אין דער היימישער סביבה, סיי אַ שעהן דרוש־וואָרט, סיי אַ חסידישען רעיון אָדער אַ מוסר׳דיגע השקפה — אַט די דאָזיגע ווערטער האָבען דעם סתם־יוד פעדבונדען מיט׳ן ספר, פאַר איהם געמאַכט די תורה אַ ביסעל אָפענער און נעהנטער, און פאַר איהם געמאַכט דאָס חומשל אַלס זיין לעבענס־ספר וואָס פון איהם קען ער לערנען וואָס ס׳איז איהם נויטיג און שעפען גייע כחות־רעזערוועז פאַר זיין יודישקייט אין די שווערסטע גלות־צייטען.

אין די לעצטע תקופה, פון געוואַלדיגער עקאָנאָמישער ירידה און גייסטיגער חשכות, ווערט דאָס תורה־וואָרט אַ וואָס מעהר זעלטענער גאַסט אין דער יודישער סביבה. דער קאָפּ איז צובראָכן, די געמיטער נידערגעשלאָגען, נישטאָ ביים סתם יוד קיין צייט און געדולד צו כאַפּען אַ בליק אין אַ ספר, ביי אַ גרויסען טייל פונ׳ם בעל־הבתישען עלעמענט איז שוין אַפילו נישטאָ דער יכולת צו פערשטעהן עפּעס פון אַ יודיש ספר,אַפילו ביי אַ טייל פון דער רעליגיעזער יוגענד — איז אַ יודיש ספר, געשריבען אין אַלטען לשון־הקדש׳דיגען תלמודישען סטיל, ווי אַ ספר החתום, — ווערט מען ממילא דערווייטערט פונם אייביגען יודישען קוואַל, די סדרה ווערט וואָס אַמאָהל פרעמדער און אונפערשטענדליכער, דאָס חומש׳ל הערט אויף בעטראַכט צו ווערען אַלס דער וועג ווייזער פון דער געגענוואַרט און די גייסטיגע צובראָכענקייט און פוסטקייט ווערט וואָס אַמאָהל גרעסער, — ווייל דאָס פריש פליסענדע וואַסער פונ׳ם אייביגען תורה קוואַל דערגרייכט נישט צו די קינדער פון היינטיגען דור.

מען מוז דעריבער דעם דאָזיגען קוואַל פון לעבען עפענען און דערנעהנטערן צו די סתם יודען פון אונזערער היינטיגער אומגליקליכער תקופה, מען מוז דאָס תורה׳דיגע וואָרט מאַכען צוגענגליכער, פּאָפּולערער און פערשטענדליכער כדי עס זאָל קענען דערגרייכען צו די צוטראָגענע און פערדאגה׳טע יודישע קעפּ און יודישע הערצער, מען מוז — ווי ס׳האָבען עס געטהוען אונזערע גרויסע פיהרער אין די פערצייטישע תקופות — איבערגיסען די תורה׳דיגע ווערטער, השקפות און רעיונות אין דער פערשטענדליכר פאָלקס־שפּראַד, מאַכען זיי לייכטער צו פערשטעהן, און אַזוי אַרום דערנעהנטערן די פאָלקס־מאַסען צו אונזער ספר הספרים.

זאָלען די בעטריעבטע געמיטער בעלעבט ווערען פונ׳ם שטראַהל פון אַנ׳אמת יודישען געדאַנק; זאָלען זייערע מחות בעלויכטען ווערען מיט אַ חסידישען בליץ; זאָלען זייערע הערצער אויסגעאיידעלט ווערען דורך אַ טיעף־גרייפענדען מוסר רעיון; זאָלען די קינדר פון היינטיגען דור צוריק אָנהויבען בעטראַכטען אונזער חומש׳ל אַלס דעם אייביגען אוגאויפהערליכען קוואַל וואָס פליסט מיט לעבענס־חכמה, מוסר,מדות,התחזקות און אָפּפערווילגקייט פאַר יודישקייט; זאָלען זיי דערזעהען ווי אַט אין דעם חומש׳ל זענען פערהאַן די מקורות און די מאָטיווען פון אונזערע אַלע ליידען און פריידען,פון אונזערע אַלע גלות־פיין אין

גאולה=האָפנונגען און זאָלען זיי צוריק נעהנטער ווערען מיט אונזער ספר — צוריק ווערען, די קינדער פונם עם הספר.

דאָס דאָזיגע חבור „דער תורה=קוואַל“ איז אַ שריט צו דערגרייכען דעם דאָזיגען ציעל.

דאָ זענען צונויפגעזאַמעלט פון גדולי ישראל, ראשונים און אחרונים, ווערטער און געדאַנקען אין די פערשידענע פאָרמען פון דרוש, רמז, מוסר, חסידות, געאָרדענט לויט די פרשיות פוו דער תורה, הפטרות און ימיםטובים און איבערגעגעבען אין דער יודישער שפּראַך אויף אַ פּאָפּולערען, אָבער גענוג קאָנצענטרירטען און קאָנדענסירטען אופן—אַזוי אַז יעדער וואָס איז נור אַ שטיקעל בן=תורה און האָט אַמאָל געלערנט זאָל זיי פערשטעהן.

איך האָב זיך בעמיהט צו געבען אַממייסטען נור אַזעלכע ווערטער וואָס האָבען אַ ערנסטע און פּראַקטישע בעדייטונג, צו פערשטעהן דורך זיין אַ שווערען פּסוק אָדער מאמר חז״ל, וואָס לערנען עפּעס אין יודישקייט, אָדער וואָס ווייזען ווי אַלעס איז מרומז אין דער תורה. אָבער נאָכמעהר האָב איך זיך בעמיהט נישט צו געבען קיין גלייכווערטלעך, וויצען און הלצות וואָס ווערען צוגעטשעפּעט צו די פּסוקים פון דער תורה און ווערען אויסגענוצט—אין דער לעצטער מאָדע — אַלס צייטונגס=מאַטעריאַל צוזאמען מיט פערשידענע נבול=פּה און שונד=ערצעהלונגען...

זעלבסטפערשטענדליך אַז די ווערטער וואָס ווערען דאָ געגעבען. זענען נור ווי אַ טראָפּען פון ים בנוגע דעם אונערשעפּליכען און אייביג פליסענדען תורה=קוואַל.אָבער אפילו נור אַלס אַ קליינטשיקער טייל פונ׳ם דאָזיגען קוואַל, זענען זיי אויך בכח — ווי איך גלייב און האָף — צו דערפרישען . און בעלעבען די לעכצענדיגע און דורשטיגע נפשות וואָס בענקען נאָך אַ יודיש וואָרט.

עס בלייבט מיר נור איבער, צו בעטען ביי השי״ת, אַז דאָס דאָזיגע חבור זאָל באמת דערגרייכען זיין ציעל: צו דערנעהנטערען די יודישע מאַסען צום אָריגינעלען תורה=קוואַל: מאַכען צוריק דאָס תורה=וואָרט אַלס אָנגעלעגטען און שטענדיגען גאַסט אין דער יודישער היים און אין דער יודישער סביבה,און בעיקר, מקרב צו זיין די יודישע הערצער לאביהם שבשמים.

אלכסנדר זושא פרידמאַן

ב״ה ווארשא, תרח״ץ

דער תורה־קוואל

ספר שמות

פרשת שמות

ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה (א—א)

נישט „אשר באו" נור „הבאים" — וואָס קומען שטענדיג, אין אַלע ציי־טען און אַלע גלות'ן, ווען יודען זענען אין נויט און ענגשאַפט, קומען מיט זיי מיט די דאָזיגע נעמען פון די שבטים און זייער זכות העלפט זיי צו אַז זיי זאָלען זיך קענען דערהאַלטען.

(חדושי הרי"ם)

הבאים מצרימה את יעקב (א—א)

יודען אין גלות קענען זיך נור דערהאַלטען, ווען זיי האַלטען זיך ביי די מדה פון יעקב אבינו וועלכער האָט זיך געהאַלטען נידריג (קטנתי מכל החסדים) נישט געוואָלט זיך רייצען מיט עשו'ן און געזעסען בתמימות אין די געצעלטען פון תורה (איש תם יושב אהלים), דעמאָלט איז די שכינה מיט זיי אין גלות און היט זייער עגזיסטענץ. געהען אָבער יודען נישט אין יעקב'ס וועגען, נור ווילען זיך דווקא פערגלייכען מיט שטאָלץ צו די פעלקער, נאָכמאַכען זייער לוקסוס און זייערע מאָדעס, און פערלאָזען די תורה אָננעמענדיג עשו'ס דרכים און מעטאָדעס, דאַן ווערען זיי וואָס אַמאָל מעהר ערנידערט און געיאָגט און זייער עקזיסטענץ ווערט בעשווערט.

(פרדס יוסף)

ואלה שמות בני ישראל (א—א)

להודיע חבתן שנמשלו לכוכבים (רש"י)

יודען דאַרפען וויסען אַז השי"ת האָט זיי ליעב, און פונקט ווי ער האָט בעשאַפען די שטערן אַז זיי זאָלען לייכטען אין דער פינסטערער נאַכט, אַזוי האָט ער זיי בעשאַפען אַז זיי זאָלען אַריינברענגען ג—ט'ס ליכט אין די פינסטערסטע און נידריגסטע ערטער.

(שפת אמת)

איש וביתו באו (א—א)

זיי זענען געקומען קיין מצרים מיט זייערע ארץ־ישראל'דיגע הייזער, זיי האָבען מיטגענומען זייערע בתי־מדרשים צו לערנען תורה, וואָרום די שוהלען און בתי מדרשים פון חוץ־לארץ האָבען די קדושה פון ארץ ישראל.

(תורת משה)

* * *

די לעצטע אותיות פון די פינף ווערטער ואל׳ה שמו׳ת בנ׳י ישרא׳ל הבא׳ים זענען די אותיות „תהלים“ — דאס איז מרמז אז אין אלע צרות און ענגשאפטען — מצרים — זאל מען זיך בענוצען מיט׳ן ספר תהלים און דאדורך ווערט מען געהאלפען.

(הרב הצ׳ מבנדין ז״ל)

איש וביתו באו (א—א)

דער שטייגער איז אז ווען א מענש ציהט זיך איבער פונ׳ם קליינעם פרומען שטעדטעל אין דער גרויסער שטאדט, ווי עם הערשט פרייגייסט און צולאזענקייט, דאן איז ער אליין, וואס איז שוין פון יונגערהייט אן געצויגען און געוואקסען אין יודישען דרך — בלייבט נאך א יוד און ווערט נישט אנדערש, דאגעגען די קינדער זיינע פאסען זיך ביסלעכוויז צו צום גרוים שטאדטישען הפקר-לעבען און ווארפען אוועק דאס יודישקייט. :

דעריבער דערצעהלט אונז די תורה, אז ביי יעקב׳ס קינדער איז נישט אזוי געוועזען. קומענדיג פון עבר הנהר וואו זיי האבען געפיהרט א פרום גלויביג לעבען אינ׳ם טמא׳דיגען און ג—טלאזען מצרים, זענען זיי דאך געבליבען „איש וביתו“, דאס הייסט איז נישט אנדערש געווארען און די קינדער האבען זיך דערהאלטען צוזאמען מיט די עלטערן אין א פולשטענדיגער הארמאניע.

(הדרש והעיון)

ובני ישראל פרו וישרצו (א—ז)

רבי עקיבא האט גע׳דרשנ׳ט: אין זכות פון די פרומע פרויען וואס זענען געווען אין יענער צייט, זענען יודען געווארען אויסגעלייזט פון מצרים. וואס האבען זיי געטהוען? ווען זיי זענען געגאנגען שעפען וואסער האט זיי ג—ט צוגעשיקט קליינע פישעלעך אין די קרוגען אזוי אז העלפט איז געוועזען וואסער און העלפט פיש. האבען זיי אבגעקאכט א טעפעל ווארעמס און א טעפעל פיש און געברענגט צו די מענער אויפ׳ן פעלד. זיי האבען די מענער געטרייסט, ארומגעוואשען, אנגעטרונקען און געגעבען צו עסען. ווען ס׳איז געקומען די צייט פון זייער געבורט, זענען זיי ארויס אין פעלד און דארט אונטער׳ן עפעל-בוים געברענגט די קינדער אויף דער וועלט. ג—ט האט זיי צוגעשיקט א מלאך פון הימעל וועלכער האט די נייגעבוירענע קינדער ארומגעוואשען, אויסגעגלעט און געגעבען צו זויגען האניג און בוימאייל.

ווען די יודישע מענער זענען פון דער ארבייט און פיין ארייגעפאלען אין פערצווייפלונג, עס איז שוין זיי קיין שום זאך נישט אנגעגאנגען, און עס האט געדראהט אז דאס יודישע פאלק זאל חלילה אונטערגעהן,—האבען די יודישע פרויען דווקא דעמאלט געברענגט זייערע מענער טרייסט און ערמוטיגונג,

אריינגעגעבן אין זיי לעבענס־ווילען און לעבענס־לוסט, ביי די ערגסטע בעדינגונגען געפיהרט זייער פאמיליען־לעבען, כדי צו פערגרעסערן די יודישע מחנה, זיי זענען נישט נאכגעגאנגען נאך די אונגלויביגע טעאריעס אז ווען ס'איז שלעכט דארף מען וואס ווייניגער קינדער האבען, נור האבען געהאט פולען גלויבען און בטחון אין ג—ט אז ער קען שפייזען דורך זיינע מלאכים אויף אנ'אונגנאטיר־ליכען אופן, און ער קען ראטעווען די קינדער פון זיין פאלק אפילו ווען מען אקערט אויף זייערע רוקענס... אט אין דעם איז בעשטאנען דאס צדקות פון די פרויען אין יענעם דור און מיט דעם האבען זיי ווירקליך מיטגעווירקט צו דער גאולה.

(אבני א.ל)

פרו וישרצו וירבו ויעצמו (א—ז)

געוועהנליך זענען קינדער, וואס זענען געבוירען געווארען א צווילינג, קערפערליך זעהר שוואך, ווייל דער כח פון איין קינד איז פונאנדערגעטיילט אויף צוויי. דא אבער אין מצרים, כאטש ס'איז געוועזען „פרו וישרצו" און זיי זענען געבוירען געווארען אפילו זעקס צוזאמען, דאך זענען זיי געווען פיזיש גוט ענטווי־קעלט און קערפערליך שטארק—„ויעצמו" (פון לשון „חזק ועצום").

(תולדות יצחק)

ותמלא הארץ אותם (א—ז)

כיון שנתמלאו בתי טרטיאות מהם,מיד גזרו עליהם שיפרשו מהם (ילקוט)

אזוי ווי די מצרי'שע טעאטערס זענען פול געווארען פון די יודען, האבען באלד די מצריים פעראָרדענט אז מען זאל זיך אבזונדערען פון זיי. וואס מעהר יודען ווילען זיך אריינרייסען אין דער גוי'אישער קולטור־וועלט, הויבען זיין; די גויים אן פיינט צו האבען און שאפען געזעצען ווענען אבזונדערען זיך און דערווייטערען זיך פון זיי.

ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף (א—ח)

וואלט ער געקענט יוספ'ן, זיין גע־שיכטע און פערגאנגענהייט, דאן וואלט פרעה דערפון געלערנט, אז דווקא די אלע מיטלען וואס זענען בענוצט געווארען כדי איהם שלעכטס צו טהון, סיי דורך די ברודער סיי דורך פוטיפר, זענען גאר געוועזען די וועגען וואס האבען געפיהרט צו זיין גליק און דערהויבונג, און ער וואלט שוין מורא געהאט צו פייניגען יודען כדי נישט דערמיט גורם זיין זייער גאולה און בעפרייאונג.

(אמרי אש להה"ק מגומבין ז"ל)

* * *

יוסף איז דער סימבאָל פון הייליג־קייט, צניעות, און אַנטלויפען פון שלעכטע תאוות. כל זמן עס איז פערהאַן ביי יודען דער כח פון יוסף הצדיק קען זיי קיין שום שלעכטס נישט געשעהן, „אשר לא ידע את יוסף“ — ווען מען הערט אויף צו וויסען פון אָט די דאָזיגע מדה פון יוסף, דאַמאָלט ווערען בעגייעט אַלע גזירות.

(לויט'ן שפת אמת)

הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו. הבה נתחכמה לו (א—ט, יוד)

לו — למושיען של ישראל — (רש"י)

ביים יודישען פאָלק איז שטענדיג פאַרהאַן אַ מנהיג, וועלכער איז זיי מחזק אין יעדער עת־צרה, שטאַרקט זייערע הערצער מיט זיינע ווערטער און עצות אין אַ קריזיס, לאָזט זיי נישט שוואַך ווערען פון יודישקייט אין אַ צייט פון נסיונות און דערמיט העלפט ער זיי — איז ער זייער מושיע.

די שונאי־ישראל פון אַלע צייטען וויסען דאָס טאַקי, און דעריבער טראַכטען זיי שטענדיג אויס שלעכטע מחשבות געגען איהם — דעם יודישען מנהיג און מושיע ווי אַזוי מבטל צו זיין די השפעה זיינע אויפן יודישען פאָלק און אַזוי אַרום עס איינגאַנצען אָפּשוואַכען און צעברעכען.

די תורה דערצעהלט אַז פרעה האָט טאַקי אַזוי געזאָגט: הנה, עם בני ישראל — אָט אין דעם ליגט דער סוד פון דער גאַנצקייט פון יודישען פאָלק — רב ועצום — וואָס ביי זיי איז שטענדיג פאַרהאַן אַ שטאַרקער פיהרער, אַ „רב“ אַנ' „עצום“ וואָס דערהאַלט זיי אין דער שווערער צייט. דעריבער: הבה נתחכמה לו — למושיען של ישראל, לאָמיר טראַכטען עצות צו אָט דעם מנהיג וואָס איז זייער מושיע.

(נועם מגדים)

ויקצו מפני בני ישראל (א—י"ב)

די מצריים האָבען פלוצלינג דער־פיהלט אין זיך אַ געוואַלדיגע שנאה צו יודען, כאָטש זיי האָבען עס נישט אַזוי פיל געוואָלט (בפה־רך). דאָס איז געוועזען — דער ווילען פון דער השגחה, כדי אָבצוזונדערן די יודען פון די מצריים אַז זיי זאָלען נישט אַסימילירט ווערען צווישען זיי. דעריבער לויבט. דערפאַר דער משורר אין תהלים: „הפך לבם לשנוא עמו“—ער האָט איבערגעדרעהט זייער האַרץ אַז זיי זאָלען פיינט האָבען זיין פאָלק.

(שפת אמת)

וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים (א—י"ג)

דערויף איז פערהאַן אין זוהר הקדוש: „בחומר דא קל וחומר, ובלבנים דא לבון הילכתא".

דורך דעם וואָס יודען זענען עוסק אין תורה שבעל פה וואָס איז געבויט אויף די „שלש עשרה מדות שהתורה נדרשת בהן" פון וועלכע די ערשטע איז „קל־וחומר" און בעשעפטיגען זיך מיט מברר זיין די הלכות פון דער תורה — דורך דעם קענען זיי איבערטראָגען די פערביטערונגען און דעם חומר ולבנים פון גלות.

(הגאון ר' מנחם זעמבא שליט"א)

ויאמר מלך מצרים למילדות העבריות אשר שם האחת שפרה ושם השנית פועה. ויאמר בילדכן את העבריות וראיתן על האבנים אם בן הוא והמתן אותו. (א—טו, טז)

פרעה האָט געוואוסט אַז כל זמן די מילדות וועלען זיך רופען מיט זייערע יודישע נעמען „יוכבד" און „מרים", וועט ער איבערהויפט נישט קענען קומען צו זיי מיט אַזאַ אַכזריות'דיגען פאָרשלאַג צו טויטען די יודישע קינדער. דעריבער האָט ער פריער זיי בעפוילען אַז, זיי זאָלען ענדערן די יודישע נעמען און זיך רופען מיט אַנדערע נעמען „שפרה" און „פועה". נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך שוין גערופען מיט מצרי'שע נעמען, האָט ער גערעכענט אַז דאָס וועט אַזוי ווירקען אויף זייער גאַנצער פסיכיק און אַזוי ענדערען זייער מהות און זייער כאַראַקטער אַז זיי וועלען אויך אָנהויבען צו דענקען מצרי'ש און קענען באַגיין רציחות איבער יודישע קינדער, האָט ער ערשט דאַן זיי געגעבען דעם צווייטען בעפעהל „אם בן הוא והמתן אותו".

דער נאָמען איז דער גאַנצער מענש. די אַסימילאַציע פון נאָמען ווירקט אויף דער אינערליכער אַסימילאַציע פונ'ם גייסט און פון כאַראַקטער.

(הה"צ רצ"א מדינאוו זצ"ל)

ותחיין את הילדים (א—יז)

געוועהנליך טרעפט זיך פיל מאָהל אַז ס'ווערען קינדער באַלד געבוירען נישט לעבענס־פעהיג און שטאַרבען אָב באַלד נאָכ'ן קומען אויף דער וועלט. די מילדות האָבען אָבער מורא געהאַט אַז מען זאָל זיי נישט חושד זיין, אַז זיי האָבען די קינדער אומגעבראַכט, האָבען זיי תפלה געטון אַז אפילו די קינדער וואָס דאַרפען נאַטירליך נישט לעבען, זאָלען אויך בלייבען לעבען, כדי מען זאָל זיי נישט חושד זיין. דאָס זאָגט די תורה „ותחיין את הילדים" — זיי האָבען מיטגעווירקט אַז די קינדער זאָלען בלייבען לעבען.

(לויטן מדרש)

ויהי כי יראו המילדות את האלהים ויעש להם בתים

(א—כא)

ווייל יוכבד און מרים האָבען מורא געהאַט פאַר ג—ט, האָבען זיי געהאַט גוטע קינדער און אופגעשטעלט גרויסע הייזער אין ישראל. פון יוכבד איז ארויסגעקומען משה רבינו און אהרן הכהן און פון מרים איז ארויסגעקומען בצלאל וואָס האָט געמאַכט דעם משכן. (מדרש)

גוטע מאַמעס האָבען גוטע קינדער...

* * *

ווען פרעה האָט געזעהען אז די מילדות האָבען מורא פאַר ג—ט, און ווען זיי וועלען געהן צו יעדער געווינערין אַהיים, וועלען זיי זיך אַרויסדרעהען און נישט אָבהיטען זיין בעפעהל, האָט ער אויפגעשטעלט ספּעציעלע קינפּעטאָרין־אַנשטאַלטען ווי אַלע געווינערינס זאָלען דאָרט מוזען קומען און געבוירען זייערע קינדער, כּדי אַזוי אַ נאָך צו האָבען אַ שטרענגע קאָנטראָל איבער זייער טעטיגקייט.

(מלבים)

ויעש להם בתים (א—כא)

„בית" הייסט אַ היים, אַ צענטער. אַ יוד וואָס איז זיך מוסר נפש פאַר אַ מצוה ווערט זיין פערזאָן דער צענטער און די היים פונוואַנען עס שטראַהלען אַרויס תשוקה, התלהבות און קדושה פון דער מצוה, אויף אַנדערע וואָס קומען מיט זיי אין בערוהרונג. אַזוי למשל, אַ יוד וואָס איז זיך מוסר נפש פאַר אהבת השם — ווערט ער אַ בית, פון אהבת השם, פאַר יראת השם — ווערט ער אַ בית פון יראת השם.

דאָס איז די כוונה פונ'ם פסוק: ווען די מילדות האָבען מורא געהאַט פאַר ג—ט און זיך מוסר נפש געווען פאַר אָט דער יראה — ויעש להם בתים — האָט גאָט זיי אַליין געמאַכט פאַר די בתים פון יראה, פאַר די היימען און צענטרום'ס פונוואַנען ס'האָט אַרויסגעשפּאַרט יראת ד' אויפן גאַנצען כלל ישראל.

(דגל מחנה אפרים)

כל הבן הילוד היאורה תשליכהו (א—כב)

דער תרגום אונקלוס זאָגט דערויף, „כל ברא דיתיליד ליהודאי" — דאָס קינד וואָס וועט געבוירען ווערען ביי יודען.

דער בעפעהל איז טאַקי געווען אין אַלגעמיין, יעדעס קינד וואָס וועט געבוירען ווערען זאָל געוואָרפען ווערען אין טייך, וואָרום עס האָט נישט געפּאַסט פאַר אַ קולטורעלע מלוכה צו געבען אַרויס אַזעלכע אויסנאַהם־געזעצען פאַר יודען ספּעציעל. נור די אַדמיניס־

טראַציע בעאַמטע, האָבען שוין בעקו־מען שטילערהייט דעם פירוש פונ'ם געזעץ אַז דאַ מיינט מען נור יודען, און זיי האָבען שוין מתרגם געווען „ליהודאי"...

(שיחות צדיקים)

וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי (ב—א)

בת־לוי איז דאָ געמיינט יוכבד וואָס און שוין דאַן אַלט געוועזען הונדערט און דרייסיג יאָהר, דאָך איז זי צוריק יונג געוואָרען און געבוירען משה'ן.

אָבער פאַרוואָס איז דאָס דערצעהלט אזוי פאַרבייגעהענדיג, כאָטש ס'איז דאָך אַ איבערנאַטירליכע ערשיינונג, בעת יצחק'ס געבוירען, וואָס שרה איז נור אַלט געוועזען ניינציג יאָהר, ווערט אין דער תורה אַזוי ברייט אַרומגערעדט אַלס נס?

האָט דער דובנער מגיד ז"ל דאָס געגעבען צו פערשטעהן מיט אַ משל: צוויי אָרימעלייט האָבען זיך געטראָפען אויפ'ן וועג און געשמועסט וועגען אַ געוויסער שטאָדט אין וועלכע זיי זענען געוועזען נאָך נדבות. איינער האָט גע־ריהמט די שטאָדט־מענשען אַלס בעלי־צדקה און נדיבים און דער צווייטער האָט געשריגען אַז זיי זענען גאָר קאַרג און אַז ער האָט דאָרט גאָרנישט גע־מאַכט צום סוף און אָבער קלאָהר געוואָרען אַז דער ערשטער האָט בע־זוכט די שטאָדט פונקט אין פורים, ווען אַלע געבען מתנות־לאביונים דע־ריבער איז קיין חידוש נישט אַז ער האָט בעקומען שיינע נדבות. דער אַנדערער איז אָבער געוועזען אין דער וואָכענ'ס, האָט ער טאַקי נישט בעקו־מען.

דאָס זעלבע אויך דאָ אין מצרים ווען דאָס גאַנצע קינדער־געבורט איז געוועזען איין גרויס נס, עס זענען געבוירען געוואָרען זעקס קינדער צוזאַמען און אַלע געזונדע און שטאַרקע, איז ממילא נישט קיין בעזונדער חידוש וואָס יוכבד האָט געהאט אַ קינד צו הונדערט און דרייסיג יאָר.אין אברהמ'ס צייטען האָט זיך אָבער אַלעס געפיהרט אויף אַ נאַטירליכען אופן, איז דעריבער יצחק'ס געבוירען צו ניינציג יאָהר געוועזען אַ גרויס חידוש.

ותרא אותו כי טוב הוא (ב—ב)

דער מדרש זאָגט אַז „כי טוב" הייסט ער איז געבוירען געוואָרען גע'מל'ט.

ווייל „טוב" הייסט אין דער תורה אַ גאַנצער אהן אַ פעהלער און „רע" הייסט אַ פעהלערהפטער (זעה פ' בחוקותי: „לא יבקר בין טוב לרע" — טייטשט די גמרא „בין תם לבעל־מום"). אַ „תמים" אָהן אַ פעהלער הייסט נור דער וואָס איז געמל'ט ווי די תורה זאָגט ביי אַברהם אָבינו. „התהלך לפני והיה תמים" — זאָגט דערויף דער מדרש: פאַר'ן מל זיין איז אַברהם גע־

וועזען אַ בעל-מום, נור נאָכ'ן. מל זיין איז ער ערשט געוואָרען אַ תּמים. ווען זשע משה רבינו ווערט באַלד ביים געבוירען ווערען גערופען „טוב" איז עס אַ בעוויז אַז ער איז געבוירען געוואָרען געמל'ט — אַ תּמים.

(ברכת שאול)

ותשם בסוף על שפת היאור (ב—ג)

דער טאָג איז געוועזען זיבען טאָג אין חודש סיון, וואָרום משה רבינו איז געבוירען געוואָרען ז' אדר, און די דריי חדשים וואָס די מוטער האָט איהם בעהאַלטען האָבען זיך געענדיגט ז' סיון. פּונקט אין דעם טאָג האָט משה רבינו שפּעטער מקבל געוועזען די תּורה אויפ'ן באַרג סיני, און דער זכות איז טאַקי איהם יעצט בייגעשטאַנען אַז ער זאָל ניצול ווערען.

(גמרא סוטה)

* * *

פונדאַנען — האָט געזאָגט הגאון רבי מרדכי בענעט ז"ל — דערנעהמט זיך דער יודישער מנהג אויסצושפּרייטען שבועות אין די הייזער גרינע בלעטער וואָס וואַקסען ביים וואסער, כדי צו דערמאָנען דעם „ותשם בסוף על שפת היאור" — וואָס איז אויסגעפאַלען אין שבועות.

ותרד בת פרעה (ב—ה)

אין דער תּורה איז נישט דערמאָנט ווי פּרעה'ס טאָכטער האָט געהייסען. זי ווערט נור אָנגערופען „בת-פּרעה" דאַגעגען אין דברי הימים א' (ד—יח) איז דערמאָנט איהר נאָמען „בתיה". די חז"ל זאָגען אַז דעם נאָמען בתי' האָט איהר השי"ת געגעבען ערשט שפּעטער אַלס דאַנק ווייל זי האָט אָבגעראַטעוועט משה'ן און ג—ט האָט געזאָגט: די האָסט געגעבען אַ נאָמען מיין קינד משה, דערפאַר וועל איך דיר געבען אַ נאָמען אַלס מיין טאָכטער, בתיה — הייסט ג—ט'ס טאָכטער.

אין מדרש אָבער איז דערמאָנט אַז נאָך אין מצרים האָט מען איהר גערופען „בתיה" אַזוי אַז דתן ואבירם האָבען געזאָגט צו משה'ן: מיר ווייסען אַז כאָטש דו זאָגסט אַז די ביזט בתיה'ס זוהן, ביזטו גאָר יוכבד'ס זוהן.

נור באמת האָט פּרעה, וועלכער האָט זיך אַליין געהאַלטען פאַר אַ ג—ט, איהר געגעבען אַ נאָמען וואָס בעדייטעט אויף מצרי'ש לשון „ג—ט'ס טאָכטער", און אין לשון הקודש דאַרף מען טאַקי איבערזעצען: „בת — יה", אַזוי ווי דתן ואבירם האָבען איהר גערופען. די תּורה וויל אָבער נישט געבען פּרעה'ן אַ געטליכען טיטול, דעריבער רופט זי איהר אָן „בת פּרעה" אנשטאט „בתיה". שפּעטער אָבער ווען זי האָט פערלאָזט דעם פאָטער'ס געצענדינערייי און מציל געוועזען משה'ן, בעקומט זי צוריק אין דער תּורה דעם

נאָמען „בתיה״—ג—ט׳ס טאָכטער, ווייל יעצט בעציהט זיך שוין דאָס נישט אויף פרעה׳ן, נור אַז דורך איהרע מעשים איז זי געוואָרען אַ קינד פונ׳ם אמת׳ן לעבעדיגען ג—ט.

(אבני אזל)

ותראהו והנה נער בכה... ותאמר מילדי העברים זה (ב—ו)

זי האָט איהם געזעהען וויינען אָבער נישט געהערט, האָט זי געזאָגט דאָס מוז זיין אַ יודיש קינד. אַ יוד קאָן וויינען שטיל אָהן געשריי.

(הה׳צ ר׳ בונם זצ״ל מאטבוצק)

וירא איש מצרי מכה איש עברי מאחיו ויפן כה וכה וירא כי אין איש ויך את המצרי (ב—יא)

כאָטש דער מצרי האָט געשלאָגען אַזאַ יוד וואָס ער איז געווען „מאחיו״ פון די „גוטע ברודער״ פונ׳ם מצרי אַ יוד אַ שלעכטען, וואָס איז גיכער געוועזען גלייך צו אַ מצרי ווי צו אַ יוד, דאָך האָט זיך משה רבינו אָנגענומען פאַר איהם, ווייל צו בעאורטיילען ווער ס׳איז אַ שלעכטער יוד אָדער אַ גוטער יוד דאָס געהער נישט צו די קאָמפעטענצען פונ׳ם מצרי, דאָס דאַרפען יודען צווישען זיך ענטשיידען. עס הייסט דעריבער: „וירא כי אין איש״ משה רבינו האָט געזעהען אַז דער מצרי איז נישט דער מענש דערצו, וואָס זאָל זאָגען מיינונגען און דעצידירען וועגען גוטקייט אָדער שלעכטקייט פונ׳ם יוד און אויב ער שלאָגט איז עס אַ סימן פון שנאה צו יודען בכלל.

(הדרש והעיון)

* * *

מיט וואָס האָט ער איהם געהרג׳עט? איינער זאָגט מיט דער פויסט (באגרוף), אַ צווייטער זאָגט מיט אַ ליים-שויפעל (באגריפה של טיט) און איינער זאָגט מיט ג—ט׳ס נאָמען (בשם המפורש).
(מדרש)

טייל מיינען אַז מען קען מנצח זיין אונזערי פייניגער בלויז מיט׳ן כח פון דער פויסט, אַ טייל האַלטען ווידער אַז נור מיט אונזערע אַרבייטס מכשירים קען מען זיי בייקומען. דער אמת איז אָבער אַז נור מיט דער הילף פון ג—ט׳ס וואָרט און מיט׳ן גלויבען אין זיין נאָמען קענען מיר זיך שטאַרקען איבער די פערשידענע מצריים וואָס שלאָגען אונז. סיי דער „אגרוף״ און סיי די „מגריפה״ מוזען אָנקומען צום „שם המפירש״.

(אבני אזל)

והנה שני אנשים עברים נצים ויאמר לרשע למה תכה רעך (ב—יג)

ווען יודען קריגען זיך ארום, בעת דרויסען הערשט אזא גרויסע שנאה צו זיי, און יעדער מצרי ערלויבט זיך צו שלאגען א יוד — דאן איז עס באמת א—אונזין און רשעות, וואס משה רבינו קען נישט פערשטעהן און פערטראגען.

(אבני אזל)

אכן נודע הדבר (ב—יד)

פריער האט משה נישט פארשטא-נען פארוואס יודען ווערען געפייניגט אין גלות מעהר פון אלע אנדערע פעלקער, יעצט ווען ער האט געזעהען אז ס'איז צווישן זיי פארהאן לשון הרע און מסירות, האט ער שוין אזוי ווייט פארשטאנען, אז ער האט אפילו געפרעגט „וכי אוציא את בני ישראל" — צוליב וואס פאר א זכות זענען עס יודען ווערט צו ווערען אויסגעלייזט. ווייזט אויס אז דורך לשון הרע, מחלוקת און רכילות, ווערען פערלוירען אלע זכותים.

(שפת אמת)

ויאמר מי שמך לאיש שר ושופט עלינו (ב—יד)

אזוי איז שוין דער דרך פון אלע דתן ואבירם'ס אז אויב ס'קומט איינער זיי שטערען זייערע שלעכטע מעשים הייבען זיי אן צו קוועסטיאנירען זיינע רעכט דערצו, בודק זיין דעם יחוס זיינעם און שרייען: ווער האט דיך געמאכט פאר א דעה-זאגער און אנ-אויטאריטעט. באמת אבער ווען עס האנדעלט זיך אין בעקעמפען דאס שלעכט'ס, דארף יעדער איינער טוהען וואס ער קען — במקום שאין אנשים השתדל להיות איש.

(אבני אזל)

איש מצרי הצילנו מיד הרועים (ב—יט)

דער מדרש זאגט דערויף: „הוא עברי ולבושו מצרי", ווייל ער איז געוועזען געקליידעט ווי א מצרי, דעריבער האבען זיי געזאגט „איש מצרי".

בעת ס'איז מצד דער צארישער רעגירונג ארויס די גזירה אויף דער יודישער הלבשה און די צדיקי הדור האבען זיך שטארק משתדל געוועזען אבצושרייען די גזירה, האט א איינ-פלוסרייכער יודישער משכיל געפרעגט דעם אלטען ווארקער רבין הרה"ק ר' יצחק ז"ל: "וואס שטורעמט איהר אזוי, איז דאך משה רבינו אויך געוועזען געקליידעט ווי אמצרי?"

דערויף האט איהם דער ווארקער רבי ז"ל געענטפערט: משה רבינו האט געזעהען אז יתרו וויל דוקא נעמען א יוד פאר אנ'איידעם, נור ער האט מורא

פאַר די אומות העולם, האָט ער זיך אָנגעטוען אין אַמצרי'שע קליידונג, כּדי צו ערמעגליכען אַז יתרו זאָל איהם קענען נעמען פאַר אַנ'איידעם נישט מורא האָבענדיג פאַר די מדינים וואָס וועלען אָננעמען אַז משה איז אַ מצרי. דאָס קען מען נור טהוען אַמאָהל כדי אָבצונאַרען די מדינים, אָבער אַ יוד זאָל זיך שטענדיג קליידען מיט אגוי'אישער הלבשה — דאָס טאָר מען נישט.

דערויף מאַכט מען די ברכה „אוזר ישראל בגבורה" און „עוטר ישראל בתפארה" — זאָגט דער ב"ה — מען לובט השי"ת וואָס ער האָט אונז אָבגעטיילט פון די פעלקער אַרום אונז מיט אונזער בעזונדער הלבשה.

ותאמרן איש מצרי הצילנו מיד הרועים
ויאמר אל בנותיו ואיו (ב—יט, כ)

אַזעלכער וואָס קען זיך איינשטעלען פאַר גע'רודפ'טע און געפּלאָגטע און זיי ראַטעווען, איז זיכער נישט קיין געוועהנליכער מצרי — כאָטש ער זעהט אַזוי אויס, אַזאַ מצרי מוז מען אויפזוכען און אָנקוקען אויף וואונדער...

(אבני אזל)

וימת מלך מצרים (ב—כג)

די חז"ל זאָגען אַז „וימת" מיינט מען נישט אַז ער איז געשטאָרבען נור ער איז געוואָרען מצורע. ווייל דער פסוק רופט איהם אָן „מלך" מצרים, קען מען נישט טייטשען פּשוט אַז ער איז געשטאָרבען, וואָרום ביים טויט ווערט מען שוין נישט אָנגערופען מלך — „אין שלטון ביום המות"...

(הגאון מווילנא)

ויאנחו בני ישראל (ב—כג)

פריהער זענען יודען געוועזען אַזוי שטאַרק אין גלות אַז זיי האָבען נישט געפיהלט דאָס גלות... יעצט אָבער האָט שוין אָנגעהויבען צו שפּראָצען די גאולה, האָבען זיי ערשט געפיהלט און פערשטאַנען דאָס גלות און אָפּגעזיפצט.

(חדושי הרי"מ)

ותעל שועתם אל האלהים מן העבודה (ב—כג)

די יודען האָבען נישט געהאַט אַזוי פיל צער פון דער שווערער אַרבייט ווי פון דעם וואס מען האָט זיי נישט געלאָזט דאַווענען און דינען דעם אייבערשטען (איזוהו עבודה שבלב — זו תפלה) און דאָס געשריי פון דער „עבודה" איז טאַקי באַלד אַרויף אין הימעל און דערהערט געוואָרען.

(רבי' שמלקי מניקלשבורג ז"ל)

וירא אלהים את בני ישראל וידע אלהים (ב—כה)

ג—ט האָט אָנגעקוקט די יודישע קינדער, ווי זיי האַלטען זיך ביים יודישקייט, און טראָגן אַלע פּיין און עגויים, האָבען זיי נאָך דעם יודישען אויסזעהן און יודישע צורה, זיי האָבען נישט געענדערט זייער הלבשה און זייער לשון, — דעריבער „וידע אלקים" — האָט ער בעשטימט זייער אויסצולייזען.

(בשם צדיק אחד)

* * *

פערהאַן סימנים און צייכנס פון פּיין און ליידן וואָס מען קען זיי זע־הען, ווייל זיי קומען צום אויסדרוק אין דער אויסערליכקייט פונ'ם געפּיי־ניגטען. אָבער די אינערליכע געבראָ־כענקייט און יסורי הנפש וואָס בליי־בען בעהאַלטען טיף אין דער נשמה פונ'ם ליידענדען און געדרוקטען דאָס קען מען נישט זעהען, נור השי"ת וואָס איז אַ יודע מחשבות — ער ווייסט זיי, דעריבער: וירא אלקים—ער האָט געזעהען די אויסערליכע פּיין און— וידע אלקים, ער האָט געוואוסט די אינער־ליכע נשמה'דיגע פּיין פון זיי.

(מלבים)

של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא (ג—ה)

דער קערפּער איז דער אויסערלי־כער מלבוש פון דער נשמה פּונקט ווי דער שיך צום פיס. ג—ט זאָגט צו משה'ן: אויב דו ווילסט משיג זיין די געטליכע השגות און צוקומען צו גרויסע מדריגות פון התגלות אלקית, מוזטו פריהער אַראָבוואַרפען די קער־פּערליכע כּחות און נייגונגען וואָס פערדעקען די נשמה — דאַן וועסטו קענען צוקומען צו דער קדושה.

(מלבי"ם)

* * *

אין דער מדבר ווי עס זענען פער־האַן גיפטיגע שלאַנגען און אַנדערע מזיקים, איז אַ סכנה צו געהן באָרוועס, און ווער עס געהט אָהן שיך איז אַ „מאַבד עצמו לדעת" — דעריבער אַז ג—ט הייסט משה'ן אַראָבוואַרפען די שיך פון די פיס, זאָגט ער איהם באַלד אַז „דאָס אָרט וואָס די שטעהסט דערויף איז הייליג" — און אויף אַ הייליג אָרט קען קיין שום שלאַנג און עקדיש נישט מזיק זיין, פּונקט ווי אין ירו־שלים האָט קיינמאָל קיין שלאַנג נישט געטהון קיין שלעכטס, ווי עס זאָגט די משנה אין אבות: מעולם לא הזיק נחש ועקרב בירושלים".

(עדות ביהוסף)

ראה ראיתי את עני עמי אשר במצרים (ג—ז)
וגם ראיתי את הלחץ אשר מצרים לוחצים אותם (כ ט)

אַ מענש וואָס איז פון אײדעלען שטאַם און איז נישט צוגעוואוינט צו לײדען עוולות, דעם טהוט זעהר וועה אַפילו די קלענסטע עוולה וואָס מען בעגעהט געגען איהם, ווייל ער איז סובטעל און פיהלבאַר. ס'זענען אָבער פערהאַן אַזעלכע ברוטאַלע עוולות פון שלעכטע מענשען, וואָס טוען וועה יעדען געוועהנליכען מענש אפילו נישט קיין ספּעציעל אײדעלען און פיהלבאַהרען.

ג—ט זאָגט: איך האָב געזעהען די פּיין פון „מיין פאָלק“ די אײדעלע קינדער פון אברהם יצחק ויעקב, וואָס זענען אַזוי פיהלבאר אויף די קלענסטע עוולה און אונגערעכטיגקייט. מכל שכן נאָך, אז די ברוטאַלע מצריים דריקען זיי מיט די שווערסטע אונטערדרוקענגען וואָס יעדען מענש וואָלטען זיי וועה געטוען.

(תורת משה)

ויאמר משה אל האלהים מי אנכי כי אלך אל פרעה...
ויאמר כי אהיה עמך וזה לך האות כי אנכי שלחתיך בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלהים על ההר הזה (ג—יא "ב)

משה רבינו אַלס דער גרויסער עניו האַלט זיך נישט פאַר ראוי צו זיין דער יודישער גואל און פרעגט: „מי אנכי“. ענטפערט איהם השי"ת, אַז טאַקי צוליב זיין דאָזיגער פראַגע איז אַ בעווייז אַז ער איז ראוי צו זיין דער גואל. „וזה“ — אָט דאָס דאָזיגע וואָס די פרעגסט „מי אנכי“ — לך האות — איז דער צייכען און בעווייז פאַר דיר — כי אנכי שלחתיך — אַז איך האָב דיך אויסגעקליבען פאַר'ן שליח, — ווייל השי"ת קלויבט נור אויס אַזעלכע וואָס האַלטען פון זיך נישט און זענען ביי זיך גאָרנישט, פונקט ווי ער האָט אויסגעקליבען דעם באַרג „סיני“ פון אַלע בערג צו געבען אויף איהר די תורה, ווייל זיי די גרויסע בערג האָבען שטאָלצירט מיט זייער הויכקייט, און דער „נידריגער“ באַרג „סיני“ איז ביי זיך געווען געפאַלען. און דאָס זאָגט השי"ת: בהוציאך... תעבדון את אלהים על „ההר הזה“. דאָס וואָס איך וועל געבען די תורה אויפ'ן „דאָזיגען באַרג“, דעם קליינעם און נידריגען, און נישט אויף די גרויסע תבור און חרמון בערג — אָט דאָס איז אויך פאַר דיר אַ צייכען אַז דו ביזט ראוי צו זיין דער גואל טאַקי צוליב דיין קליינקייט און נידריקייט ביי זיך.

(אכגי אזל)

* * *

צווישען די חשוב'ע און גרויסע תלמידים פון רבי'ן פון לובלין ז"ל זענען געוועזען צוויי ברודער, זענען צו איינעם געפאָהרען פול חסידים און איהם שטארק פערעהרט, און צום צווייטען איז קיינער נישט געקומען. ווען די ברודער האָבען זיך א מאָהל צוזאמענגעטראָפען, האָט דער צווייטער מיט גרוים חולשת געפרעגט דעם ערשטען: מיר זענען דאָך ביידע גלייך אין תורה און אין חסידות, ביידע צוזאמען געלערנט ביי איין רבין, פאַר־וואָס, ברודער, לויפען די חסידים צו דיר און צו מיר קומט קיינער נישט?

האָט דערויף דער ערשטער ברידער געענטפערט: גלייב מיר, טייערער ברו־דער! אז איך פרעג אויך דאָס זעלבע וואָס דו, פאַרוואָס קומען זיי צו מיר און נישט צו דיר, נור אָט די דאָזיגע שאלות וואָס יעדער איינער פון אונז פרעגט, זענען שוין אַליין די תשובות אויף זיי. ווייל איך פערשטעה נישט פאַרוואָס יאָ, און די פאַרשטעהסט נישט פאַרוואָס נישט — אָט דאָס איז די סבה וואָס די חסידים פאָהרען צו מיר און נישט צו דיר... — וזה לך האות.

בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלהים על ההר הזה (ג—יב)

ווען משה רבינו האָט געוואָלט ווי־סען אין וואָס פאַר א זכות יודען זענען ווערט צו ווערען אויסגעלייזט, האָט איהם ג—ט געזאָגט, אז ווייל זיי וועלען שפּעטער אַרויסגעהענדיג פון מצרים מקבל זיין די תורה אויף דעם באַרג. דעריבער זענען זיי שוין יעצט ווערט די גאולה.

דערמיט האָט דער חדושי הרי"ם ז"ל פערטייטשט די ווערטער פון פייט „החודש אשר ישועות בו מקיפות" (מוסף לפרשת החודש) אז און דעם חודש האָט ג—ט אויסגעבאָרגט (פון לשון „החנוני מקיף") די הילף. ער האָט זיי יעצט געהאָלפען אויף דער קאַנטאָ וואָס זיי וועלען שפּעטער מקבל זיין די תורה. אזא מין הלואה...

ואמרו לי מה שמו מה אמר אליהם (ג—יג)

דער יוד הקדוש פון פּשיסחא ז"ל האָט זיך געפיהרט יעדעס יאָהר ראש השנה פאַר תקיעת שופר האָט ער צו־זאַמענגענומען אַלע וואָס קענען בלאָזען שופר, זיי איבערגעגעבען די כוונות און סודות פון די תקיעות און דערנאָך האָט ער איינעם בעשטימט אַלס בעל תוקע. איינמאָהל האָט דער רבי ר' בונם, זייענדיג נאָך א יונגערמאַן, אויך גע־וואָלט הערען די סודות פון די תקיעות און איז אריינגעגאַנגען פאַר תקיעת שופר צום יוד הקדוש. גראָד האָט איהם דער יוד הקדוש בעשטימט אַלס בעל תוקע. דער רבי ר' בונם איז זעהר דערשראָקען געוואָרען און אויסגעזאָגט אז ער קען גאָרנישט בלאָזען קיין שופר.

וואָס דען — פרעגט דער יוד הקדוש מיט הקפדה — ביזטו אַריינגעקומען אָהן רשות? און פאַרוואָס האָסטו מיך אָבגענאַרט?

דערויף האָט דער רבי ר' בונם געענטפערט: משה רבינו האָט דאָך אויך אַזוי געטהון. פריער האָט ער געפרעגט דעם אייבערשטען וועגען זיין נאָמען וואָס ער דאַרף די יודען איבערגעבען. ווען ער האָט שוין געהערט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט הערען האָט ער אָנגעהויבען צו זאָגען „מי אנכי"—אַז ער קען נישט זיין קיין שליח צו פּרעה. ווייזט דאָך אויס, אַז דאָס איז נישט קיין רמאות...

ויאמר אלהים אל משה, אהיה אשר אהיה (ג—יד)

דער חותם פון ג—ט איז „אמת". אַז משה פרעגט מיט וואָס וועט ער קענען יודען פערזיכערען אַז דאָס וואָס ער זאָגט זיי וועט ווירקליך ערפיעלט ווערען.

זאָגט איהם ג—ט, אַז די גאַראַנטיע איז דער נאָמען „אהיה אשר אהיה" וואָס איז מרמז אויף אמת. וואָרום אמת בעטרעפט 441. און א ה י ה בעטרעפט 21. „אהיה" געדאָפּעלט אויף „אהיה" ד. ה. 21 מאָהל 21 איז אויך 441.

און דאָס איז די כוונה פון פייטן: וכל מאמינים שהוא דיין א מ ת, ההגו ב א ה י ה א ש ר א ה י ה" (מוסף לראש השנה).

(אדמו"ר מגור שליטא)

אהיה שלחני אליכם (ג—יד)

ג—ט זאָגט משה'ן אַז ער זאָל יודען מחזיר בתשובה זיין וועלען זיי ווערט זיין די גאולה. „אהיה" איז דער שם פון תשובה ווייל ער בעדייטעט: וואָס ס'איז געוועזען איז געוועזען נור פון היינט אָן וועל איך שוין זיין גוט...

(מאור ושמש)

ואני ידעתי כי לא יתן אתכם מלך מצרים להלוך ולא ביד חזקה (ג—יט)

אַ יוד, אפילו ער וויל נישט מיטן אייגענעם רצון, טוען גוטס, ווען מען צווינגט איהם אָבער צום גוטען, איז ער צופריעדען, ווייל זיין אינערלעכען רצון איז בעצם צום גוטען, נור די אויסערליכע קערפּערליכע נגיעות לאָזען נישט צו, בעזייטיגט מען נור די דאָזיגע מניעות אַזוי אַז צוליב צוואַנג מוז דער קערפּער אויך וועלען—הייסט עס שוין אַ פולשטענדיגער רצון.

פרעה אָבער, נישט בלויז וואָס ער האָט נישט געוואָלט אַליין יודען בעפרייען, נור אפילו „ביד חזקה", ווען מען וועט איהם צווינגען, וועט ער אויך אינערליך נישט וועלען — ווייל דער גוי וויל בעצם נישט טוהען ג—ט'ס רצון.

(משך חכמה)

ונתתי את חן העם הזה בעיני מצרים והי׳ כי תלכון לא תלכו ריקם (ג—כא)

אז מען געהט נישט אַרום ליידיג, מען איז נישט מבטל פון תורה, האָט מען חן אפילו ביי די שונאים. אפילו זיי מוזען זיך בעציהען מיט רעספעקט — ברצות ד דרכי איש גם אויביו ישלים אתו. —

(אמרי כהן)

ושמתם על בניכם ובנותיכם (ג—כב)

די מלבושים וואָס זיי האָבען געבאָרגט ביי די מצריים, האָבען זיי נור אַרויפגעלעגט אויף די קינדער, אָבער נישט זיי אָנגעקליידט (ושמתם — נישט (והלבשתם) ווייל יודען האָבען אָבגעהיטען זייערע אייגענאַרטיגע יודישע הלבשה. און ממילא נישט אָנגעטוּען די מצרישע מלבושים אַזוי ווי זיי זענען איידער מען האָט זיי איבערגעמאַכט לויט'ן יודישען סטיל.

(מקור ברוך)

ויען משה ויאמר והן לא יאמינו לי (ד—א)

ווי פאַלט אוים משה רבינו צו דערוועקען אַ חשד אַז יודען וועלען נישט גלייבען?

נור וויסענדיג אַז דער גלות מצרים איז דער שורש פון אַלע שפּעטערדיגע גלות'ן און אַז די גאולה פון מצרים איז אויך דער שורש פון אַלע גאולות, האָט ער געוואָלט באַלד אויסבאַהנען אַ וועג, אַז יודען מוזען אויסגעלייזט ווערען אפילו ווען זיי וועלען נישט זיין שטאַרק אין דער אמונה, ער האָט דעריבער געוואָלט הערען פון השי״ת דעם בעפעהל צו געהן אויסלייזען יודען אפילו ווען „לא יאמינו לי...“

(שפת אמת)

ויאמר אליו ד׳ מזה בידך? ויאמר מטה. ויאמר השליכהו ארצה וישליכהו ארצה ויהי לנחש וינס משה מפניו. ויאמר ד׳ אל משה שלח ידך ואחוז בזנבו (ד—ב, ג, ד)

ג—ט פרעגט משה'ן: מזה בידך — וואָס פאַר אַ כח האָסטו אין דער האַנד זיך צו בענוצען אַלס אַ פיהרער פון יודען דערויף ענטפערט משה: מטה — ער וועט זיך בענוצען מיט'ן כח פון שטרענגער און האַרבער דיסציפּלין, מיט'ן כח פון ג'ם שטעקען. קלערט איהם אָבער השי״ת אויף, אַז דער דאָזיגער

כח איז נישט קיין ריכטיגער. ווייל בלויז שטרענגקייט ווערט דערנאָך פערוואַנדעלט אין אַ שלאַנג, דאָס פאָלק בונטעוועט זיך פון אינערליכען כעס, סוף כל סוף וואַרפט עס פון זיך אַראָב די הערשאַפט און די מאַכט פון די שטרענגע פיהרער. נור ווען משה ווייל אינגאַנצען אַנטלויפען פאַן אַט דער שיטה און בענוצען זיך בלויז מיט עניוות זאָגט איהם ג—ט: „שלך ידך ואחוז בזנבו", — עטוואָס מוזטו זיך בענוצען מיט'ן מטה, אַביסעל שטרענגקייט מוז מען בענוצען אפילו ווען מען פיהרט מיט ליבשאַפט. ווייל לגמרי אָהן יעדער דיסציפלין קען קיין שום הנהגה נישט עקזיסטירען, און אַזוי האָט די תורה בעפוילען יעדען מלך, נישט זיך גרויס צו האַלטען: „לבלתי רום לבבו מאחיו", אָבער דאָך, טאָר ער נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד — שתהא אימתו עליך".

(פרדס יוסף)

ויהי למטה בכפו (ד—ר)

„נחש" איז דער סימבאָל פון גאות און זעלבסט פערגעטערונג, האָט דאָך טאַקי דער ערשטער שלאַנג אָנגערעדט דעם מענש צו זעלבסט פערגעטערונג — „והייתם כאלהים". דאַגעגען „מטה" איז דער סימבאָל פון ביטול צום העכערן געטליכען כח, פונקט ווי דער שטעקען וואָס קען אַליין גאַרנישט טוען ווען נישט די האַנד וואָס בעוועגט אים (היתפאר הגרזן על החוצב בו). משה ווייזט דעריבער פרעה'ן אַז פאַר איהם ווערט דער שטעקען פערוואַנדעלט אין אַ שלאַנג אַלס צייכען פון זיין שטאָלצקייט און זיין בעטראַכטען זיך פאַר'ן גרעסטען געטליכען זעלבסטהערשער דאַגעגען ביי משה'ן אין האַנד איז ער ווייטער אַ שטעקען, ווייל משה גלייבט אַז אַלע מענשליכע כחות זענען נישט זיינע אייגענע נור זיי ווערען געפיהרט פון דער געטליכער השגחה און ווערען בטל צו איהר, פונקט ווי דער שטעקען אין דער מענשליכער האַנד.

(אבני אזל)

וישלח ידו ויחזק בו (ד—ר)

„נחש" איז דער נאָמען פון יצר־הרע וואָס רעדט דעם מענש צו צום שלעכטען. דעריבער לערנט די תורה אַז מען זאָל איהם אָנכאַפען און זיינע כחות אויסנוצען צו יודישקייט ווי עס זאָגען די חז"ל: „ואהבת את ד' אלהיך בכל לבבך — בשני יצריך", אויך די שלעכטע כחות פון מענש דאַרף מען איבעראַרבייטען און מיט זיי בענוצען צו עבודת השם, און דאָס איז די כוונה פונ'ם מאמר: איזהו גבור הכובש את יצרו". דער גבור איז כובש דעם יצר הרע און בעצוואונגט איהם מיטצוהעלפען צום גוטען.

(פרדס יוסף)

* * *

ווען דער רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער ז"ל איז געוועזן א קינד און איז אמאהל אין דער פריה לאנג געשלאפען האט איהם דער פאטער גע־מוסר'ט און געזאגט פארוואס לערענסטו דו דיך נישט אפ פונ'ם יצר הרע אליין, וואס טהוט אזוי בשלימות זיין שליחות און ערפיעלט זיין אויפגאבע צו וועלכער ער איז בעשאפען געווארען — אנצורייידען מענשען צום שלעכטען, ער ווערט גארנישט מיעד און פוילט זיך נישט, ווייל ער טהוט דעם רצון פון זיין בעשעפער, און דו פוילסט זיך און שלאפסט לאנג.

האט רבי מאיר'ל געענטפערט אויפ'ן ארט: דער יצר־הרע האט דאך נישט קיין אנדערען יצר הרע וואס זאל איהם אבערעדען פון זיין ארבייט, איך אבער האב דאך א יצר הרע וואס רעדט מיך אב און מאכט מיך פויל...

ויבא ידו בחיקו... והנה ידו מצורעת כשלג (ד—ו)

דער מענש איז בעשאפען געווארען צו לייסטען און צו טהוען, צו ווירקען און צו שאפען, דער וואס איז נאכלעסיג און פוילט זיך צו טהיען דאס וואס ער דארף, איז פונקט ווי ער וואלט חרוב געמאכט דאס געשאפענע (גם מתרפה במלאכתו אח הוא לבעל משחית) אין עצלות ליגט טויט און פערניכטונג. אויב די האנד ליגט בעהאלטען אין טאש און טהוט נישט דאן איז — צרעת — וואס איז געגליכען צו מיתה. נעמט מען אבער ארויס די האנד פון טאש צו טהוען און צו ווירקען, לעבט די האנד צוריק אויף — „והנה שבה כבשרו".

(מלבי"ם)

כי כבד פה וכבד לשון אנכי ד—יוד

משה רבינו איז געוועזן א כבד־פה, כדי מען זאל נישט זאגען, אז ווייל ער איז געוועזן א גוטער רעדנער און אגיטאטאר, דעריבער האט ער געקענט האבען א איינפלוס אויפ'ן פאלק און געבען עם א תורה. האט מען איהם דעריבער בעשאפען אלס שטאמלער און שווער־רעדנער, כדי אלע זאלען וויסען אז זיין השפעה איז געוועזן נור צו ליב זיין נבואה. ווייל „שכינה מדברת מתוך גרונו".

(דרשות הר"ן)

* * *

משה רבינו האט געמוזט זיין א כבד פה ווייל אלס שטאמלער האט ער נישט געקענט ארויסרייידען דאס אות „פא" און ווען ער איז געקומען צו יודען און ארויסגעזאגט די ווערטער „פקד פקדתי" גלייך ווי אלע אנדערע מענ־

שען, האָט מען געזעהען דערין אַ וואונ־דערליכען סימן אַז ער איז ג—ט'ס שליח אויסצולייזען יודען. האָט דאָך ממילא זיין שטאַמלעריי מיטגעווירקט צו דער גאולה.

(פה קדוש)

ויאמר ד' אליו מי שם פה לאדם (ד—יא)

משה רבינו האָט פריהער אויך זי־כער געוואוסט די דאָזיגע תשובה וואָס ג—ט וועט איהם געבען, און דאָך האָט ער געפרעגט „מי אנכי?" ווייל זייענ־דיג אַ גרויסער עניו, האָט ער מורא געהאַט אַז עס זאָל עפּעס נישט קאַליע ווערען אין זיין שליחות דאַדורך וואָס עס וועט זיך אַריינמישען עטוואָס אַ מענשליכער כח, האָט ער דעריבער געוואָלט ס'זאָל קלאָהר ווערען פאַר אַלעמען, אַז אַלעס איז דער כח פון השי"ת און זיינע כחות זענען דאָ גאָר־נישט פערהאַן.

(שפת אמת)

וראך ושמח בלבו (ד—יד)

דער מדרש זאָגט דערויף: ווען אהרן וואָלט געוואוסט אַז די תורה וועט אויף איהם שרייבען „וראך ושמח בלבו" וואָלט ער אַ קייגען געגאַנגען מיט מוזיק טענץ.

נישט צוליעב דעם, ווייל אהרן האָט געוואָלט אַז מען זאָל איהם ריהמען. נור די כוונה איז, ווען ער וואָלט גע־וואוסט אַז זיין פשוט'ע נאַטירליכע פרייד ריהרט אָן אַזוי הויך און איז אַזוי גרויס אַז דערפון וועט ווערען אַ פסוק אין דער תורה, וואָלט ער די דאָזיגע שמחה נאָך מעהר פערברייטערט און פערטיעפט מיט די געהעריגע פאָר־ברייטונג און התלהבות.

(חדושי הרי"מ)

ויקח משה את אשתו ואת בניו וירכיבם על החמור (ד—כ)

משה רבינו האָט אויפגעהויבען גייסטיג־הויך זיינע הויז־מענשען און זיינע קינדער און זיי אויסגעלערענט אַז זיי זאָלען קענען בעהערשען זייער חומרי און רייטען אויף איהר...

(ספרי צדיקים)

כה אמר ד' בני בכורי ישראל (ד—כב)

דער עלטסטער זוהן איז חשוב און נעמט צוויי חלקים אין פאָטער'ס ירושה ווייל ד ע ר זוהן האָט דאָך איהם ערשט פאַר אַ פאָטער געמאַכט, אַזוי האָבען יודען געמאַכט השי"ת פאַר'ן פאָטער פון דער וועלט, פערשפּרייטענ־דיג די אמונה אין איהם, אין זיין השגחה און יכולת.

(משך חכמה)

ויהי בדרך במלון ויפגשהו ד' ויבקש המיתו (ד—כד)

משה רבינו האָט דאָ געזאָלט גע־שטראָפט ווערען — לויט די חז"ל — ווייל ער האָט פערזוימט מל'ה צו זיין דאָס קינד, וועלענדיג תיכף ערפיהלען ג—ט'ס בעפעהל צו געהן קיין מצרים. אַלזאָ צוליעב דאָס פערזוימען אומגערן פון איין מצוה, האָט געזאָלט אומקומען דער יודישער גואל און ממילא בטל ווערען דער גאַנצער פּלאַן פון גאולת־מצרים און אַלעס וואָס האָט זיך פון דער גאולה ענטוויקעלט.

דאָס לערנט אונז, אַז גאולה־אַרבייט מוז קודם כל האָבען אַלס פאָרבעדינג. דאָס פאָלשטענדיגע אָבהיטען די מצוות פון דער תורה. אַלע גאולה־פּלענער. אפילו דורכ'ן אמת'ן גואל קענען צושטערט ווערען דורכ'ן נישט אָבהיטען ווי גע־העריג אפילו איין מצוה פון דער תורה.

(אחד מחכמי מוסר.)

ותקח צפורה צר ותכרות את ערלת בנה (ד—כה)

פערצייטענס האָט מען מל'ה געווע־זען מיט אַ שאַרפען שטיין, שפּעטער האָט מען אָנגעהויבען דערצו בענוצען אַ מעסער פון מעטאַל. ווייל ווען דוד האָט געוואָרפען די שטיינער אויף גלית הפלשתי וועלכער איז געוועזען גע־פּאַנצערט פון קאָפּ ביז די פוס מיט מעטאַל, האָט דער מעטאַלענער פּאַנצער געמאַכט אַנ'אָרט אַדורכצולאָזען די שטיינער צום קערפּער פון גלית'ן. פאַר דעם האָט דאָס מעטאַל בעקומען פון די שטיינער אַ מתנה אַז די מצוה פון מילה זאָל פון דאַן אָן געטהוען ווערען מיט מעטאַל אנשטעט מיט שטיינער.

(צאינה וראינה בשם ילקוט)

———

לא תאסיפון לתת תבן (ה—ז)

„נישט מעהרען" דאַרף זיין אין לשון־הקודש: לא תוסיפון, דאַגעגען „לא תאספון" (מיט אַנ'אלף נאָך די תיו) איז פון שרש „אסף" וואָס הייסט איינזאַמלען, צוזאַמענגעמען.

פרעה האָט מאַקי געגעבען אַ בע־פעהל, אַז מען זאָל יודען נישט לאָזען זיך צונויפזאַמלען און צוזאַמענקומען. וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז ווען יודען נעמען זיך צונויף און האַלטען זיך בייזאַמען, קענען זיי בייקומען אַלע צרות און מבטל זיין אַלע גזירות.

(הה"ק ר'ד מלעלוב ז"ל)

———

* * *

פאַרוואָס האָט פרעה פערבאָטען צו געבען שטרוי צו דער אַרבייט, ער האָט דאָך געקענט פערלאַנגען אַז זיי זאָלען מאַכען אַ גרעסערען סכום ציגעל?

נור פרעה וועלענדיג בעיקר פער־ביטערען יודען דאָס לעבען, האָט גע־וואוסט אַז זאָרג און קאָפּ־ברעכעניש איז פיל ערגער ווי די שווערסטע פי־זישע אַרבייט. דעריבער האָט ער בע־

סער געוואָלט זיי צובּרעכען דורך זאָר גען פונוואַנען צו נעמען שטרוי, אייַ דער צו פערלאַנגען מעהר אַרבּייט.

(הרב ר' ח"ה זצ"ל מאלכסנדר)

תכבד העבודה על האנשים (ה—ט)

זאָל בּעשווערט ווערען די אַרבּייט און זיי זאָלען מעהר נישט רוהען אין שבּת.

מדרש]

בּיז יעצט האָבּען זיי דעם קאָנטי נענט ציגעל פון שבּת-דיגען טאָג אָבּ געאַרבּייט אין די וואָכען-טעג, אַרבּיי טענדיג לענגער, יעצט אָבּער ווען די אַרבּייט פון יעדען טאָג איז גרעסער און שווערער געוואָרען זענען זיי ממילא געצוואונגען געוואָרען צו אַרבּייטען אין שבּת — און דאָס האָט טאַקי פּרעה געוואָלט אַז זיי זאָלען מעהר נישט קענען רוהען שבּת.

[שפן אמת לקוטים]

תבן אין נתן לעבדיך ולבנים אומרים לנו עשו (ה—טז)

דער רבּי ר' מאיר'ל פּרעמישלאַנער ז"ל האָט געפּלעגט זאָגען בּדרך צחות: — תּבן אין נתן לעבדיך, — קיין פערשטאַנד (פון לשון „תּבונה") האָסטו נישט געגעבּען דיינע קנעכט, מיר זאָלען אַליין פערשטעהן ווי מען דאַרף דיך דינען, אָבּער — ולבנים — די ווייסע האָר (אַזוי ווי לבנים) אומרים לנו — זיי זאָגען אונז: עשו — טהוט די האָר וואָס ווערען ווייס אויף דער עלטער דערמאָהנען אונז אַז מען דאַרף עפּעס טהוען אויף דער וועלט...

למה הרעותה לעם הזה למה זה שלחתני (ה—כב)

משה רבּינו האָט זיין גרויס ענוות געהאַלטען אַז ער איז נישט גענוג פּאַסיג צו זיין דער יודישער גואל, אַז עס דאַרף געשעהען דורך אַ בּעסערן פון איהם. דעריבּער איז ער תּולה דאָס וואָס פּרעה האָט נאָך פערשטאַרקט די פּיין פון די יודען, אין זיך, אַז ער איז שולדיג דעריין, און שרייט דעריבּער: „למה זה שלחתני" — פאַרוואָס האָסטו מ י ד געשיקט? ווען עס וואָלט געווען אַ בּעסערער שליח פאַר מיר וואָלט דאָס נישט געשעהען. דערויף ענטפערט איהם ג—ט: „ע ת ה ת ר א ה" יעצט וועסטו זעהען די הילף. יעצט דו האַלטסט זיך טאַקי אַזוי שפל'דיג, טאַקי דערפאַר בּיסטו עס ערשט ווערט צו זיין דער ריכטיגער גואל.

[ספרי צדיקים]

* * *

דער רבּי ר' העניך ז"ל פון אלכּסנדר האָט דערצעהלט — ווי זיין שטייגער איז געווען — אַ מעשה כּדי מסביר צו זיין דעם פּסוק.

געווען אַמאָהל אַ דאָרפסמאַן אַ גרויסער עם הארץ וועלכער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי מען ריכט אָבּ פּסח דעם סדר, האָט ער געזאָגט צום וויבּ

אַז זי װאָל אַריינגעהן צום שכן זעהען װי אַזוי ער מחוט און אַרריינקומען איהם איבערגעבען. װען דאָס װייב איז אַריינגעקומען צום שכן האָט זי אָבער אָנגעטראָפען װי דער שכן האָט געשלאָגען זיין װייב. אָנגעמענדיג אַז אַזוי ריכט מען אָב דעם סדר האָט זי מורא געהאַט אַריינצוגעהן און דערצעהלען דאָס דעם מאַן, נור זי איז געבליבען שטעהן אין דרויסען. דער ישוב'ניק װאַרט לאַנג אויפ'ן װייב, און װען ער זעהט איהר נישט צוריקקומען װערט ער אין כעס, לויפט אַרויס איהר אויפזוכען און טרעפענדיג איהר אַרום דרעהען אויפ'ן גאַס האַט ער איהר אָנגעהויבען שלאָגען. דאַן האָט דאָס װייב אָנגעהויבען שרייען: אויב דו האָסט אַליין געװאוסט װי אַזוי מען ריכט אָב דעם סדר — צו װאָס זשע האָסטו מיך געדאָרפען שיקען געװאָהר װערען?...

דאָס האָט אויך משה גע'טענה'ט צום השי"ת: דו האָסט דאָך יאָ געװאוסט װאָס פרעה װעט טהוען נאָך מיין בעזוך טאָ צו װאָס האָסטו מיך געשיקט. דאָס שלאָגען יודען, װאָס מוז געשעהען פאַר דער גאולה האָט דאָך געקענט געשעהען אָהן מיין געהן צו פרעה'ן...

עתה תראו, אשר אעשה לפרעה (ו—א)

ביז יעצט װען ס'האָט זיך געהאַנדעלט בלויז אין צער און פיין פון יודען, האָט געקענט זיין אַ קיטרוג אַז יודען זענען נישט װערט די גאולה, אָבער יעצט װען פרעה װייזט שוין אַרויס אַזוי פול עזות געגען ג—ט און זאָגט: „לא ידעתי את ד' וגם את ישראל לא אשלח" איז עס דאָך שוין נוגע כבוד שמים, און צער השכינה דעמאָלט קענען שוין קיין שום קטרוגים נישט זיין און די הילף מוז קומען.

[שם משמואל מהה" ממוכטשוב ז"ל]

* * *

אַז אַ יוד בעט אין אַנ'עת צרה — פלעגען זאָגען דער רבי פון לובלין און דער קאָזשעניצער מגיד ז"ל — זאָל ער בעטען בעיקר אויפ'ן צער השכינה נישט אויף זיין אייגענעם צער, װייל אויב בנוגע איהם קען זיין אַ קיטרוג, אָבער — בנוגע דעם צער פון השי"ת, װאָס ער האָט פונ'ם צער פון יעדען יוד מוזען אַלע מקטריגים פערמאַכען דאָס מויל.

די גאולה קומט נור נאָך דעם װי אַלע האַבען שוין מסיח דעת געװעזען און זיך מייאש געװעען פון איהר — זאָגען די חז"ל. די יודען אין מצרים האָבען טאַקי צוליעב זייער מצב זיך שוין געהאַט מייאש געװעזען פון דער גאולה אָבער משה רבינו אַליין האָט דאָך יאָ ערװאַרט די גאולה און געהאַפט אויף איהר, יעצט אָבער װען משה רבינו האָט שוין אָנגעהויבען מסיח דעת זיין און געשריגען אַז עס איז גאָר שלעכטער געװאָרען — יעצט — זאָגט איהם ג—ט — איז שוין געקומען די ריכטיגע צייט פון דער הילף.

װאָס ערגער דער מצב, װאָס מעהר דער יאוש און די פערצװייפלונג — אַלס נעהנטער איז די גאולה. [פרדס יוסף]

הפטרה שמות

ירמיה א—ב (לספרדים)

אל תאמר נער אנכי כי על כל אשר אשלחך תלך (א—ז)

ווען אַ מענש קומט זאָגען עפּעס אין זיין אייגענעם נאָמען מוז ער זיין אַנ'אויטאָריטעט כּדי ער זאָל געהערט ווערען, און דאָ שפּילט אַ ראָלע זיין עלטער. אַ יונגער מענש האָט ווייניגער חשיבות און זיינע ווערטער האָבען ווייניג וואָגיגקייט. אָבער ווען איינער קומט אַלס שליח פון אַ גרויסען אין חשוב'ן קעניג און ער זאָגט עפּעס אין אַט דעם קעניג'ס נאָמען. דאַן שפּילט זיין פּערזאָן קיין שום ראָלע נישט.

מעג ער זיין יונג און קליין — הערט מען איהם, ווייל דער וואָס האָט איהם געשיקט גיט איהם אויטאָריטעט און אָנזעהן. דעריבער זאָגט השי"ת, אויב: על כל אשר אשלחך תלך — דו געהסט אין מיין שליחות, דאַן — אל תאמר נער אנכי — איז עס גאָרנישט קיין נפקא מינה וואָס דו ביזט יונג און קליין, דיין פּערזאָן קומט דאָ נישט אין בעטראַכט, נור דער משלח דיינער

[מלבו"ם]

מקל שקד אני רואה (א—זא)

פאַרוואָס פונקט אַ שטעקען פון אַ מאַנדעל בוים? ווייל די מאַנדלען וואַקסען זעהר שנעל, פונ'ם בליהען ביז די פרוכט ווערט פאַרטיג, דויערט נישט מעהר ווי איין און צוואַנציג טעג. דאָס האָט ג—ט איהם מרמז געוועזען אַז

סוועט נישט מעהר דויערן ווי איין און צוואַנציג טעג פונ'ם שפּאַלטען די מויער פון ירושלים — שבעה עשר בתמוז — ביז דעם חורבן פון בית המקדש — תשעה באב.

[בשם מדרש אגדה]

אל תחת מפניהם פן אחתך לפניהם (א—יז)

אויב דו האַלטסט זיך שטאַרק און פעסט געגענאיבער דעם שלעכטען, בעקומט יענער דרך־ארץ און אַכטונג אז ער מוז זיך בעציהען מיט רעספּעקט צו דיר. ווען אָבער דו ברעכסט זיך פאַר איהם, דו בויגסט זיך פאַר מורא

און חנפה'סט איהם דאַן ווערסטו גע־בראָכען פאַר איהם, דאַן הערט ער אויף דיך צו אכטען און טרעט דיך צו מיט זיינע ברוטאַלע פיס.

[מפי חשמועה]

[הפטרה לאשכנזים] ישעי׳ כז(

הבאים ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל ומלאו פני תבל
תנובה (כז—ו)

די גרים וואָס קומען צו יודען פון דער פרעמדר כאָטש זייער שורש איז פון יעקב אָבער זיי זענען דאָך נישט פעסט אין דער אמונה. אַזוי ווי ס׳איז געווען ביים ערב רב אין מצרים, און ווי די חז״ל זאָגען: „קשים גרים לישראל כספחת״. נור די אמת׳ע ישראל זיי גיבען אַרויס בלומען און פרוכטען אויף דער וועלט, זיי בלייבען פעסטע יודען טראָץ וואָס זיי ליידען דערפאַר.

[אהבת יהונתן]

הכמכת מכהו הכהו? אם כהרג הרגיו הרג?
בסאסאה בשלחה תריבנה (כז—ו, ח)

מען וועט נישט די גויים משפט׳ן לויט דעם מצב פון יודען אין גלות, אַז זיי האָבען געשלאָגען און געפייניגט שפל׳דיגע, צובראָכענע און מבוזה׳דיגע מענשען, נור לויט דעם מצב וואָס יודען זענען געווזען אין זייער פערגאַנגענהייט און וועלען זיין אין דער צוקונפט — הייליגע קינדער פון אברהם יצחק און יעקב, און פרייע און דערהויבענע מענשען.

דער דובנער מגיד ז״ל האָט געזאָגט דערויף אַ משל: אַמאָל איז דער שטאָדטישער גביר און פרנס הקהל געוואָרען אין פעם אויף איינעם, אַ געוועהנליכען מענש און האָט איהם געפּאַטשט. מיט דער צייט איז דער פרנס אַראָב פון זיין מדרגה, און דער געפאַטשטער מענש איז רייך געוואָרען און איז אויך געוואָרען דער מנהיג פון דער שטאָדט. האָט ער אָנגעקלאָגט דעם געוועזינעם גביר פאַר דער בעליידיגונג וואָס ער האָט איהם געשלאָגען דאַן ווען ער איז געוועזען פרנס דער געוועזענער ראש הקהל טענה׳ט דאַן ביים ריכטער: ווען איך האָב איהם געפּאַטשט איז ער דאָך געוועזען אַ פּראָסטער מענש און נישט קיין פרנס, קומט דאָך מיר נישט קיין גרויסען קנס. די ריכטער ענטפערן אָבער: מיר מוזען אַרויסגעבען דעם משפט לויט ווי דער ענין קומט יעצט פאַר אונז און יעצט איז ער דאָך דער חשוב׳סטער מענש אין שטאָדט און דו ביזט אַ פּראָסטער בשר ודם, קומט דיר דעריבער אַ גרויסער קנס.

דאָס זאָגט אויך דער נביא: הכמכת מכהו הכהו? — האָט דען השי״ת בעצאָהלט די מצריים לויט׳ן ערך וואָס די יודען האָבען געהאַט בעת זיי האָבען זיי געשלאָגען? ניין! נור — בסאסאה בשלחה תריבנה — ער האָט זיי געמאָסטען אין דער מאָס ווי יודען

זענען געוואָרען נאָכ'ן אַרויסשיקען זיי פון מצרים, און גע'משפט די מצרים פאר שלאַגען פרייע און גרויסע מענשען נישט קיין נידריגע שקלאַפען...

כי לא עם בינות הוא על כן לא ירחמנו עשהו (כז—יא)

פון דעם פסוק לערנען די חז"ל אז: „מי שאין בו דעה אסור לרחם עליו" (ברכות ל"ג)

האָט דער חדושי הרי"ם ז"ל געזאָגט, ווי גרויס איז ערשט דאָס רחמנות אויף אזעלכען וואָס די תורה אַליין הייסט נישט אויף איהם האָבען קיין רחמנות... מיט וואָס קען מען זיך אָבער אויף איהם מרחם זיין — אַז מ'טאָר דאך נישט? נור ס'איז דאָ אַן עצה איהם צו לערנען דעת כדי מען זאָל זיך מעגען אויף איהם מרחם זיין...

ואתם תלקטו לאחד אחד בני ישראל (כז—יב)

דער חורבן איז געקומען ווייל ס'איז ביי יודען נישט געווען קיין אחדות נור שנאת חנם. וואָרום ווען יודען זענען צווישען זיך צוריסען אין צושפּליטערט קען דער זכות פון די צדיקים נישט מגין זיין אויפ'ן פאָלק. די צוקונפטיגע גאולה וועט נור קומען ווען יודען וועלען ווערען ווי איין מענש — מיט דער געהעריגער אחדות. דאָס זאגט דער נביא: ואתם תלקטו — איהר וועט ווערען צוזאַמענגעקליבען נור דאן ווען — לאחד אחד בני ישראל — ווען די בני ישראל וועלען אַלע ווערען ווי איין מענש.

[אהבת יהונתן]

והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים (כז—ג,)

ווען משיח וועט קומען און צוזאַמענגעמען אַלע יודען, וועלען דאַן צוריקקומען אַלע פערבלאָנדזעטע און פערשטויסענע, סיי די וואָס זענען פערבלאָנדזעט געוואָרען דורך פאַלשע כפירה'דיגע שיטות און אידעען, און סיי די וואס זענען פערשטויסען געוואָרען צוליב זייערע תאוות וועלענדיג פיהרען אַ דעמאָראַליזירט - הפקר'דיג לעבען. „אשור" איז דער סימבאָל פון ג—ט לאָזיגקייט און כפירה — אַזוי ווי סנהרב מלך אשור האט פערגעטערט זיינע אייגענע כחות און זיין חכמה („בכח ידי עשיתי ובחכמתי כי נבונותי" — ישעי' י—י"ג) — דאַגעגען „מצרים" איז דער סימבאָל פון קערפערליכע תאוות און מאָראַלישע הפקירות — ווי עס ווערט אָנגערופען „ערות הארץ".

דאָן וועלען צוריקקומען סיי די „אובד'ס" — די פערלוירענע צוליב „אשור" און סיי די „נדחים" — די פערשטויסענע צוליב „מצרים"...

[אבני אזל]

את מי יורה דעה ואת מי יבין שמועה גמולי מחלב
עתיקי משדים (כח׳—ט)

די חז״ל זאגען אז זייט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרען איז די נבואה געגעבען געווארען צו שוטים און צו קינדער. די כוונה דערפון איז אַז ווען יודען זענען געוועזען אין ארץ ישראל איז די הימלישע השפעה, סיי די גשמיות׳דיגע און סיי די רוחניות׳דיגע געגאנגען אויפ׳ן ריכ־טיגען אָרט, אבער נאכ׳ן חורבן, קומט נישט די שפע אויפ׳ן ריכ־טיגען ארט, דער רעגען גייט אַראָב אויף וויסטע ערטער און די גייסטיגע השפעה קומט אַראָפּ אויף נישט די ריכטיגע מענשען. דאס הייסט „לשוטים ולקטנים".

דאס זאגט דא דער נביא. דער דעת און די בינה ווילען קומען צו די גמולי־מהלב נישט אויפ׳ן ריכטיגען פלאץ און נישט צו די ריכטיגע מקבלים.

[אהבת יהונתן]

* * *

דער רבי ר׳ בונם ז״ל פון פשיסחא האט געזאגט אויף דעם וואס אין די לעצטע תקופות ווערען געמאַכט נייע ענטדעקונגען אין דער מעכניק און עס ווערען דערגרייכט נייע דערגרייכונגען אין דער וויסענשאַפט, ווייל אין זוהר הקדוש שטעהט אַז אין זיבעטען יאהר־הונדערט פונ׳ם זעקסטען טויזענד (שנת ת״ר) וועלען ווערען געעפנעט די טויערען פון חכמה. נור אַז יודען וואלטען ווערט געוועזען וואלטען די דאזיגע השפעות פון חכמה געקומען אויפ׳ן ריכטיגען ארט אין די חכמת התורה והקדושה — ווייל מען איז עס נישט ווערט געוועזען, איז די דאזיגע השפעה געגאַנגען אין די חכמות חיצוניות, און געבראַנגט נייע כלי משחית און מחבלים דער מענש־הייט.

כי בלעגי שפה ובלשון אחרת ידבר אל העם הזה (כח—יא)

אז דאס פאלק איז גוט און וויל הערען ג—ט׳ס ווארט, דאַן זענען זייערע נביאים און מנהיגים גוט־ריידעוודיג, זייערע מיילער זענען אפען און זייער שפּראַך איז קלאהר און פערשטענדלעך ווייל אבער דאס פאלק נישט הערען זיינע נביאים, דאַן ווערט זייער מויל שווער־ריידעוודיג און זייער שפּראַך אומפערשטענדלעך.

אַז משה רבינו זעהט אַז ער איז א „כבד־פּה" און „ערל שפתים" שרייט ער אויס „הן בני ישראל לא שמעו אלי" — דאָס איז אַ סימן אז יודען ווילען מיך נישט הערען און אַז זיי זענען נאך נישט ראוי צו הערען די גאולה־בשורה, ווארום ווען זיי וואלטען געוועזען גרייט צו הערען וואלט איך נישט געוועזען קיין כבד־פּה...

[אהובת יהנתן]

פרשת וארא

וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב (ו—ב)

„וארא אל האבות" (רש"י)

„אבות" קען אויך זיין דער טייטש: „די וועלערס" די וואס האבען געוואלט (פון לשון „לא יאבה"). ג—ט בעווייזט זיך נור צו די וואס ווילען אז ער זאל זיך צו זיי בעווייזען.

אזוי טייטשט אויך דער רמב"ן די ווערטער: „אהיה אשר אהיה" — איך וועל זיין מיט די וואס ווילען אז איך זאל זיין מיט זיי...

(חתם סופר)

ושמי ד' לא נודעתי להם (ו—ב)

חבל על דאבדין ולא משתכחין (רש"י)

אין א גרויסע שטאדט אין וועלכע עס זענען געוועזען זעהר ווייניג בני-תורה האבען די קהלה-פיהרער געוואלט נעמען א גרויסען גאון אלס רב און דער שטאדט, האבען זיי איהם איינגעשאצט אז אזעלכע גדולים ווי דער טו"ז, דער מגן אברהם, רבי עקיבא איגר ז"ל זענען אין דער שטאדט נקבר געווארען און ממילא איז די כסא רבנות א היסטארישע וואס פאסט פאר איהם.

שפעטער אבער האט זיך דער גאון דערוואוסט. אז דער טו"ז ליגט גאר אין לעמבערג, דער מגן-אברהם אין קאליש און ר' עקיבא אייגער אין פויזען. א. א. וו. האט ער געפרעגט די שטאדט לייט: פארוואס האט איהר מיך אפגענארט? האבען זיי איהם געענטפערט: רבי, מיר האבען אייך לגמרי נישט גענארט. אין לעמבערג לערנט מען דעם טורי-זהב, ממילא איז ער דארט גאר נישט בעגראבען, אדרבה ער לעבט דארט ווארום „שפתותיו דובבות בקבר", אין קאליש לעבט דער מגן-אברהם — ווייל מען לערנט איהם דארט, און אזוי רבי עקיבא אייגער אין פויזען. דא אבער ביי אונז אין שטאדט, וואו ס'איז נישט דא קיין מענש וואס זאל לערנען אין די דאזיגע ספרים זייערע — ממילא זענען זיי דא בעגראבען...

דאס איז דער טייטש פון די ווערטער: — חבל על דאבדין — וועה איז צו די וואס ווערען פערלוירען אויף אזא אופן אז זייערע ווערטער, מעשים און געדאנקען האבען נישט קיין נאכפאלגער צווישען די לעבעדיגע — ולא משתכחין — אט דאס הייסט אן אבידה, אבער כל זמן עס זענען פערהאן נאכפאלגער און תלמידים הייסט עס נישט. קיין אבידה.

(שער בת רבים)

וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל אשר מצרים מעבידים אותם (ו—ה)

חשי״ת זאגט אזוי: באמת זענען די אלע יודישע עינויים לטובה, דאך מוז איך הערען דאס געשריי, ווייל — מצרים מעבידים אותם — און זיי די מצריים גלייבען דאך נישט אין מיין השגחה, נור זיי זאגען גאר „איה נא אלהיהם" איז דאך דער חילול השם זעהר גרויס, און ווען יודען שרייען דעריבער אט אויף דעם חילול השם, מוז איך זיי הערען.

(תולדות אדם מהה'ק. ר' יהושע מאסטראווא ז'ל)

איך האב געהערט דעם געשריי פון יודען, וואס איז בעיקר אויף דעם וואס די מצריים האבען זיי געמאכט פאר עבדים... (מעבידים), האבען פערקנעכטעט און פערשקלאפט זייער גייסט און זייער נשמה, אט דאס געשריי אויף דער גייסטיגער פערשקלאפונג האט שוין השי״ת געמוזט דערהערען.

אבני אזל

ואזכור את בריתי (ו—ה)

איך האב געזעהען די יודישע יסורים, האב איך מיך דערמאנט מיין „ברית". ווארום די גמרא לערנט זיך אראב אז יסורים זענען מכפר, ווייל עס שטעהט „ברית" ביי מלח — ברית מלח עולם — און ס'שטעהט „ברית" ביי יסורים — אלה דברי הברית — פונקט ווי זאלץ מאכט בעסער דאס פלייש אזוי יסורים מאכען בעסער דעם מענש און נעמען צו די חטאים.

* * *

דער רבי ר' מענדעלע רימאנאווער פלעגט זאגען אויף דעם מאמר חז"ל: אמת טאקי, זאלץ מאכט בע'טעמט דאס פלייש, אבער נור אז מען זאלצט מיט א מאס. זאלצט מען אבער צופיל, נעמט עס גאר צו דעם טעם און מען קען עס נישט עסען. די יסורים דארפען אויך קומען מיט א שיעור אז מען זאל זיי קענען פערטראגען, דאמאלס מאכען זיי טאקי בעסער דעם מענש. צופיל יסורים אבער, מאכען נאך ערגער, זיי זענען מעביר את האדם על דעתו ועל דעת קונו.

דעריבער: שמעתי את נאקת בני ישראל — דאס געשריי פון די גרויסע יסורים — ואזכור את בריתי — מוז איך שוין געדענקען דעם ברית מלח...

(מאור ושמש)

והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים (ו—ו)

דער ערשטער שריט צו דער גאולה איז געווען דאָס וואָס ביי יודען איז נמאס געוואָרען דאָס גלות, זיי האָבען שוין מעהר נישט געקאנט סובל זיין די מצריים, וואָרום כל זמן מען קען סובל זיין דאָס גלות — קען זיך נישט אָנ־הייבען קיין גאולה.

דאָס הייסט: „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים" — איך וועל אייך אַרויסנעהמען פון דעם סבלנות וואָס איהר האָט צו די מצריים, איך וועל אייך פערמיאוס'ן דאָס גלות אַז איהר זאָלט עס נישט קענען מעהר פערטראָגען.

(חדושי הרי"ם ז"ל)

וגאלתי אתכם בזרוע נטוי' ובשפטים גדולים, ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלהים (ו—ו' ז)

ולקחתי אתכם לי לעם — איז גע־מיינט דורך דער קבלת־התורה אויפ'ן באַרג סיני.

דער חדושי הרי"ם ז"ל האָט געזאָגט: די עשר מכות האָבען געמאכט פון די עשרה מאמרות — עשרת הדברות...

די עשרה מאמרות מיט וועלכע די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, זענען געוואָרען בעהאַלטען אין דער געזעצ־מעסיגע נאַטור פון וועלכע נישט אַלע דערזעהען און דערקענען דעם בעשעפער.

די צעהן מכות וואָס האָבען פאַר דער גאַנצער מענשהייט דערוויזען אַז ס'איז פערהאַן אַ בעשעפער און אַ וועלט'ס־פיהרער וואָס ענדערט די נאַטירליכע געזעצען —האָבען געמאַכט אַ וועג אַז ס'זאָל זיין מעגליך צו אַ געטליכע התגלות אויפ'ן באַרג סיני און ס'זאָלען געגעבען ווערען די עשרת הדברות.

דורך די „שפטים גדולים" איז מעגליך געוואָרען דער „ולקחתי אתכם לי לעם"...

השי"ת פיהרט זיך מיט יודען, אַז אפילו ווען ביי זיי אַליין דערוועקט זיך נישט קיין ווילען זיך צו קעהרען צו איהם, — איז ער זיי מעורר דאַצו און רופט זיי צו זיך. ער נעהמט זיי פריהער צו זיך פאַר אַ פאָלק, אז דערנאָך ווערט ער צו זיי אַ ג—ט. (אתערותא דלעילא).

(לויט גמרא קדושין דף ע' עמוד ב)

וידעתם כי אני ד' (ו—ז)

די געטליכקייט אַליין קען קיין שום מענש נישט משיג זיין — לית מחשבה תפיסא ביה כלל — נור יודען קומען צו הכרת אלקות דורך דעם אור פון

די תּורה און מצוות ווייל „אורייתא וקב"ה חד". דורכ'ן „ולקחתי אתכם לי לעם" — וואָס איז געמיינט מתן תּורה — וועט מענגליך זיין — וידעתם כי אני ד'...

(קדושת לוי)

וידעתם כי אני ד' המוציא אתכם (ו—ז)

דאָ האָט השי"ת געגעבען אַ הבטחה אַז נישט בלויז יודען וועלען ווערען אויסגעלייזט פון מצרים, נור אַז זיי וועלען אויך וויסען און אַנערקענען, אַז ג—ט איז געוועזען זייער אויסלייזער, אַז די גאולה וועט ביי זיי פערטיעפען און פערשטאַרקען די הכרת ד' און די אמונת ד' — ווייל דאָס איז דער הויפּט-ציעל פון אַלע גאולות און אַלע ישועות צו דערקענען דורך זיי דעם אמת'ן גואל און דעם ריכטיגען מושיע.

(שפת אמת)

ונתתי אותה לכם מורשה (ו—ח)

נישט „ירושה" נור „מורשה" ווייל די וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים האָבען אַליין דאָס לאַנד נישט גע'ירשנ'ט נור האָבען עס געמאַכט ירש'ענען זייערע קינדער.

(רבינו בחיי)

צוויי מאָהל געפונט זיך דער אויסדרוק „מורשה" דאָ ביי ארץ-ישראל, און ביי דער תּורה — „תּורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב" — ווייל די ירושה פון ארץ ישראל האָט נור אַ קיום ווען מען פיהרט זיך אין לאַנד לויט די חוקי התּורה, אָהן תּורה האט א"י קיין קיום נישט ווי עס זאָגט דער פסוק „ויתן להם ארצות גויים — בעבור ישמרו חקיו".

(ילקוט החדש)

ולא שמעו אל משה מקצר רוח ומעבדה קשה (ו—ט)

ווען איינעם איז שלעכט אין דער געגענוואַרט' קען ער נישט פערנעמען קיין הבטחות אויף דער ווייטערער צוקונפט. די יודען וואָס האָבען נישט געקענט דעם אָטעם כאַפּען פון דער שווערער אַרבייט, דערהערען גאַרנישט דאָס וואָס משה זאָגט זיי אַז ער וועט זיי שפּעטער ברענגען אין אַ גוט לאַנד אַריין, עס אינטערעסירט זיי נישט וואָס ס'וועט זיין שפּעטער, זיי ווילען נור קודם יעצט אַרויס פון דער פּיין. דעריבער זאָגט טאַקי השי"ת צו משה'ן אַז ער זאָל נור רעדען צו יודען וועגען דער געגענוואַרט — להוציא את בני ישראל מארץ מצרים...

(משך הכמה)

---

* * *

אויף דעם וואָס די יודען זענען אַרויס פון מצרים פאַר דער צייט, איז פערהאַן צוויי טעמים. איינער איז: ווייל זיי זענען שוין געוועזען אַזוי אַריינגעשלעפּט אין די טומאת מצרים אַז זיי האָבען שוין לענגער נישט געקענט פערזוימען און ווען זיי וואָלטען נאָך אַביסעל געוועזען אין מצרים וואָלטען זיי אינגאַנצען אַסימילירט געוואָרען און נישט געקענט מעהר אַרויס אַלס יודיש פאָלק, דאָס הייסט: מקוצר רוח — פון צו־ווייניג גייסטיגע כחות לענגער אויסצוהאַלטען. אַ צווייטער טעם איז: ווייל דער קישוי־השעבוד האָט דערגענצט די צייט אַזוי אַז זיי האָבען אָבגעליטען אין דער צייט פאַר די גאַנצער פיער הונדערט יאָהר דאָס הייסט — קשה.

אויף דעם זאָגט די תורה, אַז יודען האָבען נישט אָנגענומען די ביידע מאָטיוען, נישט דעם טעם פון „קוצר־רוח“ און נישט דעם טעם פון „עבודה־קשה“, און זיי האָבען דעריבער נישט געוואָלט גלייבען אַז זיי וועלען שוין אויסגעלייזט ווערען פון מצרים פאַר דער צייט פון פיער הונדערט יאָהר וואָס איז אויף זיי נגזר געוואָרען.

(פרדס יוסף)

הן בני ישראל לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה ואני ערל שפתים (ו—יב)

אייגענטליך וואָס איז דער קל וחומר, האָבען דאָך יודען נישט געהערט צוליב קוצר רוח און עבודה קשה, וואָס איז דאָ דער בעווייז אַז פרעה וועט אויך נישט הערען?

נור אמת אַז די תורה זאָגט עדות, דאָס יודען האָבען נישט געהערט צוליב קוצר רוח און עבודה קשה, אָבער משה רבינו האָט געהאַלטען אַז דאָס וואָס יודען הערען נישט איז דער חסרון אין איהם — ווייל ער איז ערל שפתים, דעריבער האָט ער געמאַכט דעם קל־וחומר אַז פרעה וועט אַ וודאי נישט הערען. (שפת אמת, לקוטים)

אויף „עבודה קשה“ זאָגען די חז״ל, אַז די יודען זענען געוועזען אַריינגע־שלעפּט אין די מצרישע עבודה־זרות פון וועלכע ס'איז זיך שווער אָבצורייסען, דעריבער האָבען זיי נישט געקענט הערען משה'ס ווערטער.

איז דאָך דער קל־וחומר טאַקי ריכטיג, ווען יודען דערהערען נישט, בלויז צוליב דעם וואָס זיי ווערען נאָכגעשלעפּט נאָך דער עבודה זרה, ווי קען זשע הערען פרעה, וועלכער איז אַליין געוועזען אַ שטיק עבודה־זרה, ער האָט זיך דאָך אַליין געהאַלטען פאַר אַן אָפּגאָט.

(תורת משה)

* * *

ווייזט אויס, אז ס'איז לייכטער אריינצוברענגען א הרהור תשובה אין א יודיש הארץ, אפילו ווען ס'איז פערשטיינערט מקוצר רוח ועבודה קשה, ווי אריינצוברענגען א גוטע מחשבה אין א טמא'דיג הארץ פון א פרעה. דעריבער מאכט משה דעם קל וחומר אז „הן בני ישראל לא שמעו ואיך ישמעני פרעה.

(שפת אמת לקוטים)

משה רבינו האט געהאלטען אז דאס וואס — בני ישראל לא שמעו אלי — איז צוליעב דעם ווייל זיי זאגען: „ואיך ישמעני פרעה ואני ערל שפתים, אז פרעה וועט מיך נישט הערען צוליעב דעם וואס כ'בין אנ'ערל שפתים — דאס זענען אלזא די ווערטער פון די בני ישראל.

(הדרש והעיון)

ווען די יודען ווילען נישט הערען די ווערטער פון זייערע מנהיגים, קענען די מנהיגים נישט ווירקען, ווייל דער כח פון מנהיג דערנעמט זיך פון פאלק. דעריבער אז יודען וואלטען געהערט, וואלטען געעפענט געווארען ביי משה'ן דאס מויל מיט די ליפען און זיינע ווערטער וואלטען געווירקט אויך אויף פרעה'ן אבער אז — בני ישראל לא שמעו — דאן ווערט ווירקליך משה אנ'ערל שפתים, קען ער נישט עפענען דאס מויל פאר פרעה'ן...

(שפת אמת)

וידבר ד' אל משה ואל אהרן ויצום אל בני ישראל (ו—יג)

דער רצון השם איז משפיע צו זיין תמיד גוט'ס אויף יודען, ווען יודען זענען אלזא ראוי מקבל צו זיין א ישועה, טהוען זיי דערמיט א נחת רוח פאר השי"ת אין ס'ווערט זיי גערעכענט פאר א מצוה. דאס איז דער טייטש פון „שכר מצוה מצוה", דעם שכר וואס א יוד בעקומט פאר א מצוה, ווערט אליין בעטראכט אלס מצוה, ווייל עס ווערט דאדורך נתמלא א געטליכער רצון — השי"ת זאגט דעריבער צו משה און אהרן, זאגט צו יודען אז דאדורך וואס זיי וועלען זיך פארברייטען צו דער גאולה, און מעגליך מאכען אז מיין ישועה זאל קימען צו זיי — וועלען זיי דערפאר האבען א מצוה, זיי וועלען אין מיר א מצוה טהוען... דאס הייסט: ויצום אל בני ישראל — מאך עס ביי זיי פאר א מצוה.

(קדושת לוי)

כאָטש די יודען האָבען נישט גע־הערט, מקוצר רוח ומעבודה קשה, דאָך הייסט השי"ת ווייטער רעדען צו זיי. געטליכע ווערטער מוזען מאַכען אַ רושם און מוזען האָבען זייער פּעולה. אויב נישט באַלד, איז שפּעטער, הייליגע דבורים קומען נישט אַוועק אין מוזען אַ מאָהל דערהערט ווערען...

(שפת אמת)

ותלד לו את אהרן ואת משה (ו—כ)

די תורה דערצעהלט דאָ בכוונה אַז אהרן און משה זענען געבוירען גע־וואָרען ווי אַלע מענשען פון געוועהנליכע פּאָטער און מוטער און דאָך זענען זיי געוואָרען דאָס וואָס זיי זענען געוועזען — די גרעסטע נביאים און מנהיגים, צוליב זייער אייגענער אַרבייט און מעשים וועלכע זיי האָבען זיך בוחר געוועזען און נישט אַז זיי זענען אַראָפּגעקומען הימלישע מלאכים אויף דער וועלט.דאָס איז אַ לימוד אַז יעדער מענש קען דורך זיין אַרבייט און בחירה צוקומען צו די גרעסטע מדרגות אפילו צו זיין אַ משה און אַנ'אהרן...

(ספר המורה והתלמוד)

הוא אהרן ומשה אשר אמר ד' להם... הם המדברים אל פרעה,, הוא משה ואהרן (ו—כו, כז)

משה און אהרן וואָס האָבען זוכה געוועזען צו דער העכסטער קדושה און התגלות הנבואה, זענען געבליבען די אייגענע אין דער זעלבער הויכער מדרגה אפילו נאָכדעם ווי זיי האָבען בעדאַרפען רעדען מיט אזא כופר און טמא ווי פרעה — דאס האט אויף זיי גארנישט געווירקט און זיי זענען נישט גשתנו געוואָרען דאדורך. די קדושה זייערע איז געוועזען אזוי גרויס, אז די טמא'דיגע סביבה פון פרעה האט אויף זיי קיין שליטה נישט געהאט.

(באר מים חיים)

הוא אהרן ומשה... הוא משה ואהרן (ו—כו, כז)

לומר לך ששניהם שקולים כאחד [רש"י]

כאטש באמת זאגט די תורה עדות אז: ,,ולא קם עוד נביא כמשה" — אבער ביי זיך, איז קיינמאהל נישט איינגעפאלען קיין מחשבה איינעם פון זיי צו האלטען זיך העכער פאר'ן צווייטען. ,,שקולים כאחד".

(מפרשים)

ראה נתתיך אלהים לפרעה ואהרן אחיך יהיה נביאך (ז—א)

פונקט ווי די פערבינדונג פון אלקות מיט דער וועלט איז דורכ'ן נביא, אזוי וועט אהרן שאפען די פערבינדונג צווישען דיר און פרעה...

(המורה והתלמוד)

וידעו מצרים כי אני ד' בנטותי את ידי על מצרים והוצאתי את בני ישראל מתוכם (ז—ה)

דורך די וואונדער און די מכות איז נתקדש געווארען דער שם שמים און ס'איז קלאהר געווארען פאר דער וועלט, אז השי"ת פיהרט אן מיט דער גאנצער נאטור און ענדערט איהר לויט זיין רצון אזוי אז די יודען זענען נישט בלויז דורך זיי פיזיש ארויסגעגאנגען פון מצרים, נור זיי זענען אויך בעפרייט געווארען פון די כופר'ישע און גאטלאזע שיטות פון די מצריים. דאס הייסט; „והוצאתי את בני ישראל מתוכם"...

(משך חכמה)

תנו לכם מופת (ז—ט)

עס דארף דאך שטעהן: „תנו ל ה ם מופת"?

האט דער רבי ר' אלימלך ז"ל געזאגט דערויף, אז דאס איז דער חילוק צווישען א פאלש וואונדער וואס ווערט געמאכט דורך אויגען-פערבלענדעניש אדער כישוף און צווישען אנ'אמת'ן מופת וואס געשעהט דורך א געטליכען כח. בעת א פאלשער וואונדער ווערט נור בעוואונדערט דורך די צושויער און די וואס מאכען איהם ווייסען די פאלשקייט אז זיי האבען נישט וואס צו בעוואונדערען, איז אבער א געטליכער מופת וואונדערליך אפילו ביי די צדיקים וואס דורך זיי געשעהט עס. און דאס הייסט: „תנו ל כ ם מופת" ביי אייך אליין וועט עס אויך זיין א מופת...

קח את מטך והשלך לפני פרעה יהי לתנין (ז—ט)

די גרעסטע השפעה אויף א מענש האט זיין סביבה, אפילו די ערגסטע נאטור קען זיך אויסבעסערען ווען זי געפונט זיך אין א גוטע איידעלע סביבה, דאגעגען קען דער בעסטער מענש ווערען פערוואנדעלט אין א גיפטיגע חיה ווען ער געפונט זיך אין א פערדארבענע סביבה. ווען משה רבינו האט געוואלט פרעה'ן געבען צו פערשטעהן אז כאטש יודען זענען יעצט אין מצרים אזוי שפל ונבזה און האבען גארנישט קיין מענשליכע צורה, קענען זיי דאך ווערען די גרעסטע און איידעלסטע מענשען, ווען זיי וועלען בע-פרייט ווערען פון דער פערדארבענער מצרישע סביבה. — האט ער איהם גע-וויזען אז דער „מטה-אלהים" דער שטע-

קען אויף וועלכען ס'איז געוועזען אויס־געקריצט דער שם המפורש און דורך איהם זענען בעוויזען געווארען די גרעסטע וואונדער — אז דער שטעקען ווען ער קומט — לפני פרעה — אין פרעה'ס אומגעבונג ווערט ער פער־וואנדעלט אין א גיפטיגען שלאנג, און דער דאזיגער שלאנג ווערט צוריק פערוואנדעלט אין א געטליכען שטעקען ווען ער קומט צו משה'ן אין האנד אריין —אט דאס איז דער כח און השפעה פון דער סביבה און דער ארומיגער אטמאספערע.

(הגאון מהר"מ שפירא מלובלין ז"ל)

ועלו ובאו בביתך... ובבית עבדיך ובעמך ובתנוריך ובמשארותיך (ז—כח)

די חז"ל זאגען אז די צפרדעים זענען געקראכען אין פייער פון די אויוועגס. כאטש זיי זענען פערברענט געווארען, ווייל זיי האבען אויסגעפיהרט ג—ט'ס בעפעהל און זיי האבן געלערנט חנני' מישאל ועזרי' זיך צו לאזען ווארפען פון נבוכדנצר'ן אין קאלך־אויווען אויף קידוש השם.

דעריבער איז אין פרק שירה פער־האן אז די צפרדעים זאגען שירה די ווערטער: „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד" וועלכע דערמאהנען אין דעם אז מען איז זיך מחויב מוסר נפש צו זיין פאר ג—ט'ס ווארט.

(תורת משה)

והעל את הצפרדעים (ח—א)

דאס ווארט „והעל" געפונט זיך נאך איינמאהל אין דער תורה ביי אהרנ'ס טויט ווי עס ווערט געזאגט: „קח את אהרן ואת אלעזר בנו והעל אותם הר ההר" (במדבר כ—כה) ווייל פונקט ווי דא ביי די צפרדעים איז געוועזען א מסירת־נפש פון די צפרדעים צו געהן אויף א זיכערען טויט צוליעב ג—ט'ס בעפעהל, אזוי איז אויך אהרן הכהן ארויפגעגאנגען אויפן בארג שטארבען און זיך מוסר נפש געוועזען אויף ג—ט'ס בעפעהל.

(לקוטי שפת אמת)

ויעשו כן החרטמים בלטיהם ויעלו את הצפרדעים על ארץ מצרים (ח—ג)

אין ילקוט שטעהט אז ס'איז דאן געוועזען א קריג צווישען דעם מלכות מצרים און מלכות כוש ווענען די גרעניצען פון זייערע לענדער און די צפרדעים האבען דעם קריג ענטשיידעט, ווייל מ'האט דאך געזעהען אז די גרעניצען פון מצרים זענען נור דארט ווי די צפרדעים זענען פערהאן. ווען די חרטומים האבען מיט זייער כשוף געבראכט די צפרדעים. האבען זיי געוואלט אויסברייטערען

זייער באזע, אז זיי זאלען אריין אין די גרעניצען פון כוש, כדי צו קענען צונעמען שטיקער לאנד פאר מצרים האט אבער השי"ת געמאכט אז, — ויעלו הצפרדעים על ארץ מצרים — אפילו די צפרדעים וואס די חרטמים האבען געברענגט זענען נור ארויף אויף די פאקטישע גרעניצען פון לאנד מצרים און נישט ווייטער.

(עדות ביהוסף)

* * *

די צפרדעים וואס די חרטמים האבען געברענגט זענען גישט געגאנגען אין די ברענענדיגע אויוועגס נור „על ארץ מצרים" — ווייל אויב די צפרדעים וואס זענען געקומען אויפ'ן געטליכען בעפעהל דורך אהרן הכהן. זענען געגאנגען אויף מסירות נפש — האבען אבער די צפרדעים דאָס נישט געדארפען טהוען ווייל זיי האבען דאך נישט געהאט קיין צווי און זענען נישט מחויב געוועזען זיך מוסר נפש צו זיין.

(באר מים חיים)

למתי אעתיר לך... ויצעק משה אל ד' (ח—ה, ח)

„עתירה" און „צעקה" — זענען פון די צעהן לשונות וואס בעדייטען תפלה, לויט ווי די חז"ל רעכענען אויס, דאס גלות מצרים האט פערמאכט די יודישע מיילער אז זיי זאלען נישט קענען מתפלל זיין פאר השי"ת — דער יודישער דיבור איז נעוועזען אין גלות — און דורך די צעהן מכות וואס האבען מבטל געוועזען דאס גלות זענען צוריק געעפענט געווארען די יודישע מיילער אז זיי זאלען קענען מתפלל זיין מיט די צעהן לשונות פון תפלה.

(חדושי הרי"ם ז"ל)

ויצעק משה אל ד' על דבר הצפרדעים אשר שם לפרעה (ח—ח)

משה רבינו'ס געשריי איז בעיקר געוועזען — אל ד' — צוליעב ג—ט'ס נאמען, אז ס'זאל נתקדש ווערען דער שם־שמים ווען די צפרדעים וועלען אוועקגעהן פונקטליך אין דער צייט וואס ער האט בעשטימט, נישט זיין אייגענעם כבוד און אנזעהן האט ער דערמיט געמיינט נור דעם כבוד שמים.

(באר מים חיים)

ומלאו בתי מצרים את הערב וגם האדמה אשר הם עליה (ח—י"ז)

ס'איז פערהאן א חיה „ידעוני" וואס איז אנגעקניפט אין דער ערד און ציהט פון דארט איהר חיות, רייסט מען איהר אפ פון דער ערד קען זי נישט לעבן,

(משנה כלאים פ"ח) אויך דא זענען זיך צונויפגעקומען קיין מצרים אלע פערהאנענע חיות, ווי אזוי האט געקענט קומען דער „ידעוני" זאגט דעריבער די תורה: „וגם האדמה אשר הם עליה" אז ס'איז אויך מיטגעקומען די ערד ארום דער חי' און אזוי ארום האט זי געקענט לעבען אין מצרים, ווייל עס איז מיטגעריסען געווארען דאס שטיק ערד פון וועלכער זי ציהט איהר חיות.

(חנכת התורה)

ויקרא פרעה... ויאמר לכו זבחו לאלהיכם בארץ. ויאמר משה לא נכון לעשות כן... דרך שלשת ימים נלך במדבר וזבחנו לד' אלהינו (ח—כא, כב, כג)

פרעה פערשטעהט אז מען קען באלד דינען ג—ט און ברענגען צו איהם קרבנות אהן שום הכנות, אפילו מען איז איינגעטוען אין די מצרי'שע געמיינקייטען און צוגעבינדען צום ערדישען—בארץ...

קלערט איהם משה רבינו אויף, אז דער יודישער דרך איז נישט אזוי, נור פריהער מוז מען זיך דערווייטערן פון די מצרי'שע תועבות און אויסרייניגען פון די ערדישע ענינים דערנאך קען מען ערשט דינען השי"ת און שחט'ען צו איהם קרבנות. פאר דעם קרבן מוז זיין תשובה און התרחקות פון שלעכטען.

(שם משמואל בשם הגה'ק בעל אבני נזר מסוכטשב זצ'ל)

* * *

אזא עהנליכען רעיון זאגט מען נאך פון חדושי הרי"ם ז"ל אויפ'ן מאמר חז"ל: „עולת בן נח אינה צריכה הפשט ונתוח". — א גוי פערשטעהט אז מען קען ברענגען א קרבן און דארף נישט פון זיך אראבציהען דאס פסולת — הפשט — און דאס הארץ זאל נישט צושניטען ווערען אויף שטיקער פון חרטה אויף די עבירות — נתוח — ביי א יוד מוז אבער זיין ביי א קרבן הפשט ונתוח...

וזבחנו לד' אלהינו כאשר יאמר אלינו (ח—כג)

מיר וועלען דאמאלס שחט'ן די שעפסען פון די מצריים פאר זייערע אויגען און נישט מורא האבען פאר זיי — דאן ווען ג—ט וועט אונז דאס הייסען טהוען, — כאשר יאמר אלינו. אזוי ווי ס'איז טאקי שפעטער געוועזען ביים קרבן־פסח, אז יודען האבען געשחט'ן די שעפסלעך אלס קרבן פסח און נישט געקוקט אויף די מצריים — ווייל ס'איז דערויף געוועזען א בעפעהל פון השי"ת.

(משך חכמה)

וממקנה בני ישראל לא מת אחד... וישלח פרעה והנה לא מת ממקנה ישראל עד אחד (ט—ו, ז)

ווי בעוואוסט איז דער מגדף—ג—ט'ס לעסטערער, געוועזען א זוהן פון א יודישער פרוי און א מצרי. דער דאזיגער האט לויט'ן דין געהייסען א מצרי (רמב"ן בשם חכמי צרפת דאס קודם מתן תורה האט מען גערעכענט נאך דעם פאטער), די בהמות זענען ביי איהם אויסגעשטארבען פונקט ווי ביי די מצריים. די תורה דערציילט דעריבער אזוי ווי דער פאקט איז באמת געוועזען אז: וממקנה בני ישראל — פון די בהמות פון די אמת'ע בני ישראל — לא מת אחד — איז קיין איינס נישט אויסגעשטארבען. פרעה וואס האט אבער פון דעם סוד נישט געוואוסט, ווען ער האט געשיקט זעהען וואס ס'קומט פאר ביי די יודען, האט ער ערפאהרען אז: וממקנה בני ישראל לא מת עד אחד— פון די יידישע בהמות איז נישט אויסגעשטארבען „ביז צו איינעם", אבער ביי איינעם פון זיי זענען זיי יא אויסגעשטארבען, ווייל ער האט דאך דעם דאזיגען באמת מצרי'שען זוהן אנגענומען פאר א יוד, דעריבער האט ער ווייטער הארט געמאכט זיין הארץ און נישט געוואלט ארויסשיקען די יודען.

(הגר"א מווילנא)

השכם בבקר והתיצב לפני פרעה (ט—יג)

משה רבינו אלס עניו איז געוועזען געוואוינט צו בויגען זיך פאר יעדען מענש בעת ער האט איהם בעגריסט, זאגט איהם דעריבער השי"ת: והתיצב לפני פרעה — יעצט פאר פרעה'ן, זאלסטו שטעהן גלייך אויסגעשטעלט און נישט בעגריסען איהם מיט א נויג, דו זאלסט נישט ארויסווייזען די מינדסטע הכנעה פאר איהם...

(אור החיים)

* * *

אין מדרש איז דערצעהלט, אז ווען מען איז אריינגעקומען צו פרעה'ן איז געוועזען א נידריגער איינגאנג, און א מצרישער אבגאט איז געשטאנען ביים טהיר, כדי מען זאל מוזען אראפבויגען פאר איהם דעם קאפ ביים אריינגעהן, ווען אבער יעקב, משה, און אהרן זענען אריינגעגאנגען צו פרעה'ן האט זיך דער איינגאנג אויפגעהויבען און זיי זענען אריינגעגאנגען גלייך נישט דארפענדיג זיך איינבויגען.

דעריבער שטעהט ביי משה'ן: „והתיצב לפני פרעה" און ביי יעקב'ן „ויעמידהו לפני פרעה" (מז—ז) זיי זענען אפילו פאר פרעה'ן אריינגעגאנגען גלייך אויפגעשטעלטערהייט, און די נידריגע טהיר האט זיי נישט געשטערט.

(אלשיך)

די מכה „ברד“ איז געווען גאר א פלא'דיגע, א נס בתוך נס, פייער מיט האגעל זענען געגאנגען צוזאמען אויף ג—ט'ס בעפעהל. אפילו די גרעסטע כופרים און טעמפסטע רשעים האבען דא געמוזט דערזעהען די געטליכע קראפט. און ווירקליך האט פרעה דא אנגעהויבען צו בעקומען א הרהור תשובה ער האט געזאגט: „ד' הצדיק ואני ועמי הרשעים“ דאך איז זיין הארץ געבליבען הארט ווי פריער און ווי נור דער ברד האט אויפגעהערט האט ער צוריק זיך געהאלטען ביי זיין רשעות — ווייל יעצט האט מען שוין פון הימעל געשטארקט זיין הארץ און איהם נישט געלאזט תשובה טהוען כדי עס זאל וואס מעהר נתקדש ווערען ג—ט'ס נאמען. דעריבער זאגט דא השי"ת: „הנני שולח את כל מגפותי“ — איך שיק יעצט מיינע קלעפ, בעיקר געווענדעט אל לבך — אין דיין הארץ אריין. דאס הארץ זאל ווערען אזוי צוקלאפט און פערטעמפט, אז עס זאל נישט פיהלען און נישט נתפעל ווערען אפילו פון אזעלכע וואוג דערליכע מכות.

(באר מים חיים)

הירא את דבר ד' מעבדי פרעה הניס את עבדיו ואת מקנהו אל הבתים (ט—כ)

פרעה'ס בעאמטע האבען ארויסגע־געבען בעפעהלען אז מען זאל נישט מורא האבען פאר משה'ס ווארנונגען און דווקא לאזען די שאף אין פעלד, דעריבער זאגט די תורה, אז די מצריים וואס האבען מורא געהאט פאר ג—ט'ס ווארט מעהר ווי די מורא פאר פרעה'ס קנעכט (די „מם פון „מעבדי פרעה“ איז א „מם היתרון“ — מעהר ווי פאר די עבדי פרעה) די האבען אריינגענומען די בהמות אין די הייזער אריין דעריבער האט משה שפעטער געזאגט, „ואתה ועבדיך ידעתי כי טרם תיראון מפני ד'“ — אז קיינער פון די עבדי פרעה האט נישט מורא געהאט פאר ג—ט.

(משך חכמה)

וד' נתן קולת וברד ותהלך אש ארצה (ט—כג)

נאטירליך ווען ס'דונערט און ס'בליצט דערזעהט מען פריער דעם בליץ און דערנאך דערהערט מען ערשט דעם דונער, כאטש דער בליץ און דער דונער זענען איינס און דאס זעלבע, ווייל דער חוש־הראיה ווירקט פריער ווי דער חוש־השמועה ביז דאס קול פונ'ם דונער קומט צום אויער האט שוין דאס אויג פריער דערזעהען זיין ליכטיגקייט. דא אבער איז אויף אנ'איבערנאטירליכען אופן געווען אנדערש אז, מ'האט דערהערט די קולות פון די דונערען און דערפיהלט דעם האגעל באלד צוגלייך מיט'ן פייער פון בליץ וואס איז געקומען אויף דער ערד, און

דאס איז געשעהען ווייל משה רבינו האט דאך פריער אנגעצייכענט דעם געגוויען טערמין ווען דער האגעל מיט די קולות וועלען קומען, וואלטען זיי געקומען עטוואס שפעטער נאכן בליץ וואלטען די מצריים געקענט זאגען אז משה רבינו האט נישט פונקטליך צוגעטראפען צו דער צייט פון דער מכה. דעריבער האט דא געמוזט געענדערט ווערען דער נאטיר ליכער סדר און דער קול פון דונער איז דערהערט געווארען צוגלייך מיט'ן דערזעהען דאס פייער פון בליץ.

(מלבי"ם)

ד' הצדיק ואני ועמי הרשעים ט—כ"ז

דער מדרש זאגט דערויף אז פרעה האט געזאגט: ד' הצדיק ואני — און איך בין אויך א צדיק נור — ועמי הרשעים — מיין פאלק זענען די רשעים. ווייל אין אנהויב האט פרעה נישט געוואלט שלעכט'ס טהוען די יודען, האבען די מצריים איהם געצוואונגען און דריי חדשים איהם אראפגעזעצט פון טראהן ביז ער האט מסכים געוועזען צו זיי. דעריבער האט ער זיך פערענטפערט אז ער איז אויך א צדיק נור דאס פאלק זענען די רשעים.

(תורת משה)

ואתה ועבדיך ידעתי כי טרם תיראון מפני ד' אלהים (ט—)

ס'איז בעקאנט די קשיא: פארוואס איז געקומען די מצריים צו בעשטראפען דערפאר וואס זיי האבען געפייניגט די יודען, עס איז דאך געוועזען א פון פריהער אויס בעשטימטע גזירה וואס ג—ט האט גוזר געוועזען אויף די יודען אז די מצריים זאלען זיי פייניגען? נור דער תירוץ איז, אז די מצריים האבען דאך דאס נישט געטהוען כדי מקיים צו זיין ג—ט'ס גזירה, נור צוליעב זייער רשעות און צוליעב זייער שנאה צו יודען — דעריבער זענען זיי בעשטראפט געווארען.

ווען פרעה וויל זיך פערענטפערן אז: ד' הצדיק ואני — ג—ט איז גערעכט מיט זיין גזירה און ער פרעה איז אויך גערעכט ווייל ער האט נור געוואלט ערפיהלען ג—ט'ס גזירה, זאגט איהם משה רבינו: „ואתה ועבדיך ידעתי כי טרם תיראון" — איך ווייס אז דו מיט דיינע דינער האבען נישט געפייניגט יודען צוליעב יראת שמים, ווייל איר האט אזוי שטארק געוואלט מקיים זיין ג—ט'ס ווערטער און אבּ־היטען זיין גזירה, נישט צוליעב פרומ־קייט און צוליעב מורא פאר ג—ט האט איהר עס געטהוען, ווייל איהר זענט גארנישט אזעלכע יראי ד', נור צוליעב פשוט'ער רשעות און אכזריות — דע־ריבער קומט אייך צו בעשטראפען.

(תורת משה)

הפטרה וארא (יחזקאל כח—כט)

וישבו על אדמתם אשר נתתי לעבדי ליעקב (כח—כה)

ווען השי"ת האט צוגעזאגט צו אברהם אבינו צו געבען ארץ ישראל זיינע קינדער. האט ער איהם צוגעזאגט דאס לאנד פון צעהן אומות (קני, קנזי, קדמוני, חתי, פרזי, רפאים, אמרי, כנעני, יבוסי, — בראשית טו — כא), אבער ווען יודען האבען בעקומען ארץ ישראל האבען זיי נור בעקומען דאס לאנד פון זיבען אומות, דאגעגען די טיילען לאנד פון קני קנזי און קדמוני וועלען יודען ערשט בעקומען לעתיד ביי דער פאלשטענדיגער גאולה. ביי יעקב אבינו האט שוין השי"ת נישט דערמאהנט קיין צעהן אומות נור סתם „הארץ אשר אתה שוכב עליה"—ד.ה. פון זיבען אומות.

דעריבער ווען דער נביא רעדט דא פון די גאולה ביים בית שני, ווען די יודען האבען נור צוריק בעקומען דאס לאנד פון זיבען אומות — זאגט ער: „אשר נתתי ליעקב"—נור דאס וואס איך האב געגעבען יעקב'ן, נישט דאס וואס איז געגעבען געווארען אברהמ'ן, — דען אין דער גרוים וואס ס'איז געגעבען געווארען אברהמ'ן וועלען יודען ערשט בעקומען ביי דער לעצטער גאולה.

(אהבת יהונתן)

הנני עליך פרעה מלך מצרים (כט—ג)

פרעה האט זיך כסדר געריהמט, אז ער איז דער גרעסטער אליין הערשער און ס'איז נישט פארהאן קיין האר און בעל הבית איבער איהם, ער האט זיך אפילו פערגעטערט און געזאגט „לא ידעתי את ד'". זאגט איהם דעריבער השי"ת: „הנני עליך"—זאלסט וויסען אז איך בין איבער דיר, איך בין דיין האר און בעל הבית און וועל מיט דיר מאכען וואס איך וועל וועלען. ס'איז פונקט ווי א משרת אין א פאלאץ ריהמט זיך פאר א פרעמדען גאסט אז ער אליין איז עם דער אייגענטימער פון פאלאץ, אין דעם קומט אריין דער אמת'ער בעל-הבית און זאגט איהם: ריהם דיך נישט מיט קיין ליגען, איך בין דיין האר און דו ביזט נבנע אונטער מיר און אונטער מיין הערשאפט.

(כוכב מיעקב)

אשר אמר לי יאורי ואני עשיתני (כט—ג)

אין מצרים רעגענט קיינמאהל נישט. נור דער נילוס געהט אויף און טרינקט אן אלע פעלדער, דעריבער האבען די מצרים געלייקענט אין דער געטליכער השגחה, ווייל זיי זענען נישט געוועזען אנגעוויזען אויפ'ן רעגען פון הימעל — און דער רעגען איז דאך א צייכען אויף דער געטליכער קראפט און אויף זיין

הנהגה פון דער וועלט (גבירות גשמים) —זיי האבן נאר פערגעטערט דעם טייך און זיינע תנינים און דעריבער האט פרעה געזאגט „לי יאורי ואני עשיתני".

(בני יששכר)

מן הממלכות תהיה שפלה... ולא יהיה עוד לבית ישראל למבטח מזכיר עון (כט-טו, טז)

אין ספר הכוזרי איז פארהאן א שאלה וואס דער מלך הכוזרים האט געפרעגט דעם יודישען חבר, פארוואס די יודען האבען געמאכט דאס קרבן פסח אין מצרים—מען טאר דאך נישט מקריב זיין קיין קרבן אויסער דעם בית-המקדש, האבען דאך די יודען עובר געוועזען אויף׳ן איסור פון „שחו-טי-הוץ"? דארויף האט דער חבר געענטפערט אז די יודען האבען גע-מאכט דאס קרבן פסח אין גושן, וואס געהערט באמת צו ארץ ישראל נור, דאן איז עס געוועזען צייטווייליג אונ-טער דער הערשאפט פון מצרים.

קומט דאך אויס אז ווי לאנג מצ־רים איז געוועזען א גרויסע מלוכה און אויך געהאט די ממשלה איבער גושן. איז געוועזען א חטא אויף יודען פארוואס זיי האבען דארט געמאכט דאס קרבן פסח און געשחט׳ן שחוטי-הוץ. נור יעצט ווען מצרים וועט ווע-רען קליין, א מלוכה שפלה, און פער-לירען גושן, דאמאלס וועט שוין דער דאזיגער חטא נישט מעהר דערמאהנט ווערען — ווייל ס׳וועט קלאהר ווערען אז גושן געהער נישט צו מצרים נור צו ארץ ישראל.

(אהבת יהונתן)

ביום ההוא אצמיח קרן לבית ישראל (כט-כא)

די ישועה פון יודען איז פונקט אזוי ווי א צמח — א שפראצונג, וואס ערשט דאן ווען דער זאמען איז שוין אינ-גאנצען פערפוילט און פערניכטעט און ס׳דוכט זיך אז ס׳איז שוין נישטא דאצו קיין שום האפנונג, דאמאלס הויבט עס אן ארויסצושפראצען און צו וואקסען. אזוי אויך ווען די יודען נעפונען זיך שוין אין שפל׳דיגסטען מצב און ס׳דוכט זיך,אז זייער שאפנונג איז חלילה שוין אינגאנצען פערלוירען — דאמאלס קומט זייער הילף און זייער אנזעהן ווערט דערהויבען. דעריבער הייסט עס „אצ-מיח קרן לבית ישראל". דאס איז אויך די כוונה פון דעם וואס מיר זאגען אין תפלת שמונה-עשרה — „מלך ממית ומחיה ומצמיח ישועה", דאס וואקסען פונ׳ם „צמח" נאכדעם ווי ס׳איז אינ-גאנצען שוין פערפוילט איז א בעוויז אויף תחית המתים — אז טראץ דעם, וואס די מתים ווערען אינגאנצען פער-וואנדעלט אין ערד, וועלען זיי דאך צוריק לעבעדיג ווערען ווען ס׳וועט קומען די בעשט׳מטע צייט דאצו.

(אבני אזל)

פרשת בא

ויאמר ד׳ אל משה בא אל פרעה (י—א)

עס שטעהט „נישט לך אל פרעה" נור „בא"? ווייל פון השי"ת געהט מען נישט אוועק, ער איז אומעטום דא מיט, ס'איז „מלא כל הארץ כבודו" פאסט זיך דאריבער. גיכער דער אויס־דרוק „בא" וואס הייסט: קום מיט מיר — איך בין מיט דיר.

(בשם חהייק מקאצק זלהייה)

כי אני הכבדתי את לבו (י—א)

ווייל די מכות האבען דאך געקענט ווייך מאכען זיין הארץ און איהם בעוועגען צום גוטען, וואלט דאך די בחירה זיינע נישט געוועזען קיין גלייכע, האט דעריבער השי"ת בעשווערט זיין הארץ, כדי צוריקצושטעלען די גלייכ־געוויכט פון זיין בחירה. דעריבער טייטשט דער מדרש „הכבדתי" פון לשון „כבד" — לעבער. איך האב זיין הארץ געמאכט פון לעבער, ווייל די טבע פון לעבער איז אז זי זאפט אין זיך גארנישט אריין ביים קאכען (הכבד אינו בולע) און פערקעהרט, וואס מעהר מען קאכט איהר ווערט זי הארטער.

(הדרש והעיון)

משה רבינו האט זיך מצער געוועזען ווען ער האט געזעהען אזא פעסטקייט און אזא עקשנות ביי דער סטרא־אחרא. האט איהם השי"ת געטרייסט, אז די פעסטקייט איז נישט מצד פרעה'ן, נור „כי אני הכבדתי את לבו" — איך מאך עם הארט זיין הארץ, עס איז נישט זיין אייגענער כח.

(בשם ההייצ מגוסטינין זייל)

השי"ת ריהמט זיך דאמיט וואס ער גיט כח דעם רשע צו טהוען שלעכטס געגען זיין רצון. דען דאס איז דאך די גרעסטע פלא פון דער בריאה און איהרע סודות וואס עס ווערט דעם מענש געגעבען די מעגליכקייטען, אז ער זאל אויסנוצען די כחות, וואס ער בעקומט פון דער השגחה — געגען דער השגחה. אזא סבלנות קען נור האבען השי"ת אליין און קיין מענשליכער שכל קען עס נישט משיג זיין.

(שפת אמת)

מט

למען שתי אתתי אלה בקרבו (י—א)

דא איז מרומז די מכה פון „ארבה" וועלכע משה רבינו האט שפעטער גע-זאגט פרעה'ן. ווייל ס'איז א כלל אין דקדוק אז די אותיות „בומפ" און די אותיות „אהחע" קענען זיך טוישען איינס אנשטאט דעם אנדערען, ווייל זייער אויסשפראך איז פון איין אבער („בומפ" פון די ליפען און „אהח"ע" פון דער קעהל) ווען מען זאל אלזא טוישען די „פ" פון „פרעה" אויף א „ב" און די „ע" פון „פרעה" אויף אנ'„א" וועלען ארויסקומען די אותיות „ארבה".

דאס האט השי"ת מרמז געווען משה'ן:

„בא" אל „פרעה" — דאס ווארט „בא" נעם אריין אין ווארט „פרעה"... און ער ערקלערט איהם ווייטער „למען שתי אתתי אלה בקרבו" — דו זאלסט אריינטוען די דאזיגע אותיות „בא" אנשטאט אנדערע צוויי אותיות פונ'ם ווארט „פרעה", וועט ארויסקומען „ארבה"—דאס איז די מכה מיט וועלכע דו דארפסט יעצט שלאגען די מצרים.

(ההייק ר'ש מאוסטרופולי ז"ל)

דורך יציאת מצרים האבען יודען זוכה געוועזען צו צוויי אותות (צייכענס), צום אות פון שבת — כי אות הוא ביני וביניכם — און צום אות פון תפלין — והיה לאות על ידך. ביי שבת און ביי תפלין זאגט די תורה, אז זיי זאלען זיין צייכענס וואס זאלען דער-מאהנען אין יציאת מצרים. דאריבער זאגט השי"ת: „למען שתי אתתי אלה בקרבו", דורך די וואונדער פון יציאת מצרים, וועל איך יודען געבען מיינע צוויי אותות — שבת און תפלין...

(מאור ושמש)

ולמען תספר באזני בנך ובן בנך... וידעתם כי אני ד'. (יוד—ב)

אויב איהר וועט עוסק זיין איינ-צופלאנצען די גדלות השם אין די הערצער פון אייערע קינדער און אייניקלעך, וועט איהר א ליין שטייגען אין יודישקייט און בעקומען אליין וואס מעהר דעת ד' — וידעתם כי אני ד'...

(תולדות אדם מההייק רשי מאוסטרובה ז"ל)

אין דער מסורה איז פערהאן צוויי מאהל דאס ווארט „ולמען":

„ולמען תספר באזני בנך ובן בנך".

„ולמען תאריכו ימים".

אפילו מען האט שוין אליין זיך פערזארגט אין יודישקייט איז אבער דא אנ'אויפגאבע צו ערציהען די קינ-דער און קינדס-קינדער אלס יודען,

און צו דער גרויסער אויפגאבע מוז מען לאנג לעבען כדי מען זאל איהר קענען ערפילען — מען קען איהר קיינ־מאהל נישט יוצא זיין. צום „למען תספר באזני בנך ובן בנך" דארף זיין למען תאריכו ימים"...

(פני מבין)

עד מתי מאנת לענת מפני (יוד—ג)

די טבע פון א יוּד איז, אפילו ווען ער האט נישט קיין הכנעה, צו השי"ת, האט ער אבער דאפון אליין עגמת נפש און ער וואלט אין די טיעפענישען פון זיין נפש, באמת יא געוואלט האבען הכנעה. דער דאזיגער אינערליכער עגמת־נפש איז אין הימעל אויך פעררעכענט פאר א שטיקעל מד־רגה פון רצון. און דאס הייסט „רעוא דרעוא" — א רצון צו האבען רצון...

פרעה האט אבער גאָר נישט געהאט קיין עגמת־נפש פאר וואס ער קען זיך נישט מכניע זיין, ער איז גאר פון דער הכבדת־הלב געווען צופרידען און אין דעם איז בעיקר געווען זיין חטא— עד מתי מאנת לענת מפני — פאר וואס ווילסטו צומאהל נישט האבען קיין הכנעה, דו האסט אפילו נישט קיין צער פון דעם וואס דו האסט הכבדת הלב...

(שפת אמת)

עס זענען פערהאן הארבע עבירות וואס „אין מספיקין בידו לעשות תשו־בה" — מען פערשליסט פון הימעל די וועגען צו תשובה. פונדעסטוועגען אויב דער מענש איז זיך מתבונן, אין די גרויסקייט פון דעם חטא און אין אט דער מניעה פון תשובה, און דאדורך אליין ווערט ער ביי זיך שטארק צובראכען און שפל — איז זיך השי"ת מרחם און מאכט פאר איהם א בעזונ־דערן וועג אז ער זאל קענען תשובה טהוען, ווי עס זאגען די חז"ל: „חותר חתירה מתחת כסא הכבוד לקבלו בתשובה" — דאס שפלות און הכנעה באהנט פאר איהם אוים א נייעם תשו־בה וועג, א הינטער וועג... וואס איז אויפ'ן נארמאלען אופן נישט מעגליך. ווען אבער „מאנת לענת מפני" — אז מען האט נישט קיין הכנעה און קיין שברון הלב פון דעם וואס „אין מס־פיקין בידו לעשות תשובה" — בלייבט טאקי „אין מספיקין"...

(ישמח ישראל בשם אביו ההייק
מהר"י ז"ל מאלכסנדר)

ויאמר משה בנערינו ובזקנינו נלך (יוד—ט)

אויב מען האט מיט זיך די יוגענט־ליבע יאהרען קען מען געהן און עולה זיין אויף דער עלטער דורכ'ן „נערינו" קען מען זיין א הולך „בזקנינו" —

ווייל מען קען זאגען: „אשרי ילדותנו שלא ביישה את זקנותנו" — וואויל איז אונז וואס אונזער יוגענד פערשעהמט נישט די עלטער...

(נועם אלימלך)

פרעה וואלט שוין מסכים געוועזען אז די דערוואקסענע זאלען ארויס געהן פון מצרים ווי ער זאגט: „לכו נא הגברים ועבדו את ד'" (פסוק יא) נור מען זאל איהם איבערלאזען די קינדער. ווייל אויב דער יונגער דור וועט בלייבען ביי איהם — וועט ווייטער קיין פאלק ישראל נישט זיין. משה רבינו איז דאריבער נישט מסכים דארויף און זאגט איהם: „בנערינו ובזקנינו נלך" — די יוגענד מוז מיט אונז מיט געהן גלייך מיט די עלטערע, און די יוגענד נאך פריהער, ווייל דעמאלט קען אונזער עבודת ד' זיין אשלמותדיגע...

(ספרי דרוש)

בנערינו ובזקנינו נלך... כי חג ד' לנו (י—ט)

דאס איז דער טעם וואס מיר מוזען נעמען מיט אונזערע קינדער ווייל — „חג ד' לנו" — ווארום ווי קען דען זיין א יום-טוב און א שמחה אויב מיר וועלען איבער לאזען אונזערע קינדער אין דער פרעמד. אזא יום-טוב איז א פערשטערטער...

(שם משמואל)

ואחריו לא יהיה כן (יוד—יד)

פרעגט רש"י, ביים ארבה וואס איז געוועזען שפעטער אין דער צייט פון יואל הנביא, ווערט דאך געזאגט אז ס'איז נאך אזעלכער נישט געוועזען, הייסט דאך אז ער איז געוועזען א גרעסערער ווי אין מצרים?

נור אויב אמת אין יואל'ס צייט איז געוועזען א גרעסערער ארבה, זענען דאך אבער די פעלדער און גערטנער געוועזען פול מיט תבואה און פירות, דא אבער אין מצרים, ווי דער ברד האט שוין געהאט אלעס פערניכטעט, ס'איז נור געבליבען א קליין ביסעל תבואה אלס שיריים, (את אשר השאיר הברד) לגבי די ווייניגקייט פון די פערהאנענע פרוכטען, איז דער יעצטיגער היישעריק געוועזען א פול שטארקערער און פראפארציאנעל צו דער תבואה וועט טאקי אזעלכער שוין מעהר נישט זיין.

(תורת משה)

ויהי חשך על ארץ מצרים וימש חשך (יוד—כא)

דער געוועהנליכער „חשך" איז נישט קיין בעזונדערע בריאה, נאר א נעגאטיווע פון ליכטיגקייט (העדר האור) ווי ס'איז נישטא קיין ליכט, איז ממילא

חשך, דעריבער האט יענער חשך נישט קיין ממש און ווערט פערטריבען דורך אנ'אנגעצונדען ליכט. דער יעצטיגער חשך איז אבער געוועזען א ספעציעלע בריאה, וואס איז דאן בעשאפען גע־ווארען און ער האט געהאט א ממש — וימש חשך — אזוי אז קיין ליכטיגקייט האט איהם נישט געקענט פערטרייבען.

(ספורני)

דער מדרש זאגט אויפ'ן פסוק: „שלח חשך ויחשיך ולא מרו את דברו"— אז ווען ג—ט האט געזאגט צו די מלאכים דאס די מצריים זענען ווערט געשלאגען צו ווערען מיט חשך, האבען זיי באלד אלע מסכים געוועזען און נישט געזאגט אנדערש.

וואס איז דא דער חידוש, אז זיי האבען אלע מסכים געוועזען?

נור עס זענען פערהאן דריי חלוקים צווישען דיני נפשות (טויט שטראפען) און אנדערע דינים: 1) ביי דיני נפשות הויבט מען אן פרעגען דעם קלענסטען פון בית־דין זיין מיינונג — מתחילין מן הצד—כדי ער זאל ארויס זאגען פריי זיין דיעה און נישט דאר־פען זאגען אזוי ווי דער גרעסערער פון איהם. דאגעגען ביי אנדערע דינים, זאגט דאס ערשטע דער גרעסטער פון בית־דין זיין מיינונג. 2) ביי דיני נפ־שות הייבט מען אן מיט זכות און נישט מיט חוב, מען הייבט אן צו בעהאנדלען פריהער די צדדים פון אונשולד. 3) ביי דיני נפשות, אויב אלע מיטגלידער פון בית־דין האבען געזאגט חייב — ווערט ער נישט פעראורטיילט, (כולו חייב — זכאי).

דעריבער דווקא, ווען די מלאכים האבען געהערט, אז השי"ת — אלס דער גרעסטער פון בית־דין של מעלה, זאגט זיין מיינונג פריהער איידער ער פרעגט זייער מיינונג, און אויך אז ער הייבט באלד אן מיט חוב און נישט מיט זכות, (ראויים הם המצריים ללקות) — האבען זיי דאפון פערשטאנען, אז דא איז נישט קיין משפט פון דיני־נפשות, ווארום ביי דיני־נפשות האט מען דאך גע־דארפען פריהער פרעגען זייער מיינונג, און אויך אנהויבען ביי זכות, — דארי־בער האבען זיי געקענט אלע מסכים זיין לחובה, ווייל ווען עס וואלט גע־וועזען דיני נפשות, וואלטען זיי נישט געקענט אלע מסכים זיין לחובה ווארום עס וואלט דאך ארויס געקומען דאפון, אז מען וואלט די מצריים נישט געקענט בעשטראפען — דען כולו חייב—זכאי. ווייל עס איז אבער נישט געוועזען קיין דיני נפשות האבען זיי געקענט אלע מסכ'ם זיין — „ולאמרו את דברו".

(מלבוים)

לא ראו איש את אחיו ולא קמו איש מתחתיו (יוד-כג)

דער גרעסטער חושך איז אז איינער וויל נישט זעהען דעם צווייטען און וויל נישט וויסען פון זיין צער איהם צו העלפען, — לא ראו איש את אחיו.

דער רעזולטאט איז אבער, אז ווען מען וויל נישט זעהן דעם צווייטענס גויט קען מען זיך אליין נישט ריהרען פון ארט — ולא קמו איש מתחתיו...

(חדושי הרי"מ זי"ל)

* * *

דאס קען זיין איז אויך די כוונה פון חז"ל אין מדרש, אז דער חושך איז געוועזען דיק ווי א דינר זהב (עובי כדינר זהב), ווייל דער גייציג נאכ'ן דינר זהב, פארשטארקט ביי די מענשען דעם עגאאיזם, אז זיי זאלן נישט וועלען און נישט קענען זעהן דעם צווייטענס צער און נויט...

(אבן אזל)

ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם [יוד—כג]

ביי די מכה פון חשך האבען יודען זוכה געוועזען, אז עס איז פאר זיי געעפענט געווארען דער אור, וואס איז בעשאפען געווארען דעם ערשטען טאג פון מעשה בראשית, בעת השי"ת האט געזאגט דעם מאמר „ויהי אור". דער דאזיגער אור איז דעמאלט גגנז געווארען, כדי די רשעים זאלען זיך מיט איהם נישט בענוצען, איז ממילא יעצט, ווען פאר די רשעים איז געוועזען חושך האבען זיך יודען טאקע געקענט בענוצען מיט דעם דאזיגען אור.

און דעריבער זאגען די חז"ל אז די יודען האבען געזעהען מיט דעם אור, אפילו וואס ס'האט זיך געפונען אין די געהיימסטע בעהעלטענישען פון די מצריים. דאס איז דער כח פון דער אור הנגנז פאר וועלכען עס איז גישט פערהאן קיין שום פערשטעלעכצער...

(בשם הרהי"ק מקאצק זצ"ל)

וגם מקננו ילך עמנו... כי ממנו נקח לעבוד את ד' אלקינו [י—כו]

אונזערע בהמות וועלען אליין מיטן בעסטען ווילען מיטגעהן מיט אונז, ווייל זיי וועלען שטרעבען אז מ'זאל זיי ברענגען פאר קרבנות צו ג—ט—פונקט ווי די חז"ל זאגען, אז דער פר וואס אליהו האט געוואלט אויפברענגען פאר א קרבן איז אליין געלאפען דערצו, בעת דער פר, וועלכען די נביאי השקר האבען געוואלט מקריב זיין צום בעל, האט נישט געוואלט געהן — און פון דעם אליין וועלען מיר ארויסנעמען א לימוד ווי אזוי מ'דארף דינען השי"ת. אויב די בהמה, וואס האט נישט קיין דעת ווייל ברצון זיין א קרבן צו ג—ט ווי אזוי דארפען נאך האבען דעם רצון, מענשען בני דעת — ממנו נקח לעבד את ד'...

(מלבים)

ואנחנו לא נדע מה נעבד את ד׳ עד בואנו שמה [יוד—כו]

די גמרא זאגט: אלמלא לא נתנה תורה, אז ווען מ׳וואלט נישט געגעבען די תורה וואלטען מיר פול זאכען זיך אראבגעלערנט פון די בהמות און חיות, ווי: צניעות פון דער חתול, גזל פון דער נמלה, דרך־ארץ פון תרנגול א. א. וו.

דאס זאגט משה רבנו: ווייל—אנחנו לא נדע מה נעבד את ד׳ עד באנו שמה — ביז מיר וועלען קומען אהין צום בארג סיני וועלען מיר נישט ווי אזוי צו דינען ג—ט, מוזען מיר זיך דערווייל אראבלערנען פון די מקנה. אזוי ווי „אלמלא לא נתנה תורה" און דאס הייסט: „כי ממנו נקח לעבד את ד׳"...

(ארץ חמדה)

דער חידושי הרי״ם זצ״ל פלעגט זאגען: אלע אונזערע עבודות און מצוות, וואס מיר טהוען אויף דער וועלט ווייסען מיר נישט צי זיי האבען עפעס א ווערט און א בעדייטונג, צי זיי זענען גענוג ריין, עהרליך און לשם שמים, — עד באנו שמה — ביז מיר וועלען דארט אהינקומען אויפ׳ן עולם החשבון, דארט וועלען מיר ערשט געוואהר ווערען, וואס אונזער עבודות דא איז געוועזען.

בשלחו כלה גרש יגרש אתכם (יא—א)

ווייל מ׳האט פון הימעל געוואלט אז ס׳זאל ביי יודען נישט בלייבען קיין שפור פון דער גלות־טומאה האט דעריבער געמוזט זיין גירושין.

דורך דעם, וואס פרעה האט די יודען ארויסגעטריבען האט ער זיי אינגאנצען אבגעריסען פון מצרים אזוי, אז זיי האבען שוין גארנישט געהאט קיין שום אנקעהר מיט׳ן גלות־שמוץ און זיי האבען געקענט באלד דערהויבען ווערען צו אזא הויכער מדרגה צו ווערען אנגערופען „צבאות ד׳".

ביי א פרידליך גוטוויליגען ארויס־שיקען וואלט דאס נישט מעגליך גע־וועזען. ס׳האט דעריבער געמוזט זיין „גרש יגרש".

(שפת אמת)

דבר נא באזני העם וישאלו [יא-ב]

אין נא אלא לשון בקשה, בבקשה ממך הזהירם על כך שלא יאמר אותו צדיק אברהם: ועבדום ועינו אותם קים בהם ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קים בהם. (רש״י בשם חז״ל)

דער נסיון העושר — צובלייבען פעסט ביים יודישקייט אויך ביי גרויסע עשי־רות — איז א פיעל שווערערער ווי דער נסיון העוני. דעריבער האט מען יו־

דען געמוזט בעטען, אז זיי זאלען נעמען דעם ביזת מצרים, ווייל אליין וואלטען זיי נישט געוואלט זיך ארייננברענגען אין דעם נסיון.

אין דאס איז די כוונה: כדי שלא יאמר אותו צדיק — דער צדיק אברהם וועלכער איז בייגעשטאנען ביידע נסיונות סיי ווען ער איז אוועקגיגאנגען פון עלטערען הויז ארעם און בלויז, איבערלאזענדיג זיין גאנץ פערמעגען און סיי שפעטער, ווען ער איז געווען "כבד מאד במקנה בכסף וזהב" — ביי איהם איז דאך דער עושר, קיין נסיון נישט און ער וועט האבען די טענה פאר וואס די יודען האבען דעם רכוש נישט בעקומען, דעריבער האט מען די יודען געמוזט בעטען.

שפעטער ווען יודען האבען געמאכט דאס עגל איז טאקע געווען א לימוד זכות דאס, וואס זיי האבען געהאט א סך גאלד, ווי דער פסוק זאגט: "וכסף הרביתי להם וזהב עשו לבעל". און משה רבינו, בעת ער האט געבעטען פאר יודען ביים חטא פון עגל, האט דעריבער געזאגט: ואם אין—אויב דו ווילסט נישט מוחל זיין דעם חטא—מחני "נא" מספרך — דארפסטו דאך אויסמעקען פון דער תורה דעם "נא" פון פסוק "דבר נא באזני העם", וועלכער איז א לשון בקשה, און ווייזט אז דו האסט דאך אליין געבעטען, אז זיי זאלען דאס גאלד נעמען...

(הבאר)

די הבטחה פון השי"ת "ואחרי כן יצאו ברכוש גדול" קען אויסגעטייטשט ווערען אויף א העכערען גייסטיגען פערמעגען. נישט קיין פשוט'ן גאלד אין זילבער נאר אלע גוטע כחות און הייליגע פונקען (נצוצות קדושות), וואס האבען זיך געפונען צווישען די מצריים, זאלען די יודען מיט זיך מיטנעמען. אבער דער צדיק אברהם וועט שרייען: "ועבדום ועינו אותם קיים בהם" — די עבדות מיט די עינוי זענען מקוים געווארען אויף א גאנץ פשוט'ן אופן, אזוי, אז יעדערער יוד, אפילו דער פשוטסטער האט עס געפילט דארף דאך דער "ואחרי כן יצאו ברכוש גדול" אויך מקוים ווערען נישט בלויז על פי סוד נאר אויך אין פשטות, אז יעדערער יוד זאל דערטאפען און זעהן דעם "רכוש גדול".

(שיחות צדיקים)

ויִשאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה...
ויתן ד' את חן העם בעיני מצרים [יא—ב, ג]

אויב יודען זענען גומל-חסד איי-נער מיט'ן צווייטען, מען בארגט יענעם, מען העלפט איהם אין דער נויט, דאן גיט זיי השי"ת חן אפילו אין די אוי-

געו פון זייערע שונאים. עס ווערט דאן אין הימעל נתעורר חסד אויף יודען און זיי בעקומען חן.

(תולדות אדם מהחייק ר״י מאוסטרובצה ז״ל)

גם האיש משה גדול מאד בארץ מצרים בעיני עבדי פרעה ובעיני העם [יא—ג]

ס׳איז גאנץ זעלטען, אז א מענש זאל זיין אנגענומען און חשוב אי ביי די גרויסע לייט, די אריסטאקראטיע און אינטעליגענץ און אי ביי די פאלקס־מאסען. על פי רוב איז דער וואס איז בעליבט ביים המון — פערפיינדעט ביי די אויבערשטע שיכטען, און דער וואס איז חשוב ביי די העכערע טיילען פון פאלק האט נישט קיין סימפאטיע ביי די פשוטע מאסען, ווייל יעדער שיכט פערלאנגט אנדערע מעלות און כשרונות.

דאס וואונדער פון משה רבינו איז געווען אז ער איז גרויס געווען סיי ביי די „עבדי פרעה" — די העכסטע פירשטען און אדעל־לייט און סיי „בעיני העם" — ביי די פאלקס־מאסען.

(הדרש והעיון)

והיתה צעקה גדולה במצרים אשר כמהו לא נהיתה [יא—ו]

דער דקדוק פון דעם פסוק איז זעהר א שווערער. „צעקה" איז דאך לשון נקבה, „כמהו" — איז אבער לשון זכר און „נהיתה" — איז ווידער לשון נקבה?

נור דער פשט איז אזוי:

עס איז מעגליך אזא געשריי אין א נאכט פון מלחמה ווען א שונא בע־פאלט פלוצלינג די שטאדט א. ד. ג: אבער אין אזא פרידליכע נאכט, ווי דאן, וואס עס איז נישט געווען קיין מלחמה צייט און נישט קיין אנפאל פון שונא, אין אזא שטייגער נאכט איז נאך אזא ארט געשריי נישט גע־ווען. „כמהו" געהט אלזא ארויף אויף „לילה" — וואס איז א לשון זכר און „נהיתה" געהט ארויף צוריק אויף די „צעקה". אזוי ווי עס וואלט געשטאנען „והיתה צעקה גדולה אשר בלילה כמהו לא נהיתה".

(ספורנו)

ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו [יא—ז]

די תורה דערצהלט אונז, אז יודען האבען מתקן געווען דעם חטא פון לשון־הרע און מסירה וועלכען משה רבינו האט ביי זיי בעמערקט און גע־זאגט „אכן נודע הדבר". און דעריבער איז געווען „לא יחרץ כלב לשונו", דען וואלטען זיי נאך געווען בעלי לשון הרע — זאגען דאך די חז״ל „כל המספר לשון הרע ראוי להשליכו לכלבים,...

און באמת ווערט טאקי דערצעהלט אין מדרש, אז צוועלף חדשים האבען

יודען געהאלטען ביי זיך דעם סוד פון „וישאלו איש מאת רעהו" און קיינער האט עס נישט איבערגעגעבען די מצריים, ווייל זיי האבען ווירקליך אויסגעווארצעלט ביי זיך די מסירות און לשון־הרע. און דעריבער זענען זיי ווערט געוועזען די גאולה.

(הגאון ר' מרדכי בנעט ז"ל)

החדש הזה לכם ראש חדשים [יב—ב]

יודען צעהלען זייערע צייטען לויט די לבנה.

די לבנה איז דער סימבאל פון יודישען פאלק, פונקט ווי די לבנה ווען זי איז שוין געווארען וואס א מאל קלענער און קלענער ביז מען זעהט איהר שוין נישט און מען מיינט אז זי איז שוין אינגאנצען פערשוואונדען, הייבט זי אן אויפסנייע צו שיינען און ווערט וואס אמאל גרעסער, אזוי דאס יודישע פאלק אפילו ווען עס איז שוין גאר בשפל המצב און ס'דוכט זיך אז אט געהט עס חלילה אונטער — ווערט עס אויפסנייע צוריק געשטארקט און עס שיינט צוריק אויף און פונקט ווי די לבנה וועט לעתיד צוריק גרוים ווערען און איהר ליכט וועט זיין גאנץ און פערפולקאמט, אזוי געהער די צוקונפט דעם יודישען פאלק.

(מדרש)

* * *

יודען צעהלען צו דער לבנה און די אומות העולם צו דער זון. זיי די אומות קענען נור עקזיסטירען ווען ס'איז זיי ליכטיג, ווען ס'איז ביי זיי טאג. ווערט זיי אמאל פינסטער — דאן ווערען זיי גענצליך פערניכטעט און אבגעווישט פון דער געשיכטע. יודען דאגעגען קענען עקזיסטירען און לייכטען אפילו ווען ס'איז זיי פינסטער פונקט ווי די לבנה שיינט אין דער פינסטערער 'נאכט...

(שפת אמת)

אין דער טבע איז נישטא קיין התחדשות, אלעס פיהרט זיך אויף א קביעות'דיגען אופן אהן בענייאונג — „אין כל חדש תחת השמש". נור יודען, וואס זייער הנהגה איז העכער ווי די טבע, און זיי ווייזען ארויס אוננאטירליכע כחות פון מסירת־נפש פאר השי"ת און זיין תורה — דעריבער איז ביי זיי יא מעגליך התחדשות — החדש הזה לכם...

(חדושי הרי"ם)

ראשון הוא לכם לחדשי השנה [יב—ב]

יודען זענען מחויב צו צעהלען די חדשים אזוי, אז ניסן איז דער ערשטער, אייר דער צווייטער א. א. וו. די וואס רופען אן די חדשים, וועלכע

די אומות בעשטימען, דארפען זיי בע־
סער אנרופען ביים נאמען און נישט
לויט דער צאהל אלס ערשטער, צוויי
טער, דריטער א.ד.ג. ווייל עס איז א
חשש אז דערמיט איז מען עובר אויף'ן

„ראשון הוא לכם" — ניסן איז דער
ערשטער און נישט יאנואר אדער
סעפטעמבער...

(חתם סופר)

ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל [יב—ו]

ווי אזוי האבען יודען געשחט'ען א
קרבן נישט אין בית־המקדש — ס'איז
דאך שחוטי־חוץ?

נאך דער תרגום יונתן אויף'ן פסוק
„ואשא אתכם על כנפי נשרים (פרשת
יתרו) זאגט, אז די יודען זענען ביים

מאכען דעם קרבן־פסח איבערגעטראגען
געווארען בדרך נס קיין ירושלים צום
מקום המקדש און דערנאך צוריק גע־
בראכט געווארען קיין גושן. אזוי אז
זיי האבען באמת געמאכט דעם פסח
אין בית־המקדש.

דער שחיטת הפסח איז געווען
דער ענדגילטיגער נצחון פון די אמת'ע
אמונה איבער די מצרישע געצענדינסט.
ווי בעקאנט האבען די מצריים פער־
געטערט דאס שעפסיל. אין חודש ניסן
ווען ס'איז דער מזל טלה און אין דער
נאכט פון פונפצענטען טאג אין חודש
ניסן ווען דער מזל פון טלה איז אין
זיין העכסטער גלאנץ און שלמות —

ווען דאן האבען די יודען גענומען
דאס שעפסעל און געשחט'ען און זיין
בלוט געשפריצט פאר ג—ט'ס וועגען
האבען זיי דערמיט פולשטענדיג בעווי
זען די אונבעהאלפענקייט פונ'ם טלה,
און מכניע געווען די מצרי'שע עבודה־
זרה פאר'ן אויבערשטענ'ס וועגען.

(בני יששכר)

וחגתם אותו חג לד' לדרתיכם חקת עולם תחגהו [יב—יד]

אויב מען בעטראכט דעם יום טוב
פון יציאת־מצרים נור אלס בעפרייאונג
פון פיזישע פיין און קערפערליכע
פערשקלאפונג, קענען פיל זאגען אז
עס האט נישט קיין זין צו פייערען דעם
יום טוב דאן ווען מען איז ווייטער אין
גלות און פערשקלאפט צווישען די
פעלקער. פערשטעהט מען אבער יציאת
מצרים אלס די גייסטיגע בעפרייאונג פון
פאלק, וואס השי"ת האט אונז

ארויסגעשלעפט פון די מצרי'שע
טומאה, גענומען אונז פאר א פאלק צו
זיך און אויף אונז געמאכט רוהען זיין
שכינה, זיין קדושה, מאכענדיג אונז
פאר א הייליג פאלק דאן פערשטעהט מען
אז דער יום טוב פון יציאת מצרים איז
אנ'אייביגער אפילו בעת מען איז ווייטער
קערפערליך פערשקלאפט אין גלות.

דאס זאגט די תורה: וחגתם אותו
חג לד' — אויב איהר וועט דעם יום

טוב פייערן אלס נעטליכען יום טוב און בעטראכטען זיין גייסטיגען גאולה־כאראקטער, דאן — חקת עולם תחגהו,— וועט איהר איהם פייערן אויף אייביג אפילו אין די שווערסטע גלות־צייטען.

(משך חכמה)

אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם כי כל אכל חמץ ונכרתה הנפש ההוא מישראל [יב—טו]

דאס וואס ביי חמץ איז פערהאן די מצוה פון ביעור און די תורה האט גוזר געווען אז „לא יראה ולא ימצא" מעהר ווי ביי אנדערע איסורים — זאגען די ראשונים צוויי טעמים. איין טעם איז, ווייל פון חמץ איז מען נישט אבגעוואוינט, מען עסט עס א גאנץ יאהר און ס'איז זעהר לייכט זיך צו פערגעסען און נעמען עס עסען ווען עס וואלט זיך געפונען אין שטוב, דעריבער האט מען געמוזט מחמיר זיין אז מען זאל עס מבער זיין. א צוויי־טער טעם איז פאראן, ווייל דער איסור־חמץ איז א גרויסער איסור. אז עס איז דא א שטראף פון כרת אויף מען עסט איהם, דעריבער האט די תורה געזאגט „לא יראה ולא ימצא"..

און דאס אייגענטליך זאגט די תורה אליין: אך ביום הראשון תשביתו שאר מבתיכם — פארוואס? ווייל אייגס — כי כל אכל חמץ — אלע עסען דאך חמץ שטענדיג א גאנץ יאהר און מען איז גישט אבגעשיידט דערפון, און צוויי־טענס ווייל — ונכרתה הנפש ההיא — ווייל ס'איז דא דערויף אנ'איסור כרת...

(הגאון הקדוש ר' נתן אדלער ז"ל)

וביום השביעי מקרא קדש יהיה לכם כל מלאכה לא יעשה בהם אך אשר יאכל לכל נפש הוא לבדו יעשה לכם [יב—טו]

אין אלע ימים טובים מעג מען טהוען מלאכות וואס זענען לצורך אוכל־נפש. דער דאזיגער היתר שטעהט אבער אין דער תורה נור ביי שביעי של פסח און נישט ביי אנ'אנדערן יום טוב?

האט דערויף געזאגט הה"ק ר' פנחס'ל קאריצער זצ"ל ווייל „קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף" איז דעריבער צום טאג ווען ס'איז טאקי פארגעקומען קריעת ים סוף — שביעי של פסח — צו דעם טאג דווקא האט א שייכות דער היתר פון מזונות — אוכל נפש...

(בני יששכר)

משכו וקחו לכם צאן [יב—כא]

די מצריים האבען דאך געדינט צו די שעפסען, זענען דאך די שעפסען געווארען פסול צו נעמען פאר א קרבן ווייל „נעבד" איז אסור ל„גבוה",

דעריבער האט די תורה געזאגט „וקחו" — אז מען זאל די שעפסלעך קויפען ביי די מצריים, און מיט דעם וואס די מצריים וועלען זיי פערקויפען וועלען זיי מבטל זיין די עבודה זרה דערפון, ווי דער דין איז: „גוי שמכר עבודה זרה שלו הוי ביטול.

(הרה״ג מוה״ר אלעזר ז״ל מסוכטשוב בעל חדושי מהרא״ד)

ולקחתם אגודת אזוב וטבלתם בדם אשר בסף והגעתם אל המשקוף [יב—כב]

אפילו ווען איהר זענט אזוי נידריג, בשפל המצב ווי דער אזוב, וואס וואקסט זעהר נידריג, אויב אבער איהר זיינט פעראייניגט און צוזאמענגעבונדען אין איין אגודה און זענט אויך גרייט צו געבען אייער בלוט פאר יודישקייט און האבען מסירת נפש — וטבלתם בדם, — דאן קענט איהר דערגרייכען גאר הויך — והגעתם אל המשקוף...

נחמד מזהב מהה״ק ר׳ יחזקאל קאזמיר זלה״ה)

ופסח ד׳ על הפתח [יב—כג]

שטענדיג העלפט מען נור פון הי־מעל, ווען עס איז דא א התחלה פון תשובה פריהער ביים מענש, ווי עס זאגען די חז״ל: „פתחו לי פתח כחודה של מחט ואני אפתח לכם כפתחי של אולם", דעם פתח, אפילו גאר א קליינער מוז פריער געעפענט ווערען פון אונטען. דא אבער אין מצרים זענען יודען געווזען אין דער טומאה פון גלות און ס׳איז פון זייער זייט קיין שום התעוררות נישט גע־ווען און קיין שום פתח נישט גע־עפענט געווארען, דאך האט השי״ת רחמנות געהאט און ער האט זיי פריער געעפענט דעם פתח פון גאולה נישט קוקענדיג וואס זיי האבען דעם פתח — אפילו כחודה של מחט — נישט געעפענט. דאס הייסט: „ופסח ד׳ על הפתח"—ג—ט האט איבערגעהיפט איבער דעם פתח, וואס יודען האבען געדארפט די ערשטע עפענען און ער האט זיי פריער געעפענט זיין פתח פון דער גאולה...

(בוצינא דנהורא מהה״ק ר״ב מזיבוז זצ״ל)

וד׳ הכה כל בכור בארץ מצרים [יב—כט]

כל מקום שנאמר וד׳ — הוא ובית דינו (רש״י)

ווען עס האנדעלט זיך ביי שטראף שטעהט: „הוא ובית דינו" — אז דער בית־דין של מעלה גיט ארויס די שטראף, ווייל ביים שלעכטס שטראפט מען נישט אויף דער מחשבה — „מחשבה רעה אינה מצטרפת למעשה" — דעריבער ווערט עס איבערגעגעבען דעם בית־דין, וואס ווייסען נישט די מחשבות פון

מענש (אפילו מלאכים ווייסען נישט קיין מחשבות), דאגעגען ביי בעצאהלען גוטס, ווערט דאס בית-דין נישט דער-מאהנט נור בלויז השי"ת, ווייל ביי גוטס ווערט דאך די מחשבה יא צוגע-רעכענט—מחשבה, טובה מצטרפת למע-שה — מוז עס דאריבער טהון השי"ת אליין, וואס איז א יודע מחשבות.

דאס איז מרומז אין פסוק: „ד' נתן וד' לקח"—ביי „נתן" צו געבען גוטס שטעהט בלויז: ד'—אהן בית דין, אבער ביי „לקח" צו צונעמען פון מענש, ד.ה. ביי שטראף שטעהט: „וד'" — וואס הייסט: הוא ובית דינו..

(נזר הקדש)

כל בן נכר לא יאכל בו [יב—מג]

כל בר ישראל דאשתמד (תרגום)

פארוואס דוקא מיינט מען א משומד?

זאגט הגאון הר' מאיר שמחה פון דווינסק ז"ל, ווייל עס קען נישט זיין אז דא רעדט די תורה צו א יוד, אז ער זאל נישט געבען קיין גוי צו עסען פון קרבן פסח — האט דאך געדארפט שטעהן „לכל בן נכר לא תאכיל" דו זאלסט נישט מאכען עסען. אז די תורה ווידער זאל רעדען צו א גוי ממש — קען אויך נישט זיין, ווייל די תורה איז דאך זיי נישט געגעבען געווארען, און זיי גיט מען נישט קיין בעפעהלען. דאריבער מוז זיין, אז דא רעדט די תורה צו א געשמד'טען יוד און זאגט איהם, אז ער טאר נישט עסען פון קרבן פסח.

(משך חכמה)

פארוואס ביי „כל נדרי" אין יום כפור, זאגט מען אז מען איז מצרף אפילו די עבריינים צו די תפלות און ביי תענית, זאגען אויך די חז"ל אז מען דארף צורעכענען די פושעי ישראל, נור דא ביי פסח, אויב דער דערוווייטערטער און פערפרעמדעטער יוד ווייל עסען פון קרבן פסח דערלאזט נישט די תורה?

ווייל אויב דער פושע ישראל און משומד, קומט און ווייל נאך מיט פאס-טען אדער מיטוויינען מיט אונז, איז א סימן אז ער מיינט נאך א ביסעל ערנסט און מען דארף איהם נישט מרחק זיין. אויב אבער פאסטען ווייל ער נישט מיט אונז, וויינען לאזט ער אונז אליין, נור מיט צו עסען פונ'ם שמעקעדיגען פריש געבראטענעם שעפסען איז ער דא, צו אונזערע שמחות ווייל ער זיין א שותף — אזעלכע דארף מען נישט האבען...

(פרדס יוסף)

הפטרה בא [ירמי׳ מו]

מדוע נסחף אביריך לא עמד כי ד׳ הדפו [ירמיה מו—טו]

יעדע זאך ווערט אוועקגערוקט פון זיין ארט אין דער מאס ווי שטארק ס׳איז דער שטוים־קראפט וואס שטופט עס אוועק. אויב א קינד אדער א שוואכער ווארפט עפעס, פאלט עס נישט וויט, ווארפט עס אבער א גבור—פאלט עס ווייטער און וואס שטארקער ס׳איז דער ווארפער דעסטא ווייטער פאלט עס.

דאס זאגט דער נביא: מדוע נסחף אביריך, לא עמד? — ווען דו וואונדערסט זיך, ווער האט דאס געקענט אזוי אוועקשטופען דיינע גבורים מיט אזא שטארקען כח, אז זיי זענען אוועקגעשליידערט געווארען פון ארט און קענען זיך נאך נישט אבשטעלען נור ווערען אלץ בסדר געשליידערט? ווער בעזיצט דאס אזא שטארקען כח־הדוחה און אזא גבורה צו קענען אזוי ווייט אוועקווארפען? זאלסטו דיך נים וואונדערען, ווייל — ד׳ הדפו — ג—ט איז עס געוועזען דער וואס האט דעם דאזיגען שטוים געגעבען, דעריבער איז דער שטוים־קראפט אזוי שטארק, אז ער קען זיך נאכנישט אבשטעלען.

(כוכב מיעקב)

קולה כנחש ילך [מו—כב]

דער מדרש זאגט: מען פרעגט דעם נחש: וואס האסטו דען א הנאה דערפון וואס דו בייסט מענשען, ווען דו פיהלסט אין אלעם נור דעם טעם פון ערד? ענטפערט דער נחש: איך האב טאקי נישט קיין שום הנאה, נאר איך טהו דעם בעפעהל פון אויבען צו בעשטראפען די וואס דארפען בעשטראפט צו ווערען.

דער נביא פערגלייכט דעריבער דעם קאמף פון נבוכדנצר מיט דעם וועלכער וועט פאר זיך גארנישט נעמען נור אלעם פערניכטען (בקרדומות באו לה כחוטבי עצים, כרתו יערה), אהן שום אייגענוצען —צו די שטראף טעטיגקייט פון נחש וואס ברענגט נור יענעם שאדען אהן נוצען פאר זיך. נור ווייל יענער דארף פון הימעל בעשטראפט ווערען.

(אהבת יהונתן)

ואתה אל תירא עבדי יעקב ואל תחת ישראל כי הנני מושיעך מרחוק [מו—כז]

די חז״ל זאגען, אז ווען יודען וועלען תשובה טהון וועט די גאולה ווערען צוגעאיילט — אחישנה, אויב אבער זיי וועלען נישט תשובה טהוען. וועט די גאולה אויך מוזען קומען, נור ערשט אין דער בעשטימטער צייט — בעתה.

השי״ת זאגט דאריבער דורך זיין

נביא צו יודען, אז זיי זאלען נישט מורא האבען, ווייל ער וועט זיי העל-פען אפילו — מרחוק — ווען זיי ווע-לען זיין פונדערווייטענס, דערווייטערט פון יודישקייט אהן תשובה, אפילו דאן וועט ער זיי אויסלייזען...

* * *

דער קדושת לוי ז"ל פלעגט זאגען: רבונו של עולם! לייז אויס דיין פאלק כל זמן זיי זענען נאך יודען — אויב נישט וועסטו זיי מוזען אויסלייזען אפילו ווען זיי חלילה וועלען זיין גויים...

* * *

דער קאזשניצער מגיד ז"ל פלעגט זאגען: „אבינו מלכנו הרם קרן ישראל עמך" — דו האסט דאך געשיקט יודען אין גלות אריין כדי צו מאכען ריוח, אז דער גלויבען אין דיר זאל פער-שפרייט ווערען צווישען אנדערע פעל-קער — דו קענסט אבער דערוויל פערלירען דעם „קרן", ווען יודען ווע-לען חלילה ערגער ווערען, דאריבער אייל דיך צו און נעם ארוים כאטש דאס קרן — הרם „קרן" ישראל עמך...

כי הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים [מו—כז]

די חז"ל זאגען: יעקב אבינו איז נישט געשטארבען, ווייל דער פסוק דא, זאגט: „אל תירא עבדי יעקב... ואת זרעך מארץ שבים" — ווערט ער יעקב פערגליכען צו זיינע קינדער, פונקט ווי זיינע קינדער לעבען שטענדיג, אזוי לעבט ער אליין אויך שטענדיג.

אויב יעקב'ס קינדער, אפילו ווען זיי זענען אין געפאנגשאפט, אין גלות ביי די פעלקער, בלייבען דאך לעבען און עקזיסטירען אלס אייגענארטיגע יעקב'ס קינדער, אלס גאנצע יודען און ווערען נישט גייסטיג אבגעשטארבען און אסימילירט — דאן הייסט עס אז יעקב אליין לעבט שטענדיג — שטארבט זיין גייסט און זיין כח קיינמאהל נישט אב. אויב ס'איז „זרעו בחיים" — איז אויך — „הוא בחיים"...

(אבני אזל)

פרשת בשלח

ויהי בשלח פרעה [יג—יז]

מי צוח וי? — פרעה צוח וי (מדרש)

אזוי איז שוין דער דרך פון אלע שונאים אין אלע צייטען, פריהער האט מען אונז פיינט, אין אלעם זענען מיר שולדיג און מען וויל פון אונז פטור ווערען, שפעטער שרייען זיי פארוואס מיר ווילען אוועק געהן און טהוען אלע פעולות, אז מיר זאלען נישט קענען אוועק פון לאנד...

(פרדס יוסף)

ולא נחם אלהים דרך ארץ [יג—יז]

השי"ת האט זיי נישט געפיהרט מיט א נאטירליכען אופן, ווי ס'איז דער שטייגער פון דער וועלט. אויף דער וועלט פיהרט זיך, אז וואסער קומט פון הימעל און ברויט וואקסט פון דער ערד און השי"ת האט מיט זיי זיך געפיהרט, אז ברויט האט ער זיי געשיקט פון הימעל (מן—לחם מן השמים) און וואסער פון דער ערד (עלי=באר)...

(ילקוט)

ולא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא

מ'האט פון הימעל געוואלט אז יודען זאלען קענען אדורכמאכען וועגען, וואס זענען אפילו נישט אזוי גלייך און גלאטיג, זיי זאלען קענען זיך אנ'עצה געבען און זיך דערהאלטען אין שפעטערע צייטען, אפילו ווען דער וועג וועט זיין קרום און ווייט...

(שפת אמת)

וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים [שמות י"ג]

כאטש פרעה האט דאך ארויסגע=שיקט די יודען געגען זיין ווילען דורך אותות, מופתים און נסים, פונדעסטוועגען האבען יודען זיך „פערשטעלט" מיט די כלי זיין, כדי די אומות העולם אבצוגענארען, זיי זאלען נישט דערגעהן דעם סוד פון די יודישע גבורות אז זיי זענען מנצח דורך נסים, נאר זיי זאלען מיינען, אז דאס איז א געוועהנליכע מלחמה=גבורה וממילא, וועלען זיי קומען מיט די יודען מלחמה האלטען מיט'ן כח פון רכב וסוסים און כלי=זיין און דעמאלס איז דער יודישער נצחון געזיכערט.

דאס זעלבע מיינט אויך דער פסוק: אשריך ישראל מי כמוך עם נושע בד'— וואויל איז דיר, ישראל, ווער נאך ווי דו ביסט א פאלק, וואס ווערט פאקטיש

געהאלפען דורך ג—ט — מגן עזרך — ער איז עס דערווירקליכער שוץ פון דיין הילף — ואשר חרב גאותיך — און דאס וואס די שטאלצירסט א מאהל מיט דיין שווערד, — ויכחשו איביך לך —איז עס בלויז, כדי דיינע פיינד זאלען דיר פערלייקענען דיין פאקטישע ג—טליכע הילף, אום כדי — ואתה על במותימו תדרוך — דו זאלסט קענען אויף זייערע הויכקייטען טרעטען...

(קטרת סמים)

וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים
ויקח משה את עצמות יוסף עמו [יג—י"ח י"ט]

יודען זענען געגאנגען בעוואפענט. וואס איז געוועזען זייער וואפען? — די עצמות יוסף, ווייל דער זכות פון'ם צדיק איז מגין אויפ'ן פאלק און „גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם.

(תורת משה)

יודען האבען עוסק געוועזען צו קלויבען דאס גאלד און משה האט עוסק געוועזען אין מצוות.

דעריבער הייסט עס „עמו" ווייל א מצוה נעמט מען מיט זיך מיט, דאגעגען גאלד און זילבער קען מען נישט מיטנעמען מיט זיך, עס בלייבט דא — „לא ירד אחריו כבודו".

(כלי יקר)

הכם לב יקח מצוות זה משה. שבשעה שכל ישראל עסקו בביזה עסק הוא בעצמות יוסף [ילקוט]

דאס נעמען די ביזה איז אויך געוועזען א מצוה, אבער א מצוה וואס האט געגעבען אויך אנ'אייגענעם נוצען. משה'ס חכמה איז געוועזען וואס ער האט בעסער זיך גענומען א מצוה פון וועלכע סאיז נישטא קיין שום אייגענ-נוצען, אזא מצוה שטעהט פיעל העכער. דעריבער שטעהט „ויקח" ווייל „אין קיחה אלא לשון הגבהה". — ער האט זיך אויפגעהויבען פיעל העכער דאמיט וואס ער האט עוסק געוועזען אין דער מצוה פון עצמות יוסף...

(הגה"ק בעל אבני נזר מסוכטשוב זלה"ה)

אייגענטליך קען דאס גיכער הייסען חסידות, צדקות, אבער פארוואס הייסט עס עפעס א חכמה?

נור משה רבינו האט געהאט דעם דין ווי א כהן און האט נישט געטארט זיך מטמא זיין צו א מת, האט ער

אויסגענוצט די געלעגענהייט ווען אלע יודען זענען געווען פערנומען מיט די ביזה — האט עס דאך געהייסען א מת־מצוה, דאן האט ער זיך שוין געמעגט מטמא זיין — און דאס איז געוועזען די חכמה...

(פרדס יוסף)

משה האט מיט זיך מיטגענומען די איינגענשאפטען (עצמיות) פון יוסף'ן, און פון איהם זיך געלערנט ווי אזוי מ'דארף פיהרען א פאלק און עס בעשפייזען, אין דער צייט ווען ס'איז נישטא קיין ברויט...

(תורת המורה והתלמוד)

ואמר פרעה לבני ישראל נבכים הם בארץ [יד—ג]

ואמר פרעה לדתן ואבירם דאישתיירו במצרים (תרגום יונתן)

אויב דתן ואבירם האבען נישט געוואלט ארויס געהן פון מצרים פאר־וואס זענען זיי נישט געשטארבען אין די שלשת ימי אפילה פונקט ווי אלע רשעים, וואס האבען נישט געוואלט ארויסגעהן פון מצרים?

נאר באמת האט דאך משה רבינו געפאדערט פון פרעה צו בעפרייען יודען נור אויף דריי טאג— דרך שלשת ימים נלך במדבר, האבען ממילא די יודען לכתחילה אינגאנצען נישט געוואלט ארויסגעהן און געווים נישט בארגען כלים און קליידער ביי די מצרים — ווייל אויף דריי טאג האט זיך זיי נישט געלוינט די טירחא, האט מען זיי שטילערהייד. בסוד געזאגט, אז זיי ועלען שוין מעהר נישט צוריקגעהן קיין מצרים דעריבער שטעהט: „דבר נא באזני העם" — אויפ'ן אויער, שטילערהייד זאלסטו זיי זאגען, אז זיי מעגען זיך בארגען און געהן מיט שמחה, ווייל זיי וועלען שוין נישט צוריק געהן. דתן ואבירם זענען דאך אבער געוועזען מוסרים האט מען זיך פאר זיי געהיטען און דעם סוד זיי נישט אויסגעזאגט, זענען זיי דעריבער נישט ארויסגעגאנגען, ווייל זיי האבען געמיינט, אז ס'איז נור אויף דריי טאג. קיין שטראף האבען זיי אבער דערפאר נישט בעקומען, ווייל זיי האבען דאך נישט געוואוסט, און זיי זענען דעריבער געבליבען לעבען אין די שלשת ימי אפילה...

(עדות ביהוסף)

ויאסור את רכבו [יד—ו]

פרעה אליין — זאגען די חז"ל — האט איינגעשפאנט זיין רייט־וואגען און געלאפען נאכיאגען די יודען און גאר־נישט געלייגט קיין אכט אויף זיין קעניגליכען כבוד.

פרעה האט געוואוסט, אז אויב אין זיין לאנד וועלען זיך נישט געפונען קיין יודען, פערלירט ער זיין גאנצע

ממשלה. אויסנוצען די מאכט האט ער נור געקענט בנוגע יודען וועמען מען קען פייניגען אומגעשטערט.

אזוי איז תמיד, די שונאי ישראל ווערען גרויס דורך פייניגען יודען: ווייל איבער זיי איז צום לייכסטען צו געוועלטיגען און ארויסווייזען זייער ממשלה, ווי עס שטעהט: כל המיצר לישראל נעשה ראש.

(שפתי כ.ה.ן)

ויקח שש מאות רכב בחור (יד—ז)

פארוואס פונקט זעקס הונדערט?

נור ווען דער שונא איז זיך מתגבר איבער יודען קענען צוויי פון זיי נאכיאגען צעהן טויזענד (איכה ירדוף אחד אלף ושנים יניסו רבבה). אז יודען זענען אלזא ארויסגעגאנגען פון מצרים ששים רבוא — זעקס הונדערט טויזענד, האט פרעה געדארפען זיי נאכיאגען מיט הונדערט און צוואנציג רייטער. באמת אבער זענען יודען געוועזען אין מצרים פינף מאל אזוי פיל, ד. ה. דריי מיליאן, נור ביים ארויסגעהן איז געבליבען איין פינפטעל (וחמשים עלו בני ישראל—זאגט רש"י: אחד מחמשה), ווייל פיר חלקים זענען אויסגעשטארבען אין די שלשת ימי אפלה. פרעה האט דאך אבער דערפון נישט געוואוסט און האט געמיינט אז זיי זענען מאקי דריי מיליאן, דעריבער האט ער געשיקט זעקס הונדערט רייטער.

(הגאון ר' חיים ראפאפארט ז"ל)

ופרעה הקריב... והנה מצרים נוסע אחריהם... ויצעקו בני ישראל אל ד' (יד—י)

ווען יודען האבען געזעהען אזא געוואלדיגען כח פון מסירת נפש ביי די טומאה, אז פרעה שטעלט זיך איין דאס לעבען (ופרעה הקריב — ראשונה) און גיט אוועק דאס געלד (אחלק שלל) האבען זיי געשריגען צו השי"ת און געבעטען אז זיי זאלען אויך האבען כחות פון מסירות נפש כדי זיך צו קענען אנטקעגנשטעלען דעם מסירת נפש פון פרעה. האט השי"ת געענטפערט: זאלען זיי נישט שרייען נור „ויסעו" — זאלען זיי מיט דעם אריינגעהן אין ים בעווייזען מסירת נפש וועלען זיי זיך שוין ממילא מתגבר זיין איבער די מצריים.

(קדושת לוי)

הקריב את ישראל לעשות תשובה (מדרש)

פרעה האט זיי דערנעהנטערט תשובה צו טהוען. צוליב פרעה'ס רדיפות האבען זיי מורא בעקומען פאר ג—ט.

אויף דעם איז מאקי צו שרייען געוואלד: פארוואס מוז מען ערשט ווארטען מיט דער תשובה ביז פרעה יאגט נאך און פייניגט און פריהער דערמאנט מען זיך נישט. ויצעקו בני

ישראל — יודען האבען געשריגען אויף דעם אליין, וואס זייער הרהור תשובה קומט ערשט דורך פרעה'ס נגישות.

(אבני אזל)

והנה מצרים נוסע אחריהם (יד–י)

בלב אחד כאיש אחד (רש"י)

ביי יודען שמעהט אבער פערקעהרט: „כאיש אחד בלב אחד" (רש"י, אויף׳ן פסוק „ויחן שם ישראל" אין פרשת יתרו), ווייל יודען זענען בעצם פון זייער שורש ווי איין מענש, עס פעהלט נור, אז זיי זאלען האבען איין ווילען און איין הארץ. דאגעגען די אומות זענען פון שורש צושפליטערט און נישט פעראייניגט, נור דאס וואס זיי נעמען זיך צוזאמען מיט איין געדאנק און איין ווילען אויסצופיהרען עפעס א זאך, דאס מאכט זיי ערשט כאיש אחד.

(הה'ק בעל אבני נזר מסוכטשוב ז'ל)

וייראו מאד ויצעקו...

זיי האבען באלד געשריגען אויף דער דאזיגער יראה, עס האט זיי וועה געטהון, פארוואס זיי האבען מורא פאר א בשר ודם, ווארום דער אמת'ער ירא-שמים שעהמט זיך מורא צו האבען פאר א זאך אויסער השי"ת.

(מאור ושמש)

ד' ילחם לכם ואתם תחרישון (יד–יד)

לא בשעה זו בלבד ילחם לכם אלא לעולם ילחם לכם כנגד אויביכם. (מכילתא)

נישט דוקא יעצט, ווען איהר האט א גערעכטע טענה, איך האב דאך אייך ארויסגענומען פון מצרים און געפיהרט אין מדבר, מוז איך דאך אייך העלפען. נור אפילו ווען — ואתם תחרישון — ווען איהר וועט מוזען זיין שטיל און נישט קענען דאס מויל עפענען, ווייל איהר וועט זיך האבען פערזינדיגט א קייגען מיר, איהר וועט נור קענען זאגען „לך ד' הצדקה ולנו בשת הפנים" — אויך דאן וועל איך פאר אייך מלחמה האלטען און אייך מציל זיין פון אייערע שונאים.

(משך חכמה)

זיי האבען נישט געדארפען טהון קיין שום מצוה ווי ביי יציאת מצרים וואס זיי האבען געדארפען שחט'ן א קרבן פסח — נור אינגאנצען שווייגען. ווייל ווען ס'איז פערהאן מסירת נפש פאר השי"ת דארף מען שוין גארנישט. דער כח און דער זכות, איז גרעסער פאר אלע פעולות.

(הה'ק בעל אבני נזר מסוכוטשוב זצלה'ה)

* * *

הה״ק רבי חיים צאנזער ז״ל האט געזאגט, פאר וואס מען האט געשטעלט דאס בית המקדש אויפ׳ן בארג מורי׳ און נישט אויפ׳ן בארג סיני, וואס אויף איהם איז געגעבען געווארען די תורה מיט די מצות, — ווייל אויפ׳ן הר מורי׳ האט א יוד אויסגעשטרעקט זיין האלז פאר השי״ת און דאס איז גרעסער פאר אלעם..

מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו (יד—טו)

ווען די יודען שרייען צו השי״ת, און דריקען דערמיט אויס זייער אמונה און זייער גאהנטקייט צו ג—ט אלס בנים למקום — דעמאלט דארפען זיי שוין באמת נישט שרייען. ווייל א קינד מוז מען העלפען — על בני ועל פועל ידי תצווני?

אז ס׳איז—ויצעקו בני ישראל אל ד׳ — איז מען דערמיט אליין מעורר אזא רחמים אין הימעל, אז מען זאגט שוין פון הימעל: „מה תצעק אלי״ — איהר דארפט נישט שרייען...

(חדושי הרי׳ם ז״ל)

נאכוואס האט משה טאקי געשריגען, ער האט דאך געוואוסט, אז השי״ת וועט העלפען — ער האט דאך עס איהם פריער געזאגט?

נור משה רבינו דערזעהענדיג דער פערשטארקונג פון טומאת מצרים און דעם יודישען צער האט ער נישט געהאט קיין סבלנות אפילו אויף איין רגע, ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטען און געשריגען...

(לקוטי שפת אמת)

ויסע מלאך האלהים ההולך לפניהם ויעמוד מאחריהם (יד—יט)

ווען יודען זענען זוכה און השי״ת וויזט זיי זיין חסד, שטעהען זיי העכער פון די הייליגסטע מלאכים, אזוי אז דער מלאך וואס לויט זיין קדושה איז געווענליך „לפניהם״ העכער און פאר זיי אין דער מדרגה — בלייבט דאן שטעהן „מאחריהם״ — נאך זיי. זיי זענען גרעסער און פריהער...

(קדושת לוי)

ולא קרב זה אל זה כל הלילה (יד—כ)

בקשו מלאכי השרת לאמור שירה. אמר הקב"ה מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה. (גמרא ערכין)

בעת מען מאכט א חולה מסוכן אנ'אפעראציע, כאטש זי איז א נויטיגע, פונדעסטוועגן זינגט מען נישט בשעת מעשה, ווייל ס'איז דאך אנ'אפעראציע וואס טהוט וועה. נור שפעטער קען מען זיך פרעהען.

דאס זאגט השי"ת: יעצט ווען — מעשי ידי טובעים בים — בעת דער שווערער אפעראציע, וואס מענשען ווערען דערטרונקען, כאטש ס'איז א גויטיגע זאך, דאס שלעכטע מוז בעשטראפט ווערען, אבער ס'איז דאך א שווערע אפעראציע און ס'איז יעצט נישט קיין זמן פון שירה. דאנעגען נאך דער אפעראציע — באבוד רשעים רנה — קען מען זינגען אויפ'ן תועלת.

(ישועות מלכו מהה'ג מקוטנא ז'ל)

וישם הים לחרבה ויבקעו המים (יד—כא)

הים ראה וינוס — מה ראה? ארונו של יוסף ראה (מדרש)

לכתחילה האט דער ים נישט געוואלט הערען זיך צו שפאלטען און ער האט געטענה'ט — לויטן מדרש — צו משה'ן: איך בין גרעסער פאר דיר, איך בין בעשאפען געווארען דינסטאג און דו — דער מענש —ערשט פרייטאג. נור ווען ער האט דערזעהן דעם ארון פון יוסף'ן, האט ער זיך איבערצייגט, אז עלטער איז נישט קיין סימן פון גרויסקייט, ווארום אט איז יוסף געוועזען יונגער פון זיינע ברודער און דאך איז ער געוועזען דער מושל איבער זיי, אז זיי האבען זיך געמוזט צו איהם בוקען און היטענדיג זיין בעפעהל אלס מלך האבען זיי מיטגענומען זיין ארון.

דער ארון פון יוסף האט דערוויזען, אז כאטש דער מענש איז יונגער פון ים, קען ער דאך איבער איהם בעפעהלען און צווינגען איהם טרוקען צו ווערען.

(הדרש והעיון)

ויבאו בני ישראל בתוך הים ביבשה (יד-כב)

אויפ'ן פסוק „הים ראה וינוס“ (תהלים קיד—ג) איז פערהאן א מדרש: מה ראה? „ברייתא דרבי ישמעאל ראה“. דער פשט איז א גאנץ פשוטער. ווארום אין סנהדרין ע"ג איז פערהאן א ברייתא פון רבי ישמעאל, אז איינער אנטלויפט פאר א שונא, וואס יאגט איהם נאך, איז מען מחויב איהם מציל צו זיין אפילו דאן ווען מען מוז דערהרג'ענען דעם רודף. צוליב דעם דין האט דער ים יעצט

געמוזט אלעם טהון כדי מציל זיין די יודען, וואס זענען געווען נרדפים דורך די מצרים, כאטש די מצרים — די רודפים האבען דאדורך פערלוירען זייער לעבען.

(אבני אזל)

ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים (יד—כט)

מענשען ווערען נור נתפעל ווען זיי זעהען אפענע נסים זיי פערשטעהען נישט, אז די טבע אליין איז איין גרויס נס פון וועלכען מ'דארף כסדר דערזעהען דעם בעשעפער און פיהרער און נתפעל ווערען.

נור ווען מען דערזעהט א נס-גלוי, הויבט מען אן צו גלויבען, אז אפילו אין פשוט'ן טבע'דיגען לעבען איז אויך פארהאן השגחה און נסים — כאטש מען איז צוגעוואוינט צו זיי און מען דערפיהלט זיי נישט.

דאס זאגט די תורה: ובני ישראל — יודען, ווען זיי האבען געזעהן אזא נס, אז זיי זענען געגאנגען אין ים ווי אויף דער יבשה, זענען זיי געקומען צו דער הכרה און בעוואוסטזיין אז — הלכו ביבשה בתוך הים — אז אפילו מען געהט אויף די גלייכע יבשה איז עס פונקט אזא פלא אזוי ווי מען וואלט געגאנגען אין ים...

(הרבי ר' אלימלך מלזענסק ז״ל)

ויאמינו בד' ובמשה עבדו... אז ישיר משה

ווען זיי האבען געגלויבט אין השי״ת און אין דעם, אז משה איז „עבדו" — דאן האט משה געקענט זאגען שירה. די אמונה אין צדיק דערהויבט דעם צדיק אליין.

(דגל מחנה אפרים)

ובמשה עבדו.

ווען זיי האבען געזעהן די גייסטיגע עליה פון די נידריגסטע מענשען אז „ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל הנביא" האבען זיי אנגעהויבען צו גלויבען, אז א מענטש, א בשר ודם, קען צוקומען צו אזא הויכע מדרגה ווי משה רבינו...

(קדושת לוי)

מכאן לתחית המתים מן התורה (רש״י)

אויף דעמאלט אליין האבען זיי נישט געדארפען גלייבען, זיי האבען דאך אלעם געזעהן און משיג געווען — ראתה על הים מה שלא ראה יחזקאל הנביא — נור אויב עס שטעהט דאך „ויאמינו" — איז דערמיט געמיינט, אז זיי האבען שוין דעמאלט געגלויבט אין דער תחית המתים פון לעתיד, און דאס איז געווען די אמונה...

(הה'ק ר' יחזקאל מקאזמיר ז'ל)

הדא היא דכתיב פיה פתחה בחכמה (מדרש)

ווען א מענש זאגט עפעס א דבר חכמה, דערהערט מען ערשט די חכמה דערפון ביים סוף, ווען ער האט די זאך פערענדיגט און מען פערשטעהט וואס ער האט געזאגט. דאגעגען די שירה, וואס איז געזאגט געווארען מיט רוח הקדש און נבואה און אלע יודען האבען גלייך מכוון געוועזען צו זאגען די זעלבע ווערטער, איז די חכמה דערהערט געווארען באלד ביי די התחלה, ווי זיי האבען נור געעפענט דאס מויל.

ביי „אז ישיר" איז געוועזען — פיה פתחה בחכמה.

(הרבי ר' בונם מפשיסכא ז"ל)

עלה בלבם שישיר (רש"י)

יעדע פעולה וואס מען טהוט, מוז דאך פריהער עולה זיין אויפ'ן הארץ?

נור די גרויסקייט פון יעדער מצוה איז לויט'ן רצון און תשוקה וואס מען האט צו איהר. די שירה אליין, וואס יודען האבען געזאגט, איז אן און פאר זיך גישט קיין חידוש, ווייל זיי האבען דאך געזאגט מיט רוח הקדש און „שכינה מדברת מתוך גרונם". די דאזיגע שירה ווייזט אבער ווי גרויס ס'איז געוועזען פריהער דער רצון ביי יודען צו לויבען השי"ת. א רצון וואס האט געקענט ארויסגעבען אזא שירה און ברענגען צו אזא מדרגת הנבואה — אזא רצון איז טאקי א גרויס חידוש. דער „עלה בלבם שישיר" איז דא דער עיקר...

(שם משמואל)

זה אלי ואנוהו אלהי אבי וארוממנהו (טו—ב)

הרבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער פלעגט זאגען: זה אלי — אויב מען ארבייט אליין צו דערקענען השי"ת — ואנוהו — איז עס שעהן, אויב אבער אלהי אבי — מען פערלאזט זיך אויפ'ן יחוס, כ'האב געהאט א גרויסען טאטען דאן — וארוממנהו — איז עס א סימן פון גאות, פון דערהויבענקייט ביי זיך...

ואנוהו — איז דער טייטש איך וועל זיך אליין מאכען אוואוינונג פאר איהם, איך וועל זיך הייליגען און רייניגען, אז מיין גוף זאל קענען זיין אנ'ארט פאר השראת השכינה.

(הרב ר' שמשון רפאל הירש ז"ל)

וברוח אפיך נערמו מים (טו—ז)

דער תרגום מאכט: „חכימו מיא" — די וואסערן זענען קלוג געווארען.

ווייל פונקט בעת דער בעשאפונג פון מענש איז דורך דעם „ויפח באפיו נשמת חיים" — דורכ'ן אטעם־בלאז פון השי"ת, דער מענש געווארען א בר־

דעת, ווי דער תרגום מאכט אויף „ויהי האדם לנפש חיה“ — לרוח ממללא, ד. ה. אז דער מענש האט בעקומען דעם כח הדבור דעם דעת, וואס אנדערע בעשעפענישען האבען נישט. אזוי אויך די וואסערן פון ים סוף האבען דורכן „רוח אפיך“ בעקומען חכמה און דעת, אז זיי האבען געוואוסט ווען צו אנטלויפען און ווען צוריק צו קומען. דאס הייסט „חכימו מיא“...

(הגר"א מווילנה)

וברב גאנך תהרס קמיך תשלח חרונך יאכלמו כקש (טו—ז)

כאטש דו ביזט אזוי גרויס און עס פאסט נישט פאר דיר צו קעמפען מיט אזעלכע שפלים, דאך — תהרס קמיך — ווייל דו דארפסט גאר נישט צו טהוען גרויסע פעולות, נור בלויז — תשלח חרנך — דו לאזט דיין צארן — יאכלמו כקש — ווערען זיי שוין אליין פון זיך זעלבסט פערניכטעט, נישט ווי א מענש וואס נאכ'ן כעס מוז ער ערשט עפעס טהוען. דו, ווען דו נעמסט נור אוועק דיין השגחה פון זיי, האבען זיי שוין ממילא נישט קיין קיום.

(משך חכמה)

וברות אפיך נערמו מים (טו—ח)

צוויי מאהל שטעהט אין דער תורה: „אפיך“ מלא — מיט א יוד נאך דער פא: „בזעת אפיך תאכל לחם“ און „וברוח אפיך נערמו מים“.

פונדאנען איז א רמז צום מאמר חז"ל: „קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף“.

(תולדות אדם)

נהלת בעזך אל נוה קדשך (טו-יד)

אונקלוס תרגום לשון נושא וסובל ולא דקדק לפרש אחר לשון העברית. (רש"י)

אויב דער תרגום טייטשט „נהלת“ „דו האסט געדולדעט“ — פון לשון „סבלנות“, איז עס דעריבער, ווייל יעדע הנהלה איז ענג פערבונדען מיט סבלנות, יעדער מנהל און מנהיג מוז זיין א נושא וסובל. דערמיט האט עס יא א שייכות צוםווארט „נהלת“ אפילו לויט זיין פשוט'ן טייטש.

(אדמו"ר מגור שליט"א)

ותקח מרים הנביאה אחות אהרן התוף בידה ותצאנה כל הנשים אחריה בתפים ובמחולות (טו—כ)

מרים הנביאה האט ארויסגערופען אזא התעוררות צו לויבען הקב"ה, אז

זי האט בעאיינפלוסט אלע פרויען דאס זעלבע. זיי זאלען איהר נאכגעהן און טהוען דאס

(רמזי דחכמתא)

ווייל „קול באשה ערוה" דעריבער האבען זיי גענומען פויקען, כדי די מענער זאלען נישט הערען דאס קול פון זייער געזאנג...

(ספרי דרוש)

ויורהו ד' עץ וימתקו המים (טו—כה)

הראהו דבר מן התורה שנמשלה לעץ חיים, הקב"ה ממתיק מר במר (מדרש)

דעם תלמיד חכם וואס איז נור עוסק בתורה איז ביטער אין גשמיות, עס פעהלט איהם פרנסה. דאגעגען דער געשעפטס־מאן, וואס איז שטענדיג פער־יאגט און פערהארוועט אין גשמיות, פיהלט א מרירות, אז עס פעהלט איהם רוחניות, ער איז נישט צופרידען פון זיינע שטענדיגע מאטערנישען, ווייל ער האט נישט קיין גייסטיגע בעפרידיגונג. אויב אבער דער געשעפטס מענש שטיצט דעם תלמיד חכם און גיט איהם פרנסה, ווערען ביידענס ביטערנישען פערזיסט. דער תלמיד חכם האט זיין עקזיסטענץ און דער געלדס מענש האט א גייסטיגע בעפרידיגונג.

דאס הייסט אז דורכ'ן „עץ חיים למחזיקים בה" — דורך החזקת התורה ווערט זיס דער „מר במר", ביידע בי־טערנישען.

(תורת משה)

שם שם לו חק ומשפט ושם נסהו... אם שמוע תשמע בקול ד' אלקיך... כי אני ד' רופאך (טו-כה, כו)

השי"ת האט דארט געלערנט מיט משה רבנו די חכמה פון קענען זיך איבער געוואוקסען און איבער דער הייל־קראפט, וואס געפינט זיך אין יעדער פון זיי.

צווישען די דאזיגע אלע גרעזער זענען פערהאן א טייל וואס זייער טייל קראפט איז א „סגולה". ס'איז נישט פערשטענדליך, פארוואס זייער ווירקונג איז אזעלכע, נור דער פאקט איז אווי. עס זענען אויך פארהן גרעזער וואס מען פערשטעהט זייער ווירקונגס־קראפט לויט די מעדיצינישע וויסענשאפט. די תורה דערצעהלט אונז, — שם שם לו חק—השי"ת האט געוויזען משה רבנו די גרעזער, וואס זענען אלס סגולה און זענען בבחינת „חוק" און די גרעזער, וואס ווירקען אלס טבע בבחינת „משפט" און משה רבנו האט באלד אויפ'ן ארט אויסגעפרובט די אלע גרעזער — ושם נסהו...

דאן זאגט השי"ת, אז ווען איהר וועט בענוצען די אלע הייל־מיטלען, סיי די וואס זייער כח איז א סגולה און סיי די וואס זייער היילונגס־קראפט איז א פערשטענדליכע, לויט דער מעדי־

ציין זאלט איהר דערביי געדענקען, אז דאס אליץ וועט אייך נור דאן העלפען ווען — אם שמוע תשמע בקול ד' אלקיך — ווען איהר וועט דערביי בעטען צו ג—ט, ער זאל אייך העלפען דאן וועט קומען די רפואה — כי אני ד' רופאך.

(שפתי כהן)

כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ד' רפאך (טו—כו)

איך וועל דיך קיינמאל נישט שלאגען, מיט דער פשוטער כוונה צו שלאגען אזוי ווי איך האב עס געטהוען ביי די מצרים, און אויב איך וועל אויף דיר יא שיקען א מאל מחלות אלס שטראף, איז עס, ווייל — כי אני ד' רפאך — פונקט ווי א דאקטאר טהוט א מאל וועה דעם קראנקען דורך אפשניידען אנ'אבר אדער לאזען בלוט, כדי דערמיט איהם צו היילען און געזונד צו מאכען, אזוי וועלען מיינע שטראפען אויף דיר האבען די כוונה דיך גייסטיג געזונד צו מאכען און אויסצוהיילען פון שלעכטעס.

(מלבי'ם)

דער שטענדיגער הויז-דאקטאר וועלכער נעמט נישט בעצאהלט פאר יעדער וויזיט. האט נישט קיין שום אינטערעס, אז זיין קליענט זאל קראנק ווערען, נור זיין גאנצע ארבייט איז אזוי איהם אבצוהיטען דאס געזונד, אז ער זאל נישט קראנק ווערען. אזוי איז השי"ת אויסען מיט זיינע מצוות און הקים, וואס ער האט אונז בעפוילען, צו היטען אונזער נפש, אז עס זאל באלד נישט קראנק ווערען. דאס איז דער טייטש „כי אני ד' רפאך" — איך בין דאך דיין שטענדיגער הויז-דאקטאר, דעריבער — לא אשים עליך — גיב איך דיר אזעלכע מצוות, אז דו זאלסט באלד נישט קראנק ווערען...

(תורת משה)

והיה ביום הששי והכינו את אשר יביאו (טז—ח)

„והיה" — זאגען די חז"ל — איז א לשון „שמחה". די שמחה, וואס מען האט פרייטאג מקבל צו זיין דעם אנ-קומענדען שבת — אט דאס אליין איז די הכנה צום שבת...

(חדושי הרי'ם ז'ל)

ויאמרו איש אל אחיו מן הוא כי לא ידעו מה הוא, ויאמר משה אליהם הוא הלחם אשר נתן ד' לאכלה (טז—טו)

ווען א יוד האט געגעסען דעם מן — הימעלדיגע שפייז, האט ער בעקומען

אנ,אנדער פנים אין אנ'אנדערע צורה, אז מען האט איהם נישט דערקענט, ס'איז נישט געווען דערזעלבער וואס פריהער.

ויאמרו איש אל אחיו מן הוא — איינער האט געזאגט אויפ'ן צווייטען: ווער איז דאס? ס'איז דאך גאר נישט דער אייגענער ראובן, די צורה איז גאר אנ'איידעלערע, א רוחניותדיגע? — ויאמר משה הוא הלחם — האט זיי משה אויפגעקלעהרט, אז דאס האט געמאכט דאס הימלישע ברויט...

(ההייק ר' מענדעלע רימאנאווער זצ"ל)

שבו איש תחתיו אל יצא איש ממקומו (טז-כט)

יעדער דארף זיך זעצען אויף א ני־דריגערען פלאץ ווי איהם קומט לויט זיין מדרגה — תחתיו... על כל פנים זאל ער זיך נישט זעצען העכער פון זיין ארט — אל יצא איש ממקומו...

(הה'ק מהר"י מרוזין זלה"ה)

מה אעשה לעם הזה עוד מעט וסקלוני (יז-ד)

משה רבינו, דער אוהב ישראל, האט מלמד זכות געווען אויף די יודען. זיי זענען דאך כשר גערעכט, וואס זיי שרייען ס'דורשט זיי. — עוד מעט — ס'וועט דאך נאך ווייניג זיין — וסקלוני — ווען אפילו זיי וועלען מיך פערשטיינען. איך נעם זיי אין א מדבר אריין און גיב זיי נישט קיין וואסער, וואס זיי רעדען זענען זיי דאך גערעכט.

(הה'ק ר' מנחם זצ"ל מאמשינוב)

ועל נסתם את ד' לאמר היש ד' בקרבנו אם אין. ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים. (יז-ז' ח)

ברפידים — על שרפו ידיהם מן התורה — (גמרא)

אויב מען בעמערקט אנ'אפגעלאזענ־קייט און א רפיון ידים פון דער תורה, איז א ס'ימן אז ס'איז פערהאן שלעכטע מחשבות — היש ד' בקרבנו... ספיקות אין דער אמונה ברענגען ממילא צו רפיון־ידים פון תורה און מצוות.

(מלבים)

אויב מ'וויל נישט טהוען קיין ממשות'־דיגע פעולות פאר תורה — שרפו ידיהם — איז עס דער בייזער כח פון עמלק, וועלכער דערלאזט נישט זיין אקטיוו פאר יודישקייט און פאר חזוק התורה. אבער — „כאשר ירים משה ידו" — ווען דאס תורה יודענטום, וואס געהט אין משה'ס וועג, הייבט אויף זיין ה א נ ד,

צו מעשים און טעטיגקייט איז דאן — ונבר ישראל — שטארקט זיך דער כח פונ'ם אייביגען ישראל איבער עמלק.

(אבני אזל)

וצא הלחם בעמלק (יז–ט)

פארוואס דארט ביים ים האט מען געזאגט „ואתם תחרישון" — זיי זאלען גארנישט טהוען, און דא האט מען אזוי שטארק מזרז געוועזען צו די מלחמה — צא הלחם?

נור ביי יעדער דבר הרשות דארף מען האבען בטחון, אז השי"ת וועט העלפען און די מענשליכע השתדלות העלפט גאר נישט. דאגעגען ווען ס'איז אבער א קאמף פאר יודישקייט, טאר מען נישט בענוצען קיין בטחון נור מען איז מחויב צו טהוען אלעס וואס איז מעגליך און די מלחמה פיהרען מיט די כחות וואס יעדער פערמאגט.

ביי מלחמת עמלק, וואס איז דער סימבאל פון דעם קאמף פון רשעות און כפירה געגען יודישקייט און אמונה, דעמאלט טאר מען נישט שווייגען און זיך איינוויגען מיט בטחון נור „וצא הלחם"! — געה ארויס אין קאמף!..

(פרדס יוסף)

והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל וכאשר יניח ידו וגבר עמלק (יז–יא)

וכי ידיו של משה עושות מלחמה או שוברות מלחמה אלא בזמן שישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים היו מתגברין ואם לאו היו נופלין . (משנה ראש השנה כט)

איז דאך זעהר שווער צו פערשטעהן, אויב משה'ס האלטען די הענד אין דער הויך האבען געברענגט יודען צום נצחון — פארוואס האט ער זיי טאקי אראפגעלאזט?

נור דער פשט איז אזוי: ווען יודען האבען זייער הארץ געווענדעט צום פאטער אין הימעל האבען זיך משה'ס הענד געשטארקט („היו מתגברים" — געהט ארויף אויף „ידיו של משה") און זיך געהאלטען אין דער הויך. ווען אבער יודען האבען אבגעווענדעט זייער הארץ פון אויבערשטען, זענען משה'ס הענד אראפגעפאלען. די גוטע כוונה און תשובה פון פאלק, געבען כח דעם מנהיג, אז ער זאל קענען פאר זיי אויסבעטען און אויסווירקען א נצחון און א ישועה.

(שפת אמת)

הפטרה בשלח (שופטים ד—ה)

אשת לפידות (שופטים ד—ד)

אייגענטליך קען א פרוי נישט זיין קיין שופט, ווייל א ריכטער דארף זיין שטרענג און „נשים רחמניות הן" נור דבורה איז געוועזן אנ׳אויסנאהם, זי איז געוועזן ווי א „לפיד-אש", נישט ווייך ווי א פרוי, נור ברענענדיג ווי א פלאם פייער צו משפט׳ן די שלעכטע.

(אהבת יהונתן)

דבורה האט מיט איהר נבואה און שירה צופלאמט די יודישע הערצער ווי א פלאם פייער. דעריבער האט זי געהייסען „אשת לפידות".

(אבני אזל)

היא שפטה את ישראל בעת ההיא (ד—ד)

אויף דער פראגע ווי אזוי דבורה, אלס פרוי, האט געקענט זיין א שופטה זענען פערהאן צוויי תירוצים. איין תירוץ איז, ווייל זי איז געוועזן א נבואה און זוכה געוועזן צו השראת השכינה, דעריבער איז זי געוועזן אנ׳אויסנאהם (תוספות). דער צווייטער תירוץ איז, ווייל ס׳איז דאן געוועזן א צייט, וואס יודען זענען געוועזן זעהר שלעכט און ס׳איז נישט געוועזן קיין אנדערער, וואס זאל זיין ראוי צו זיין א שופט, איז איידער עס זאל בכלל קיין שופט נישט זיין אין אזא שווערער צייט, האט מען שוין מסכים געוועזן אז ס׳זאל זיין א פרוי.

אט די דאזיגעביידע טעמים ווערען בעטאנט אין פסוק: „היא" — זי אלס אויסנאהם מענש און איהר גרויס חשובות, און „בעת ההיא" אין יענער צייט, וואס איז געוועזן אנ׳אויסנאהם צייט און ס׳איז קיין אנדערער נישט געוועזן — צוליעב די ביידע טעמים האט געקענט דבורה זיין „שפטה את ישראל"..

(הג׳ר׳ נפתלי משכיל לאיתן ז׳ל)

בפלגות ראובן גדולים חקקי לב. למה ישבת בין המשפתים לשמע שריקות עדרים (ה—טו טז)

דאס שבט ראובן האט זיך אבגעטיילט פון אנדערע שבטים צו קריגען צוזאמען מיט קרח׳ן אויף משה רבינו, האלטענדיג זיך פאר „גדולים", און טענה׳ דיג, „כל העדה כולם קדושים". פאר קדושים וואלט אבער געפאסט גיכער, אז זיי זאלען זיך בעזעצען אין ארץ ישראל, אלס ארץ קדושה ווי מען קען שטייגען אין דער קדושה. לבסוף האבען זיי זיך גאר אבגעקליבען עבר הירדן, די לענדער פון

סיחון ועוג — אלס וואוין ארט, כדי צו קענען האבען א סך פאשע פאר זייער סטאדעס שעפסען, דאס פאסט שוין נישט פאר קדושים...

דבורה זאגט דעריבער אויב — לפלגות ראובן — ראובן האט זיך אבּ-געטיילט צוליב — גדולים חקקי לב — ווייל זיי האלטען זיך פאר קדושים מיט גרויסע און טיעפע מחשבות. פרעגט זיך דאך — למה ישבת בין המשפתים — פארוואס האסטו אויסגעקליבען צו וואוינען איבער די גרעניצען פון הייליגען ארץ ישראל — לשמוע שריקות עדרים — צוליעב די געשרייען פון די שעפסען.

(אהבת יהונתן)

ואהביו כצאת השמש בגברתו (ה—לא)

הנעלבין ואינם עולבין, שומעים חרפתם ואינם משיבים* עליהם הכתוב אומר: ואוהביו כצאת השמש בגבורתו (גיטין לו)

די חז"ל פערגלייכען צו דער זון, די מענשען וואס בעליידיגען נישט צוריק אפילו ווען מען בעליידיגט זיי, זיי הערען ווען מען איז זיי מבזה און ענטפערען נישט.

ווייל באמת איז די מדה פון פער-שווייגען בזיונות און נישט רעגירען אויף בעליידיגונגען, נור דאן א גוטע מדה, ווי לאנג ס׳איז נוגע דעם אייגענעם פערזענליכען כבוד — דעריבער איז דער אויסדרוק ביי די חז"ל: „שומעים חרפתם" ד. ה. זיי הערען זייער אייגענער, פערזענליכער חרפה... — אבער ווען מען הערט ווי איינער איז מבזה א צווייטען, וואס יענער איז באמת א תלמיד חכם, א עהרליכער און אונשולדיגער מענש, דאן טאר ער נישט דולדען פערשווייגען, אדרבה ס׳איז א גרויס פערברעכען צו שווייגען ווען מען הערט דעם בזיון פון א תלמיד חכם.

און אט אזוי האט זיך טאקי נוהג געווען די זון.

בעת דער וועלט-בעשאפונג ווען די לבנה האט געוואלט די ערנידערונג פון דער זון און האט מקטרג געווען און געזאגט: „צוויי מלכים קענען נישט האבען איין גלייכע קרוין"—דאן האט זי געשוויגען און גארנישט רעאגירט. בעת אבער עס איז געווען די מחלוקה פון קרח און זיין קאמפאניע געגען משה רבינו, דאן, דערצעהלען די חז"ל, האט זיך די זון איינגעשטעלט פאר משה׳ס כבוד און נישט געוואלט ארויסגעהן לייכטען אויף דער וועלט אויב מען וועט נישט בעשטראפען משה׳ס בעליידיגער (זעה נדרים לט).

דער פערגלייך איז אלזא גאר א ריכטיגער. אז די, וואס זענען „שומעים ח ר פ ת ם ואינם משיבים" — און נעה-מען זיך אבער אן פאר דעם בעליידיגטען כבוד פון אנדערע אונשולדיגע מענשען — די זענען ווירקליך „כצאת השמש בגבורתו" — די פערמאגען די גבורה פון דער זון, וואס האט אזוי געטהוען.

(הדרש והעיון)

פ

פרשת יתרו

וישמע יתרו (יח–א)

מה שמועה שמע ובא? — קריעת ים סוף ומלחמת עמלק. (רש"י)

די קשיא איז, צו וואס האט ער געדארפען קומען ער האט דאך געקענט בלייבען א מאמין ביי זיך אין דער היים? נור ווען ער האט געהערט, אז נאך אזא התגלות הנבואה ווי ס'איז געוועזען ביי קריעת ים סוף, האט נאך געקענט מעגליך זיין אזא הסתר, אז עמלק זאל קומען און מלחמה האלטען מיט יודען, האט ער דערפון גענומען, אז מען מוז קומען מקבל זיין די תורה דורך א רבי'ן און כסדר ארבייטען מיט זיך, כדי צו קענען גובר זיין די שלעכטע כחות, וואס פערשטעלען די אויגען...

(שיחות צדיקים)

אלע האבען דאך געהערט? — נור ער האט „דערהערט" ער האט געצויגען מסקנות פון דעם, וואס ער האט געהערט, בעת אנדערע האבען געהערט און געבליבען ווייטער ביי זייערס...

(הה'ק מהר'ד לעלעווער זלה'ה)

יתרו .האט שוין פון פריהער זיך געוואלט מגייר זיין, נור ער האט געפיהלט, אז ער איז נאך נישט גענוג ריין און אויסגעארבייט אז ער זאל קענען ווערען א יוד. ווען ער האט אבער געהערט, אז נאך קריעת ים־סוף, ביי וועלכען ס'איז געוועזען „ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל הנביא"—האבען יודען דאך נאך געהאט צו קעמפען מיט'ן יצר הרע („עמלק" איז דער סימבאל פון די שלעכטע כחות אין מענש), האט ער פערשטאנען, אז די הויכע מדרגה פון יודען איז נישט ווייל זיי האבען שוין נישט קיין קאמף מיט'ן יצה"ר, נור א חסד פון השי"ת, וואס העלפט זיי צו, איהם גובר צו זיין. ממילא האט ער געזעהען פאר זיך א מעגליכקייט צו ווערען א יוד...

רש"י זאגט אז פריהער האט ער געהייסען „יתר" און נאכ'ן מגייר זיין האט מען איהם צוגעגעבען אנ'אות און ס'איז געווארען דעם נאמען „יתרו".

ס'איז א גרויסע מדה, אז א מענש איז ביי זיך גארנישט אזוי ווי ער וואלט געוועזען איבריג, ווי די חז"ל. זאגען: „לשארית נחלתו — למי שמשים את עצמו כשיריים". יתרו האט טאקי פערמאגט די דאזיגע שפלות און איז ביי

זיך געוועזען איבריג — וואס דאס איז דער טייטש פון „יתר". נור איידער ער האט זיך מגייר געוועזען איז עס גאר נישט געוועזען קיין מעלה, ווייל ער איז דאך באמת געוועזען איבריג... ערשט נאך דעם ווי ער האט זיך מגייר געוועזען האט די דאזיגע מדה פון „יתר" בעקומען איהר חשיבות און די תורה בעצייכענט איהר מיט'ן נאמען „יתרו" — זיין איבריגקייט, ד. ה. אז אפילו יעצט, האט ער ווייטער געהאלטען זיך ביי זיין פריערדיגער שפלות און איבריגקייטס גע-פיהל...

(חדושי הרי"מ ז"ל)

את כל אשר עשה אלהים למשה ולישראל עמו כי הוציא ד' את ישראל ממצרים (יח—א)

אז עס שטעהט „את כל אשר עשה" צי וואס שטעהט נאכמאהל „כי הוציא"? נור יציאת מצרים האט אזוי פער-גרעסערט דעם כח פון דער קדושה, אז ס'איז געעפענט געווארען א טהיר אויך פאר פרעמדע און דערווייטערטע, זיי זאלען קענען נתקרב ווערען און ס'האט צוגעשלעפט יעדען גוטען רצון, וואס האט זיך געפונען אויף דער וועלט.

דורכ'ן „הוציא ד' את ישראל ממצרים" האט יתרו געהאט א מעגליכ-קייט זיך צו דערנעהענטערען צו דער קדושה און זיך מגייר צו זיין.

(שפת אמת)

ויקח יתרו חתן משה (יח—ב)

יתרו האט געהאט א גרויסען יחוס און גרויסע טיטלען, ער איז געוועזען „כהן מדין". דאך האט ער אלע טיט-לען און יחוסים אוועקגעווארפען און זיך בעסער אויסגעקליבען דעם יחוס און טיטעל פון „חתן משה" — צו היי-סען משה'ס שווער...

(אור החיים)

אל המקום אשר הוא חנה שם הר האלהים (יח—ה)

דארט ווי משה האט געוואוינט, דארט איז געווארען א „הר האלהים". דאס ארט איז דורך איהם געווארען מכובד און דערהויבען צו השראת השכינה...

האדם מכבד את מקומו...

(תורת משה)

אני חתנך יתרו בא אליך (יח—ו)

צא בגיני (מכילתא)

יתרו האט געבעטען משה'ן, אז ער זאל צוליב איהם ארויס געהן פון זיינע הויכע מדרגות און זיך א ביסעל אראפלאזען, כדי ער זאל האבען א שטיקעל שייכות צו איהם און זיך קענען אין איהם מדבק זיין, אזוי ארום וועט ער קענען נתעלה ווערען, בעת משה וועט זיך צוריק אויפהויבען...

דאס הייסט: „צא בגיני“...

(הה'ק אדמו'ר מקאצק ז'ל)

* * *

אזוי האט אויך דער קדושת-לוי ז"ל געטייטשט די ווערטער פון דער משנה: „חומר בקדש מבתרומה“: דאס וואס די אנשי-קדש, לאזען זיך א מאהל אראפ פון זייער מדרגה צו חומריות-דיגע ענינים, נעמט זיך „מבתרומה“, צוליב דעם, וואס זיי ווילען אויפהויבען די נידריגע פשוטע מענשען, וועלכע וואלטען נישט געקענט האבען קיין אנריהר אין זיי, בעת זיי האלטען זיך אין זייערע הויכע מדרגות...

ויספר משה לחתנו את כל אשר עשה ד' (יח—ח)

משה האט דערצעהלט יתרו'ן די אלע נסים אויף אזא אופן, אז ער האט זיי געזעהען קלאהר ווי אין א ספר, ער האט איהם געגעבען א לעבעדיג בילד פון אלעם און דעריבער האט יתרו געקענט זאגען. „ברוך ד' אשר הציל אתכם“ — כאטש א ברכה אויף א נס מאכט מען נור ווען מען זעהט עס מיט די אויגען — ווייל דורך משה'ס דערצעהלען האט ער די נסים ממש געזעהען.

(אדמו'ר מגור שליט'א)

ויחד יתרו על כל הטובה אשר עשה ד' לישראל אשר הצילו מיד מצרים (יח—ט)

עס דארף דאך שטעהן „אשר הצילם“?

נור יתרו איז דאך אליין געוועזען פון פרעה'ס יועצים, און וואלט ממילא אומגעקומען צוזאמען מיט אלע מצריים, נור ער איז אנטלאפען און דאדורך ניצול געווארען. האט ער דעריבער יעצט זיך געפרעהט, סיי אויף דעם וואס ג—ט האט געטהוען די יודען, און סיי אויף דעם, וואס ער האט איהם אליין — יתרו'ן, מציל געוועזען פון דעם מצרישען רשות און איהם געגעבען א געדאנק זיך צו דערנעהנטערען צו יודען.

(באר מים חיים)

ויחד יתרו — שנעשה בשרו חדודין חדודין (רש"י)

עס האט איהם געשטאכען פאר וואס די מצריים האבען נישט געהאט קיין תיקון נור האבען געמוזט פער-פאלען ווערען אין דער טומאה.

(חדושי הרי"מ ז"ל)

כי בדבר אשר זדו עליהם (יח—יא)

דער בעש"ט האט געזאגט, אז יע-דער מענש ווערט געמשפ'ט פון הימעל לויט זיין אייגענעם אורטייל, ווען ער זעהט א מאהל א צווייטען טהוען א שלעכטע זאך, פסק'נט ער אפ, אז ער איז ווערט אזא און אזא שטראף און ער פערגעסט דערביי אז ער אליין האט אויך אזעלכעם געטהון און מיט זיינע ווערטער האט ער אויף זיך אליין דעם פסק-דין ארויסגעגעבען.

דאס איז דער טייטש: כי בדבר אשר זדו עליהם — די שטראף קומט שטענדיג אזוי ווי מ'האט אליין אויף זיך ארויסגעגעבען.

(פרדס יוסף)

ויקח יתרו חתן משה עלה וזבחים לאלהים (יח—יב)

מיט דעם, וואס יתרו האט זיך אליין גענומען צו א נייעם וועג, פערלאזט זיין הויכע שטעלונג און כבוד אין מדין, און ארויסגעגאנגען אין א וויסטע מדבר צו יודען — אט דער דאזיגער „נעם" זיינער, איז געוועזען דער גרעסטער קרבן וואס ער האט געבראנגט פאר ג—ט'ס וועגען.

(ספר חוט של חסד מהגאון בעל שבט מוסר ז"ל)

וכל העם נצב עליך מן בקר עד ערב (יח—יד)

כל דיין הדן דין אמת לאמתו נעשה שותף להקב"ה במעשי בראשית (רש"י)

יעדער שקר קען נור האבען א קיום ווען ער האט אין זיך אין אנהויב א ביסעל אמת. קען דאך זיין, אז מען בענוצט זיך מיט א ביסעל אמת כדי מחזק צו זיין דעם שקר. „אמת לאמיתו" הייסט אבער: אמת לשם אמת, פון אנהויב ביז צום סוף.

(זרע אברהם)

כי יבא אלי העם לדרש אלהים, כי יהיה להם דבר בא אלי ושפטתי בין איש ובין רעהו. והודעתי את חקי האלהים (יח—טו, טז)

די אויפגאבען פונ'ם מנהיג הדור געהען אין דריי ריכטונגען: 1) אז ווען א יוד געפינט זיך אין א צרה זאל ער קומען צו איהם כדי ער זאל מתפלל זיין — יבא אלי העם לדרש אלהים. 2) אויסצוגלייכען זייערע געלד סכסוכים

לויט'ן דין־תורה — ושפטתי בין איש ובין רעהו. און 3) צו לערנען מיט זיי תורה און דעת ד' — והודעת את חקי האלהים. משה רבינו האט ערפילט די אלע דאזיגע אויפגאבען איינער אליין, דער־ריבער איז דאס פאלק ביי איהם גע־שטאנען מבקר עד ערב.

(רמב"ן)

עס פיהרט זיך לוידער, אז א טייל יודען, וואס זענען מדקדק אין די מצוות שבין אדם למקום, זענען אבער מזלזל אין ענינים פון בין אדם לחבירו. זיי קומען פרעגען שאלות ביים רב אויף א חשש פון טריפה, אבער קיינמאל נישט אויף א חשש פון גזל, נור אז דער סכסוך צווישען איהם און זיין חבר איז שוין אויסגעבראכען, שלעפט ערשט איינער דעם צווייטען צו א דין־תורה. ווען יעדער איינער וואלט געציטערט פאר יענעמס געלד ווי פאר אנ'אנדערען איסור און וואלט פריהער געקומען פרעגען א שאלה דערוועגען, וואלטען אויסגעמיטען געווארען פול משפטים און דין־תורות.

דעריבער, אז יתרו האט געפרעגט משה'ן, פארוואס עס זענען פערהאן אזוי פיל משפטים און סכסוכים צווישען יודען,האט איהם משה געענטפערט, אז דאס איז, ווייל אין ענינים פון בין אדם למקום קומט מען פריהער פרעגען א שאלה — כי יבא אלי העם לדרוש אלהים, — אבער ביי ענינים פון בין אדם לחבירו ווארט מען, אז—כי יהיה להם דבר — ווען דער סכסוך איז שוין אויסגעבראכען דעמאלט ערשט — בא אלי — קומט איינער רופען דעם צווייטען צו דין־תורה...

(הדרש והעיון)

כי יהיה להם דבר בא אלי (יח—טז)

אויב עס שטעהט „להם" דארף דאך זיין „באו אלי"?

נור „בא אלי" געהט ארויף אויף „דבר" — די זאך אליין איז געקומען צו מיר, איך האב איהר בעהאנדעלט אביעקטיוו, נור פון ריין זאכליכען שטאנדפונקט, נישט קוקענדיג בכלל אויף די מענשען וואס האבען דעם סכסוך געהאט, אדער אויף אנדערע זייטיגע נגיעות.

* * *

מען דערצעהלט פונ'ם ביאליסטאקער רב הגאון בעל מראות הצובאות ז"ל, אז בעת ס'איז צו איהם געקומען א דין תורה האט ער נישט געוואלט אנקוקען די בעלי־דינים און נישט וויסען ווער זיי זענען, נור געזעסען פערמאכט די אויגען און אויסגעהערט די טענות, כדי די בעקאנטשאפט אדער חשיבות פון דעם

אדער יענעם בעל דין זאל נישט האבען קיין השפעה אויף דער עצם דין-תורה און אויף זיין אביעקטיוויטעט.

וגם כל העם הזה על מקומו יבא בשלום (יח—כג)

א פשרה ווערט ביי די חז"ל אנגערופען „שלום", ווייל עס ווערט אויסגעגליכט אזוי, אז קיינער פערשפיעלט נישט אינגאנצען. דער דין איז אבער, אז א פשרה מעג מען נור מאכען אויב ס'איז נאך נישט קלאהר ביים בית-דין ווי דער דין תורה איז נוטה, קוים אבער ווייסט מען שוין „להיכן הדין נוטה", קען מען קיין פשרה נישט מאכען.

דאס האט יתרו געזאגט: ווען דו משה אליין פסקנ'סט אלע דין-תורות קענסטו קיין פשרה נישט מאכען, ווייל ביי דיר איז באלד קלאר דער דין. ווען עס וועלען אבער זיין קלענערע דיינים, וועלכע ווייסען נישט באלד קלאהר דעם דין, וועלען זיי קענען מאכען פשרות — וועט ממילא זיין — כל העם הזה על מקומו יבא בשלום — זיי וועלען זיין צופרידען פון די פשרות...

(הגאון ר' חיים בערלין ז"ל)

ויבחר משה אנשי חיל מכל העם (יח—כה)

די מנהיגים פון פאלק איז נישט גענוג, וואס זיי זענען יראי-אלהים, פאר זיך, נור מוזען אויך זיין „אנשי חיל" — מענשען מיט פעהיגקייטען צו פיהרען א קאמף פאר יודישקייט, צו וויסען דעם שונא'ס דרכים און די מיטלען מיט וועלכע מען דארף זיך שיצען געגען זיי.

(ספורני)

את הדבר הקשה יביאון אל משה וכל הדבר הקטן ישפטו הם (יד—כו)

יתרו האט געזאגט: „הדבר הגדול יביאו אליך" און די תורה זאגט „הדבר הקשה" — ווייל ביי די אומות העולם ווערט די קאמפעטענץ פון די געריכטען פעסטגעשטעלט לויט די גרוים פון די סומען איבער וועלכע דער סכסוך איז. משפטים פון גרויסע געלד סומען געהערען צו א העכערער געריכטס-אינסטאנץ און פון קלענערע סומען צו די איינפאכע געריכטען. ביים דין תורה איז אבער קיין אונטערשיעד נישט די גרויס פון דער סומע ווייל „דין פרוטה כדין מאה מנה". נור עס ווענדעט זיך בעיקר צו עס איז א לייכטער משפט אדער א שווערע קאמפליצירטע דין תורה. די שווערערע דין תורה ווערט געמשפט דורך גרעסערע תלמידי חכמים — הדבר הקשה יביאון אל משה — אפילו ווען ס'געהט נישט אין א דבר גדול".

(הגאון ר' חיים בערלין ז"ל)

וישלח משה את חותנו (יח—כז)

משה האט אוועקגעשיקט זיין שווער, זאגענדיג: דו האסט שוין געגוג קליינע רבי'לעך אויסגעשטעלט... ווייל כאטש ער האט געמוזט מסכים זיין צו יתרו ווען ער איז געקומען מיט זיינע בעל הבתישע סברות און עצות, האט עס דאך משה'ן פערדראסען, וואס ס'איז צו דעם צוגעקומען, ווייל איין ווארט פונ'ם גרויסען מנהיג, וואס מען הערט פונדערווייטענס, קען מעהר משפיע זיין ווי א סך ווערטער פון קלענערע מנהיגים. דער פשוטער שכל פון יתרו — וואס האט אויסגערעכענט אלעס בדרך הטבע— האט דאס אבער נישט געקענט פערשטעהן...

(ההייק ר' דוד לעלעווער זצ"ל)

ויסעו מרפידים ויבאו מדבר סיני (יט—ב)

מה ביאתן למדבר סיני בתשובה אף נסיעתם מרפידים בתשובה (רש"י)

ווייל זיי האבען אוועקגערייזט פון רפידים מיט דער דעה צו געהן צום בארג סיני, האבען זיי דורך דער כוונה, באלד אויפ'ן ארט זוכה געווען צו תשובה. דער רצון צו דערנעהנטערען זיך צו תורה, ברענגט שוין צו תשובה...

(לקוטי שפת אמת)

אזוי ווי יודען זענען געווען זעהר שוואך ביי זיך — שרפו ידיהם מן התורה — אבגעלאזען און מוטלאז, האבען זיי זיך מחזק געווען דערמיט וואס — ויבאו מדבר סיני — וואס זיי געהען יעצט צום סיני מקבל זיין די תורה. און דוקא אט די פארשטעלונג פון דעם גרויסען התגלות וואס ס'שטעהט זיי יעצט פאר, האט זיי צוריק געגעבען מוטה און קוראזש אדורכצוזעצען די דאזיגע גרויסע אויפגאבע.

(שם משמואל)

* * *

דער חדושי הרי"ם ז"ל פלעגט זאגען: די וועלט זאגט אז מען קען נישט אריבער מוז מען ארונטער און איך זאג: אז מען קען נישט אריבער מוז מען אריבער...

ויחן שם ישראל נגד ההר (יט—ב)

כאיש אחד בלב אחד (רש"י)

„ויחן" איז פון לשון „חן" — די אמת'ע אחדות קען נור זיין ווען איין יוד האט חן ביים צווייטען...

(הה'ק מהר'י מווארקא זלה'ה)

אחדות קען נור זיין ווען ס'איז פערהאן ביי יעדען עניוות, איינער גרויסט זיך נישט איבער דעם צווייטען. ווען יודען האבען געקוקט אויפ'ן בארג סיני. וואס האט זוכה געווען, אז אויף איהם זאל געגעבען ווערען די תורה, ווייל ער איז נידרינער פון אנדערע בערג, האבען זיי דערפון געלערנט די מדה פון שפלות און ענוה און דארורך זענען זיי צוגעקומען צום „ויחן" — כאיש אחד בלב אחד...

(נחל קדומים)

ויחן שם ישראל נגד ההר ומשה עלה אל האלהים (יט—ב, ג)

אויב יודען פעראייניגט „כאיש אחד בלב אחד" און קענען זיך ממילא געגען שטעלען דעם יצר-הרע, וואס איז אזוי ווי א בארג, דאן ווערט דער יודישער מנהיג אויך דערהויבען און ער שטייגט אין געטליכקייט — ומשה עלה...

(הדרש והעיון)

כה תאמר לבית יעקב ותגד לבני ישראל (יט—ד)

דארויף זאגען די חז"ל אז „בית יעקב" מיינט מען די פרויען, זיי זאל מען פריהער זאגען ווייל זיי דארפען ערציהען די קינדער צו תורה.

דער „ותגד לבני ישראל" געהט אלזא ארויף אויף די פרוי, ווייל זי וועט די תורה ווערטער און די מצוות ווייטער זאגען און איבערגעבען יודישע קינדער.

כה תאמר לבית יעקב — דו זאלסט פריהער זאגען צו דער פרוי, ווייל — ותגד לבני ישראל — זי דארף עס ווייטער זאגען די בני ישראל...

(מהרש'א סוטה)

ואשא אתכם על כנפי נשרים [יט—ד]

כנשר הנושא את גוזליו על כנפיו... אומר מוטב יכנס החץ בי (רש'י)

דער חדושי הרי"ם ז"ל פלעגט אזוי פייטשען די דאזיגע ווערטער: ווי בעוואוסט איז דאך ביי קריעת ים סוף געווען א קיטרוג אויף יודען, פון די מלאכים, וועלכע האבען געפרעגט, מיט וואס די יודען זענען מעהר ראוי געהאלפען צו ווערען ווי די מצרים: „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי ע"ז — מה נשתנו אלה מאלה"? און קיין שום ענטפער אויף דער קשיא האט מען די מלאכים נישט געגעבען. וואס זשע איז באמת דער תירוץ אויף דער דאזיגער הארבער שאלה?

נור השי"ת האט געזאגט: מוטב יכנס החץ בי — זאל בעסער זיין א קשיא אויף מיר, איידער יודען זאלען חלילה ליידען...

ועתה אם שמוע תשמעו בקולי [יט—ה]

פארוואס עפעס דווקא יעצט האט מען ערשט פון זיי פערלאנגט צו הערען ג—ט'ס מצוות?

נור די אמת'ע קבלת־עול־מלכות־שמים קען נור זיין, ווען דער מענש איז נישט משועבד צו קיין שום אנדערען מענש. די אבהענגיגקייט אין א נברא איז א שטערונג צו דער אמונה אין אחדות השם. ווי עס זאגט דער ירושלמי אז עבדים כנענים זענען פטור פון קריאת־שמע, ווייל זיי האבען אויף זיך נאך אנ'אדון אויסער השי"ת און זענען ממילא אונטערגעווארפען זיין עול, קען דאריבער דער עול מלכות־שמים נישט זיין קיין שלמות'דיגער.

דאריבער זאגט השי"ת, אז דווקא יעצט, נאך דעם ווי איך האב אייך שוין אינגאנצען אבגעריסען פונ'ם שעבוד מצרים, און אייך ארויפגעהויבען העכער פון זיי אזוי ווי הויך די אדלער פליגלען זענען פון דער ערד, יעצט האט איהר שוין נישט אויף זיך קיין שום מענשליכען אדון און קענט ממילא נעמען אויף זיך דעם עול מלכות־שמים ווי געהעריג.

(שם משמואל)

די ראשי תיבות פון „שמע תשמעו בקולי" מאכען: „שבת"—אין שבת דער־הערט מען דאס קול פון קבלת התורה. דעריבער זאגען די ספרים, אז משה רבינו גיט יודען שבת צוריק די צוויי קרוינען, וואס זיי האבען בעקומען פאר'ן „נעשה ונשמע"—שבת דערהערט מען צוריק.

(שפת אמת)

והייתם לי סגולה מכל העמים [יט—ה]

א „סגולה" הייסט אנ'אייגענשאפט פון א זאך, וואס האט נישט קיין שום טעם און אהן שום בעגרינדונג. נור ווייל אזוי האט השי"ת געוואלט זיך אויסצוקלייבען יודען דווקא, פאר זיין פאלק. נור ס'איז א געהיימניש פון דער נא־טור. די ליבשאפט פון השי"ת צו יודען איז אויך אזא מין „סגולה", אהן שום קיין שום לאגישע בעגרינדונג.

(קדמונים)

איהר וועט מיר זיין ווי די נקודה „סגול" (*) וואס האט אזא פארם, אז אין וועלכער זייט מען זאל איהר נישט דרעהען וועט זי אלץ בלייבען ביי איהר פארם — א סגול, אזוי יודען, ווי מען זאל זיי נישט דרעהען און ווארפען מיט גלות'ן און טלטולים, בלייבען זיי אלץ יודען...

(הה'ק מהר'ד מלעלעוו זלה'ה)

כי לי כל הארץ [יט—ה]

נישט דווקא ווען די אנדערע פעלקער וועלען זיין געצענדינער און אונגלויביג, וועט איהר ביי מיר זיין „סגולה מכל העמים“ — דאס וואלט דאך קיין רבותא נישט געוועזען, נור אפילו ווען ס׳וועט קומען די צייט, אז —כי לי כל הארץ — די גאנצע וועלט וועט זיך ווענדען צו מיר, ווי ס׳וועט זיין לעתיד, אז אלע פעלקער וועלען אנערקענען די געטליכע ממשלה (כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרא כלם בשם ד׳) — אויך דאן וועט איהר, יודען. זיין ביי מיר דאס ליבלינגס-פאלק פון צווישען אלע פעלקער.

(יקר מפז)

אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל [ט—ו]

לא פחות ולא יותר (רש״י)

ווי אזוי זשע זאגען די חז״ל, אז „כה תאמר לבית יעקב—אלה הנשים,— תאמר להם אמירה רכה, ותגד לבני ישראל —אלה האנשים — דברים קשים כגידין“ אויב משה רבינו האט געזאלט זאגען נור די זעלבע ווערטער, לא פחות ולא יותר?

נור טאקי די זעלבע ווערטער „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש“ — זענען פאר די פרויען און געוועהנליכע מענשען געוועזען א ווייכע אמירה, דען זיי האבען פערשטאנען בלויז דאס אויסערליכע פון די ווערטער, וועלכע זענען טאקי בלויז רוהם און ליבשאפט צו יודען. די בני ישראל אבער — די העכערע מענשען, האבען אריינגעדרינגען טיעף אין די דאזיגע ווערטער און האבען דערפיהלט דאס גרויסע און מורא׳דיגע אחריות וואס ווערט אויף יודען יעצט ארויפגעלעגט דערמיט וואס זיי ווערען אנ׳עם-סגולה און א גוי-קדוש, אז זיי וועלען יעצט ווערען דאס הארץ פון דער וועלט, לעהרער פאר דער גאנצער מענשהייט און יעדע איבערשרייטונג פון זייער זייט, אויף ג—ט׳ס ווארט וועט אנריהרען גאר הויך און ברענגען נאך זיך שווערע קאנסעקווענצען. דעריבער זע-נען די דאזיגע ווערטער געוועזען פאר זיי „קשים כגידין“...

(שפת אמת)

וקדשתם היום ומחר [יט—י]

די קדושה זאל בלייבען אויך מארגען, ווען זיי וועלען אוועקגעהן פון דאנען, נישט דווקא בעת מען הערט תורה אדער מוסר...

(פרדס יוסף)

והגבלת את העם [יט—יב]

א יוד מוז זיך בעגרעניצען און נישט צופיל חוקר זיין און פילאזאפירען אין

העכערע געטליכע ענינים וואס זענען העכער פון זיין השגה, נור האבען אמונה פשוטה. דאס איז די מצוה פון הגבלה ביי דער התגלות אלקית אויפ'ן בארג סיני.

(מלבי"ם)

במשך היבל המה יעלו בהר [יט—יג]

מען האט פון יודען דעמאלט גע-וואלט אויסוואָרצלען אלערליי געצענ-דינעריש מחשבות און אין זיי איינ-פלאנצען די ריינע אמונה, אז קיין שום בעשאפענע זאך אויף דער וועלט, האט נישט אין זיך בעצם קיין קדושה, נור דורכ'ן בורא יתברך, וואס איז משפיע קדושה אויף דער וועלט.

כדי יודען זאלען נישט מיינען, אז דער בארג סיני האט אין זיך אליין עפעס א הייליגקייט און דעריבער גיט מען אויף איהם די תורה, האט ג—ט געזאגט, אז באלד נאך קבלת התורה. זאל ער זיין צוריק א געוועהנליכער בארג, וואס חיות און בהמות זאלען זיך אויף איהם פאשען. די קדושה פונ'ם בארג זאל נור זיין אזוי לאנג ווי די שכינה וועט אויף איהם רוהען.

(משך חכמה)

וירד משה מן ההר אל העם [יט—יד]

מלמד שלא הי' משה פונה לעסקיו אלא מן ההר אל העם [רש"י]

דער „תפארת שלמה" ז"ל פון ראדאמסק איז אמאל פאר שבועות געקומען צום קוזמירער רבי'ן ז"ל און האט דארט געוואלט פערבלייבען יום טוב. האט איהם דער קוזמיר רבי געזאגט: רש"י זאגט, אז משה רבינו האט זיך גישט געווענדעט צו זיינע עסקים, נור פון בארג צום פאלק. איז דאך שווער, וואסערע געשעפטען האט דאס משה רבינו געהאט? צי איז ער געווען א האלץ-סוחר. אדער ער האט געפיהרט אנדערע מסחרים? נור די כוונה איז, אז בשעת משה רבינו האט געדארפען ארבייטען פאר יודענ'ס וועגען, זיי מקרב צו זיין צום אויבערשטען, האט ער דעמאלט אפילו זיין אייגענע עבודת-הבורא גאר נישט אין זינען געהאט, נור בעיקר אכטונג געגעבען יודען אויפצוהויבען...

(נחמד מזהב)

ויוצא משה את העם לקראת האלהים מן המחנה [יט—יז]

די אויפגאבע פון א מנהיג-ישראל— האט דער חדושי הרי"ם ז"ל געזאגט— איז, ארויסצוגעהמען יודען פון געמיינ-קייט און אריינברענגען זיי אין דער קדושה. דאס איז דער טייטש „אשר יוציאם ואשר יביאם" וואס שטעהט ביים „איש על העדה".

און דאס האט משה געטהוען — „ויוצא משה את העם" — משה האט זיי ארויסגענומען פון דער פשוטער און

וואכעדינער מחנה, און זיי אויפגעהויבן — לקראת האלהים — צו דער געמליכקייט.

(אדמו"ר מנור שליט"א)

ויהי קול השופר הולך וחזק מאד משה ידבר והאלהים יעננו בקול [יט—יט]

עס דארף דאך שטעהן: „משה דבר והאלהים ענה בקול" — א לשון עבר?

נור משה האט דאך מוסיף געווען איין טאג צו די הכנה, און השי"ת האט דערצו מסכים געווען, אזוי אז די שכינה איז ערשט נתגלה געווארען אויפ'ן בארג צום דריטען טאג. דערמיט איז בעוויזען געווארען דער כח פון תורה שבעל פה, אז דאס וואס די חכמים זענען מתקן, ווערט דערפון תורה.

האט דאך דער קול השופר, וואס האט געבלאזען ערשט דעם דריטען טאג, אויסגערופען מיט א שאלענדיג קול, אז שטענדיג אויף אייביגע צייטען ווען — משה ידבר — ווען דער מנהיג הדור, וואס סימבאליזירט משה'ן, וועט עפעס רעדען, זאל מען וויסען, אז — האלהים יעננו בקול — אז דאס איז די שטימע פון השי"ת, און ס'איז דא דערויף זיין הסכמה...

(הדרש והעיון)

לא יוכל העם לעלות אל הר סיני כי אתה העדותה בנו לאמר הגבל את ההר וקדשתו. ויאמר אליו ד' לך רד [יט—כג,כד]

משה רבינו, לויט זיין הויכער מדרגה, האט געהאלטען, אז דער בעפעהל פון השי"ת נישט צו צוגעהן צום בארג, האט שוין דאס געמאכט פאר אונמעגליך צו טהוען, עס איז שוין געווארען דערפון א נאטירליכע אונמעגליכקייט אז — לא יוכל העם לעלות — עס וועט שוין נישט קענען די צווי ד' איז א אייזערנע וואנד, וואס וועט זיי נישט צולאזען צום בארג. האט דעריבער השי"ת געזאגט: לך רד — לאז דיך אביסעל אראב פון דיין הויכער מדרגה צום מצב פון פאלק, וועסטו פערשטעהן אז ס'איז נאך נישט „לא יוכל" און מען מוז זיי נאכאמאל ווארענען.

(קדושת לוי)

* * *

אין, דער שטוב פון קאצקער רבי'ן ז"ל האט נעפעהלט עפעס א חפץ, האבען די שטוב-מענשען געקלערט, אז מען האט עס צוגעגנב'עט, האט דער קאצקער רבי ז"ל א געשריי געטהוען: „גנב'נען? — עס שטעהט דאך לא תגנוב"?...

דערויף האט דער שפת אמת ז"ל געזאגט. אז ווען ער האט דאס געהערט

בעת מעשה פון קאצקער רבי'ן ז"ל, זייענדיג נאך א קינד, איז איהם דאך דער „לא תגנוב" פיל יאהרען שפעטער געשטאנען פאר די אויגען ווי אנ'אייזערנע וואנד...

אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים [כ—ב]

כל זמן די יודען זענען געוועזען אין מצרים, איז זייער עבודת־השם געוועזען „מיראה", ווארום זיי האבען מורא געהאט, אז מען וועט זיי נישט ארויסנעהמען פון מצרים. אבער נאך יציאת־מצרים איז זייער עבודה שוין געוועזען „מאהבה", אוים ליבשאפט צו השי"ת וואס האט זיי געטהוען אזוי פיל חסדים.

דער „עובד־מיראה" הייסט נור אנ" עבד וואס האט מורא פאר'ן האר. דאגעגען דער „עובד מאהבה" ווערט שוין אנגערופען „בן" — ווי א קינד וואס האט ליב זיין פאטער.

קומט דאך אוים, אז דורכ'ן „הוצאתיך מארץ מצרים", זענען אויך יודען ארויסגענומען געווארען פון גדר „עבדים" און בעקומען דעם נאמען „בנים למקום", דאס הייסט „מבית עבדים"...

(קדושת לוי)

אנכי ד' אלהיך אשר הוצאתיך [כ—ב]

על מנת כן הוצאתיך שתקבלו מלכות שמים (מכילתא)

אויף וויפיל אלזא א יוד איז מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים, אויף אזוי פיל ווערט דערוועקט דער כח פון יציאת מצרים, ווייל דאס איז דאך געוועזען דער פארבעדינג צו דער יציאה.

דעריבער איז „אין לך בן חורין אלא העוסק בתורה", ווייל וואס מעהר ער איז אנ,עוסק בתורה אלץ מעהר ווערט ער א יוצא פון מצרים און א „בן־חורין"...

(שפת אמת)

דער דבור „אנכי" איז געזאגט בלשון יחיד, ווייל די הכרת־אלהית און דער דעת משיג צו זיין די יכולת און די השגחה פון בורא עולם, קען נישט זיין גלייך פאר אלעמען. יעדער פערשטעהט און בעגרייפט עם לויט זיינע גייסטיגע השגות, זיינע ידיעות התורה און זיין ארבייט אין יודישקייט, ממילא האט דאך יעדער יחיד אנ' אנדערע הבנה אינ'ם „אנכי ...

(שפתי כהן)

אנכי ד' אלהיך כ—ב]

אמר בלשון יחיד כדי ליתן פתחון פה למשה ללמד סנגוריא במעשה העגל... לא להם צוית אלא לי לבדי (רש"י)

ביי קבלת התורה זענען יודען גע־וועזען ווי איין מענש און אנגעקניפט

אין משה'ן האט דער דיבור געקענט זיין בלשון יחיד, צו משה'ן אליין, ווייל זאגענדיג איהם איז עס ממילא געווען געווענדעט צו אלע יודען. ביים עגל אבער, ווען יודען האבען זיך אבגעטיילט פון משה רבינו און געווארען גאר עפעס אנדערש, איז טאקי די טענה א ריכטיגע, אז די ציווי וואס איז געווען געווענדעט צו משה'ן — האט זיי נישט געמיינט...

(חדושי הרי"ם)

זכור את יום השבת לקדשו [כ—ח]

זכור ושמור בדבור אחד נאמרו (רש"י)

טייל מענשען ווילען אבטיילען דעם „זכור" פון „שמור".

דער ארימאן וויל גיכער דעם „שמור" ווייל ער פיהרט נישט קיין גרויסע געשעפטען און ער וועט נישט האבען פונ'ם היטען שבת אזא גרויסען שאדען. דאגעגען איז איהם שווערער מקיים צו זיין דעם „זכור" — ווייל ער האט נישט קיין געלד אויף מכבד צו זיין דעם שבת מיט ויין און גוטע מאכלים. דער עושר דאגעגען איז דעם „זכור" מקיים מיט אלע פרטים עס פעהלט איהם נישט קיין געלד אויף תענוגים, אבער דעם „שמור" וויל ער נישט מקיים זיין, ווייל מיט'ן אבשטעלען זיינע גרויסע געשעפטען און פאבריקען וועט ער היזק האבען א סך געלד.

דעריבער זאגען די חז"ל אז דער „זכור" מיט'ן „שמור" זענען געזאגט געווארען צוזאמען און מען קען זיי נישט אבטיילען. דער רייכער מוז אויך מקיים זיין דעם „שמור" און ער מוז זיך גלייכצייטיג בעמיהען און העלפען דעם ארימאן כדי ער זאל קענען מקיים זיין דעם „זכור"...

(המגיד מדובנא ז"ל)

לא תשא את שם ד' אלהיך לשוא [כ—ז]

דו זאלסט נישט טראגען אויף דיר ג—ט'ס נאמען אויף א פאלשען אופן. דו זאלסט דיך נישט ווייזען פאר מענשען מעהר עהרליכער און פרומער ווי דו ביזט באמת.

(אור החיים)

ועשית כל מלאכתך [כ—ט]

כשתבא שבת יהי' בעיניך כאלו כל מלאכתך עשויה (רש"י)

דער חדושי הרי"ם פלעגט זאגען: כל מלאכתך — הייסט אפילו מלאכת-שמים, די ארבייט אין יודישקייט. אויב דער דערוואכען איז א גוטער, האט מען שבת מנוחה פונ'ם יצר-הרע אז אפילו די דאזיגע ארבייט, מלחמה צו האלטען מיט'ן יצר הרע, איז אויך ווי אבגעטהוען ווען ס'קומט שבת...

אויב א יוד לאזט אוועק אלע זיינע עסקים און געברויכען ווען ס'קומט אן דער שבת, צוליב די קדושה פון שבת, ווערען באמת אלע זיינע געשעפטען און מלאכות ערלעדיגט אויפ'ן בעסטען אופן, אז ער וועט פון זיין אפשטעלען די מלאכה גארנישט ליידען — כאילו כל מלאכתך עשויה...

(ספרי צדיקים)

ששת ימים תעבד ועשית כל מלאכתך, ויום השביעי שבת לד' אלהיך (כ—ט, י)

זעקס טאג זאלסטו דינען השי"ת דורכ'ן טהוען דיין ארבייט און אין זיבעטען טאג — זאלסטו איהם דינען — דורכ'ן רוהען און נישט טהוען דיין ארבייט...

(רבינו בחיי בשם הרמב"ם ז"ל)

ואם מזבח אבנים תעשה לי לא תבנה אתהן גזית (כ—כב)

אויב עס קומט אוים א יוד אומצוקומען אויף קידוש השם, צו מאכען פון זיך א מזבח און לאזען זיך הרג'ענען פאר ג—ט'ס נאמען — לא תבנה אתהן גזית — זאלסטו בעת דעם קדוש השם, נישט אין זינען האבען זיך שעהן צו מאכען דורכ'ן ווייזען גבורות אדער דורכ'ן ווערען א קדוש... נור זיין א פשוטער מזבח אהן שום. קונצען.

(שפתי כהן)

* * *

מ'האט א מאהל דערצעהלט פאר'ן חדושי הרי"ם ז"ל וועגען איינעם אז ער איז עפענטליך אומגעקומען אויף קדוש השם. האט ער שטארק געקרעכצט און געזאגט: ביי דער דאזיגער מינוט פון קדוש-השם קען מען זיך קויפען עולם-הבא, אבער מען קען אויך אלעם פערלירען, ווען מ'האט אין זינען דערביי, אז מען וועט איהם נאכ'ן טויט ריהמען אלס קדוש...

ולא תעלה במעלות על מזבחי אשר לא תגלה ערותך עליו (כ—כג)

דער וואס האלט פון זיך שטארק און בעריהמט זיך מיט זיינע מעלות — ווערען דאדורך נתגלה זיינע חסרונות. מיט דעם גאות זיינעם בעווייזט ער זיין פעהלער און שטות...

(נועם אלימלך)

הפטרה יתרו [ישעי' ו]

ואמר אוי לי כי נדמיתי, כי איש טמא שפתים אנכי ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב כי את המלך ד' צבאות ראו עיני [ו-ה]

אויב ביז יעצט — זאגט ישעי' הנביא — האט זיך מיר געדוכטען, אז איך בין עפעס אנ'אויסגעצייכענטער מענש, ווייל איך האב דאך קיין העכערע נבראים נישט געזעהען ווי די פשוטע מענשען פון בלוט און פלייש און דעריבער האט זיך מיר באמת געדוכטען, אז איך בין א בעל-מעלה און א חשוב. יעצט אבער, ווען — כי את מלך ד' צבאות ראו עיני — ווען איך האב געזעהען א גאנץ אנדערע העכערע וועלט מיט גאנץ אנדערע גייסטיגע ברואים יעצט זעה איך — כי נדמיתי — אז איך האב ביז יעצט נור געהאט א בלויזען דמיון, א טעות'דיגע פאנטאזיע; יעצט זעה איך, אז אין בעצוג צו דער הויכער גייסטיגער וועלט און הימלישער קדושה — בין איך און מיין גאנצע סביבה גארנישט מיט גארנישט, „כי איש טמא שפתים אנכי ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב“.

פונקט ווי דער ישוב'ניק בעטראכט זיך פאר א למדן, ווייל ער ווייסט ווען ס'פאלט ראש-חודש און קען זיך אויפ'ן לוח, בעת די אנדערע דארפס-מענשען ווייסען דאס אויך נישט. קומט ער אבער אין שטאדט און הערט די דארטיגע לומדים און בעלי-דעת דערזעהט ער ערשט ווי א גרויסער עם-הארץ ער איז באמת...

(כוכב מיעקב)

שמעו שמוע ואל תבינו וראו ראה ואל תדעו [ו—ט]

קודם זאלט איהר הערען, כאטש איהר פערשטעהט נישט און זעהען כאטש איהר ווייסט נישט, ווארום אויב מען הערט און מען זעהט, איז צו דערווארטען, אז ביסלעכווייז, איז מען זוכה צו פערשטעהן און צו וויסען, ביז — ולבבו יבין ושב ורפא לו. ווען אבער איהר וועט באלד לכתחילה נישט וועלען הערען וואס מען זאגט אייך און נישט וועלען זעהען וואס מען ווייזט אייך — איז דאך שוין נישטא קיין האפנונג, אז איהר זאלט אמאהל פערשטעהן און בעסער ווערען.

(מלבים)

איהר זאלט הערען ג—ט'ס מצוות און נישט וועלען דווקא פערשטעהן זייער טעם. דאס וועלען צופיעל וויסען די טעמים פון די מצוות קען ברענגען דעם מענש צו פערנאכלעסיגונג און גרינגשעצונג פון די מצוות, בעת דעם דאזיגער טעם איז נישט פערהאן. באמת אבער קען קיין שום טעם נישט בעטראכט ווערען אלס איינציגער יסוד פון דער מצוה, נור דער רצון-השם איז דא דעצידירענד.

(אהבת יהונתן)

פרשת משפטים

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם [כא—א]

דער מענש דארף די געטליכע משפטים שטעלען פאר זיך, ער דארף זיין גאנצען „איך" אוועקשטעלען צוליב די משפטים און זיך מוסר נפש זיין פאר זיי. דאס הייסט „לפניהם" — די משפטים זאלען ביי זיי שטעהן, פאר זיי־ער אייגענעם עקזיסטענץ...

(קול שמחה)

אלה כלי הדיינים: מקל ורצועה לרדות בהם (רש"י)

צו וואס דארף מען זיי פריהער ברענגען, עס איז דאך צייט ווען מען וועט דאס דארפען?

נור מען דארף יודען שטענדיג פריהער ווייזען, אז עס איז פערהאן א מדת הדין אויף דער וועלט, כדי זיי זאלען מורא האבען צו טהוען שלעכטס, וועט ממילא דער מדת־הדין נישט דאר־פען ווערען אויסגענוצט. איז דאך דאס גאר א חסד וואס מען ווייזט פריהער דעם „מקל ורצועה"...

והאלהים עשה שייראו מלפניו — ג—ט האט בעשאפען דאס שלעכטע כדי מען זאל מורא האבען פאר איהם און נישט דארפען ממילא דאס שלעכטס אויסצונוצען.

(סדורי של שבת)

מה הראשונים מסיני אף אלה מסיני (רש"י)

כדי מען זאל נישט מיינען, אז וויל די משפטים זענען דאך עניגים, וואס האבען זיך זייערע לאגישע מאטיוועז און זענען אויסגעהאלטען לויטן שכל זענען זיי דעריבער נישט קיין געטליכע בעפעהלען, נור מענשליכע פערפאסונ־גען, דעריבער זאגט די תורה עדות, אז זיי זענען „מסיני", פונקט ווי אנדערע מצוות, וואס זענען חקים און מען דארף זיי ממילא טהוען צוליב דעם רצון השם נישט צוליב דעם וואס דער שכל איז זיי מחייב.

(חדושי הרי"ם)

דעריבער זאגט רש"י, אז משה האט געקלערט יודען נישט אויסצוטייטשען די טעמים פון די משפטים ביז השי"ת האט אים געזאגט „אשר תשים לפני-הם" — ווייל משה האט גערעכנט, אז דערמיט וואס ער וועט זיי זאגען די טעמים, וועלען יודען זיי טהוען צוליב דעם טעם און נישט צוליב דעם רצון השם. האט אים השי"ת געזאגט, אז ער זאל יא זאגען זייער טעם און דאך זאל ער זיי לערנען אז וויסענדיג דעם טעם זאלען זיי דאך טהוען די משפטים צוליב דעם רצון השם.

(שפת אמת)

* * *

„מילתא דאתיא בקל וחומר טרח וכתב עלה קרא". — ווייל די זאך איז פערשטענדליך אליין צוליב קל-וחומר, וואס איז געבויט אויף לאגיק און מענשליכען שכל, האט דעריבער די תורה בכוונה געשטעלט א פסוק. כדי צו לערנען, אז מען זאל נישט די תורה האלטען צוליב דעם, וואס זי איז פערשטענדליך מיט'ן שכל, נור ווייל אזוי איז דער רצון פונ'ם נותן התורה...

(אדמו"ר שליט"א מגור)

נסמכה פרשת דינין לפרשת מזבח לומר לך שתשים סנהדרין אצל המקדש (רש"י)

ביי אלע פעלקער זענען די געזעצען אין בעצוג פון מענש צו מענש נישט קיין רעליגיעזער ענין, נור א געזעל-שאפטליכער אדער בירגערליכער חוב, כדי צו האלטען ארדנונג אין לאנד. ביי אונז יודען זענען די משפטים אויך א געטליך געבאט און האבען אין זיך די קדושה פון א מצוה. פונקט ווי די קרבנות בילדען די עבודת ד' אין בית המקדש, אזוי בילדען די משפטים די עבודת ד' פונ'ם יוד אין זיין טאג-טעג-ליך לעבען. — שתשים סנהדרין אצל המקדש.

(אבני אזל)

הדא הוא דכתיב: מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל. לא עשה כן לכל גוי (מדרש)

די משפטים באזירען אויפ'ן יסוד פון אמת און צדק. די וועלט איז דאך אבער א „עלמא דשיקרא"—א וועלט אין וועלכער ס'האט די אויבערהאנד פאלש-קייט און אונגערעכטיקייט איז ממילא נישט קיין וואונדער, וואס די פעלקער פון דער וועלט קענען נישט אבהיטען די געזעצען פון רעכט און יושר, פון אמת און צדק. נור יודען, וואס האבען אין זיך דעם כח פון דער תורה, וואס

הייסט אמת — זיי קענען מקיים זיין די משפטים אפילו אויף דעם עולם השקר. ביי זיי איז דעריבער אזוי מיעף איינגעבאקען דאס געפיהל פאר צדק און יושר, פאר אמת און גערעכטיגקייט. ווייל — מגיד דבריו ליעקב — ער האט זיי א תורה געגעבען, דעריבער — חקיו ומשפטיו לישראל — קענען זיי האלטען די חקים ומשפטים אפילו אויף דער פאלשער וועלט, אבער — לא עשה כן לכל גוי — דעריבער — ומשפטים בל ידעום...

(שפת אמת)

אזן זו ששמעה על סיני לא תגנב וזה הלך וגנב — תרצע (רש"י)

וואס איז אייגענטליך שולדיג דאס אויער, אז דער מענש האט שפעטער נישט געפאלגט, דאס וואס דאס אויער האט געהערט?

נור — האט דער חדושי הרי"ם ז"ל געזאגט — ווייזט אויס, אז אויב נישט צו פאלגען דאס וואס מען הערט, איז שוין פיל גלייכער באלד נישט צו הערען... פאר אזא הערען נישט צו פאלגען דערנאך, קומט צו בויערען דאס אויער...

אויב דאס אויער האט געהערט און דאך האט דער מענש נישט קולט גע־וועזען אין זיך דאס געהערטע, מוז זיין, אז דאס דאזיגע אויער האט זיך אנגע־הערט מיט ליצנות און נבול־פה פון וועל־כען איין טראפען שטויסט אוועק פול דברי תורה (טפה אחת של ליצנות דוחה הרבה דברי תורה). דעריבער קומט צו בויערען דאס ווייבע לעפל פונ'ם אויער (אליה), ווייל דאס איז דאך בעשאפען געווארען צו דעם צוועק, צו פערשטא־פען דערמיט דאס אויער ווען מען הערט א געמיינע זאך (שאם ישמע אדם דבר שאינו הגון יכוף האליה לתוכה) און ביי דעם דאזיגען אויער האט מען עס נישט בענוצט צו דער אויפגאבע און ס'האט זיך יא אנגעהערט מיט דברי ליצנות און נבול פה, דעריבער: תרצע...

(אדמו"ר שליט"א מגור)

וכי יזיד איש על רעהו להרגו בערמה מעם מזבחי תקחנו למות [כא—יד]

באמת קען מען יעדען רוצח פטר'ן פון שטראף, ווייל טאמער איז דער ער־מארדעטער געוועזען א טריפה — א מענש, וואס קען סיי ווי נישט לעבען. נור מיר קלערען נישט דארויף, ווייל מען געהט נאכ'ן רוב — און די מעהר־הייט מענשען זענען געזונד און נישט קיין טריפות.

דאס דאזיגע, אז ביי דין תורה קוקט מען אויפ'ן רוב נישט אויפ'ן מיעוט, לערנען די חז"ל אראפ פון די קרבנות וואס מען איז מקריב אויפ'ן מזבח און מיר קלערען נישט טאמער איז די בהמה אי־נערלעך א טריפה און פסול אלס קרבן ווייל מיר נעמען אן יעדע זאך לויט'ן רוב.

(חולין י"א)

זאגט דאריבער די תורה: אויב

איינער וועט דערהרג'נען דעם צווייטען מיט אנ'ערמה,, — ער וועט זיך וועלען פטר'ן פון שטראף זאגענדיג, אז דער דערהרגעטער איז געוועזען א טריפה — איז — מעם מזבחי —פון די קרבנות, וואס מען איז מקריב אויפן מזבח — תקחנו — זאלסטנו דיר ארויסלערנען און ארויסנעמען דעם דין אז — למות — אז ס'קומט איהם יא זיין שטראף, ווייל די קרבנות. לערנען אז מען געהט נאכ'ן רוב.

(הדב חיד'א ז'ל בשם חכמי אשכנז)

מכה אביו ואמו מות יומת וגנב איש ומכרו מות יומת [כא—ט"ו ט"ז]

אפילו אזא שלעכט קינד, וואס שלאגט זיינע אייגענע עלטערען, טאר מען נישט גנב'נען און פערקויפען, די תורה פערמיאוסט דאס פערקויפען לע בעדיגע מענשען און דעם שקלאפען האנדעל אפילו ביי קינדער אויסוואורפען.

(משך חכמה)

וגנב איש ומכרו מות יומת ומקלל אביו ואמו מות יומת [כ"א—ט"ז י"ז]

אממייסטען קען זיך נור טרעפען, אז א קינד זאל שעלטען זיינע עלטערן אויב ער איז געווארען אבגעריסען פון זיי, פערקויפט-און אויפגעצויגען אין דער פרעמד ביי אנדערע מענשען אזוי, אז ער קען זיי גאר נישט — דעריבער שעלט ער זיי. דאס געגנב'טע און פערקויפטע קינד איז עס אממייסטען דער „מקלל אביו ואמו" — דעריבער קומט דעם „גונב איש ומכרו" מיתה — ווייל ער האט דאך דאס קינד צוגעברענגט צו זיין א „מקלל אביו ואמו".

(אבן עזרא בשם רבי סעדיה גאון)

ורפא ירפא [כא-י"ט]

מכאן שנתנה רשות לרופא לרפאות (רש"י)

צו איינעם פון די פערצייטישע גרויסע רביים איז מען געקומען מיט א געוויין מזכיר זיין א חולה, ווען די דאקטוירים האבען שוין געהאט מייאש געוועזען און געזאגט, אז ער קען נישט לעבען.

האט ער דארויף געזאגט: די תורה האט נור די רופאים געגעבען רשות צו היילען, אבער נישט מייאש צו זיין דאס לעבען — צו דעם האבען זיי שוין נישט קיין רעכט, ווייל זיי האבען דארויף קיין רשות נישט בעקומען.

* * *

דער קאצקער רבי ז"ל פלעגט דא־רויף זאגען: „יאוש שלא מדעת" — יע־דער יאוש קומט ווייל ס'איז קיין דעת נישטא...

אם יקום והתהלך בחוץ על משענתו ונקה המכה [כא—יט]

דער מזיק בעצאהלט טאקי פאר אלעם: נזק, צער, רפוי, שבת און בשת. אבער ער האט דאך דעם געשלאגענעם אויך גורם געווען ביטול תורה און תפלה, וואס בעת דער קראנקהייט האט ער נישט געקאנט לערנען און דאווע־נען — ווער וועט דעם דאזיגען שאדען בעצאהלען? בלייבט דאס טאקי א שטענדיגער לאסט אויפ'ן שלעגער און ער קען זיך דערפון נישט אויסרייניגען. דאס איז נור ווען מען זעהט, אז דער געשלאגענער בעת ער ווערט געזונד איז טאקי עוסק בתורה ועבודה, אבער ווען — אם יקום והתהלך „בחוץ" על משענתו — בעת ער ווערט שוין געזונד, דרעהט ער זיך ארום ליידיג אין די גאסען און, נישט בלויז, וואס ער האט נישט צער און וויל נישט דעריאגען דאס, וואס ער האט פערפעהלט בעת דער קרענק, נור ער בטל'ט גאר, בעווייזט ער דאך דערמיט, אז דער שלעגער האט ביי איהם נישט גורם געווען קיין בטול תורה, דאן איז — ונקה המכה...

(כרם הצבי)

וכי יכה איש את עבדו או את אמתו בשבט...
אם יום או יומים יעמד לא יקם [כא—כ, כא]

אויב ער שלאגט איהם מיט א רוט, איז א בעוויז, אז ער מיינט נור איהם צו שטראפען און אויסצובעסערן (שבט־מוסר) און צו דעם האט דער אדון דאס רעכט, דעריבער איז דער דין „אם יום או יומים יעמוד לא יוקם". אויב אבער ער שלאגט איהם מיט א שווערד אדער א שטיין, איז דאס א בעוויז אז ער טהוט עס מחמת כעס אדער נקמה, דאן איז אפילו ער לעבט דערנאך פיל טעג, ווערט דער אדון בעשטראפט.

(אור החיים עפ"י שיטת הרמב"ם)

אם יום או יומים יעמד לא יוקם כי כספו הוא [כא—כא]

א גאנץ יאהר כאפט מען שנעל אריין דאס דאווענען. אויב אפילו אין איין טאג פון יאהר — יום כפור — אדער צוויי טאג פון יאהר — ראש השנה — שטעהט מען יא לענגער ביים דאווענען, און דא — לא יוקם — בלייבט ער נישט שטעהן פעסט ביי די דאזיגע תפלות — כי כספו הוא — ווייל אפילו דעמאלט, מיינט מען אויך זיך, צו האבען געלד, האבען פרנסה, מען האט נישט אין זינען דעם אמתן גייסטיגען תקון וואס מ'דארף...

(הרבי ר' בונם זלה"ה מפשיסחא)

עין תחת עין שן תחת שן יד תחת יד [כא—כד]

פריהער שטעהט שטענדיג דער פער־ברעך אין שפעטער די שטראף. דא איז אויך דער פשט: עין — אייב דער שלע־גער האט געשאדעגט אנ'אויג, דארף ער בעצאהלען — „תחת עין". דעם שאדען ערזאץ פונ'ם אויג: שן — אויב ס'איז געוועזען א צאהן פער שאדען, איז — תחת שן, זאל ער בעצאהלען דער ער־זאץ פונ'ם צאהן. דאס ווארט „תחת" איז פיל מאהל אין תנ'ך דער טייטש — „ער זאין.„ קומט אויס, אז דער פשט שטימט גענצליך מיט דער מסורה, אז מען מיינט געלד פארן אויג. נישט אויסצוהאקען ממש אנ'אויג.

(הכת והקבלה)

כי יכה איש את עין עבדו... לחפשי ישלחנו תחת עינו ואם שן עבדו... לחפשי ישלחנו תחת שנו [כ"א. כ"ו—כ"ז]

דער טעם, פארוואס א עבד כנעני געהט ארויס פריי בשן ועין איז,ווייל דאס עבדות קומט איהם פון דער קללה, וואס נח האט געשאלטען זיין זוהן חם: „עבד עבדים יהי' לאחיו". דער חטא פון חם איז געווען מיטן אויג — „וירא חם אבי כנען" און מיט,ן צאהן — „ויגד לשני אחיו" (דער דיבור ווערט נגמר מיט די צייהן). איז, אז מען האקט איהם אויס א אויג אדער א צאהן, ווערט איהם נתכפר דער חטא און ער געהט ארויס פריי.

(הגר'א ז'ל)

כי יכרה איש בר... בעל הבור ישלם כסף ישיב לבעליו [כא—לג—לד]

יעדער מענש מיט זיינע חטאים, גראבט אויס א גרוב אויף דער וועלט וואס איז מזיק אנדערע מענשען. דערי־בער איז די עצה — בעל הבור ישלם — דער זינדיגער זאל דאס מתקן זיין, דורך — כסף ישיב לבעליו — דורך די תשוקה („כסף" פון לשון: נכסף נכספתי — גלוסטען) תשובה צו טהוען צום בעל הבית פון דער וועלט...

(לקוטי שפת אמת)

כי יתן איש אל רעהו כסף או כלים לשמר וגנב מבית האיש אם ימצא הגנב ישלם שנים. אם לא ימצא הגנב ונקרב בעל הבית אל האלהים [כב-י"ז]

כי יתן איש — ווען השי"ת וואס הייסט איש, גיט — אל רעהו — צום יוד, וואס איז זיין פריינד (רעך ורע אביך אל תעזוב) — כסף או כלים —אלע זיינע, מאטעריעלע און קערפערליכע הצטרכות,

---

לשמור — כדי ער זאל זיי היטען און האלטען הייליג. לבסוף איז גאר — וגנב מבית האיש — דער יוד איז פוגם, ער מאכט קאליע זיינע אברים און זיין געלד און נעמט דאדורך די אלע זאכען ארויס פון דער קדושה — אם ימצא הגנב — אויב בעת מען מאכט דעם חשבון מיט איהם, ווערט געפינען, אז ער איז ווייטער דער שולדיגער, ער האט נישט תשובה געטהוען, איז — ישלם שנים — ווערט ער בעשטראפט דאפעלט לויט זיין פערברעך (כי לקחה מיד ד' כפלים בכל חטאתי' — ישעי' מ.). אויב אבער — אם לא ימצא הגנב — מען געפונט איהם נישט שולדיג, ווייל ער האט תיכף תשובה געטהוען, דאן איז — ונקרב בעל הבית אל האלהים — ווערט ער דורך זיין תשובה נאך נעהנטער צו ג—ט, מעהר ווי פאר'ן חטא. ווארום „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד"...

(הת'ס בשם הגאון מהר'ר נתן אדלער זצ'ל)

כי תצא אש ומצאה קוצים ונאכל גדיש או הקמה [כב-ה]

אין פרעניות באה אלא בשביל רשעים ואינה מתחלת אלא מן הצדיקים (בבא קמא ס')

באמת, אז עס קומט א שטראף אויף דער וועלט איז זי בעיקר געווענדעט געגען די רשעים — ומצאה קוצים. נור כל זמן די צדיקים זענען דא, איז זייער זכות מגין, אז דאס פורעניות זאל נישט קענען קומען. דעריבער, אויב דאס פורעניות מוז דאך קומען, נעמט מען ליידער פריהער אוועק די צדיקים כדי זייער זכות זאל נישט מגין — ונאכל גדיש או הקמה...

(פרדס יוסף)

וכי ישאל איש מעם רעהו... אם בעליו עמו לא ישלם [כב-יג-יד]

יעדער מענש האט בעקומען די נשמה און זיין חיות געבארגט פון הימעל, כדי אויסצונוצען זיי צום גוטען, און א שואל איז מחוייב אפילו אויף אונסין. ווי אזוי זשע קען א מענש זיך פטר'ן פון די עבירות, וואס ער טהוט באונס אדער בשוגג? נור אויב עס איז „בעליו עמו"— ער געדענקט שטענדיג אין ג—ט און האט שטענדיג אויף זיך דעם עול מלכות שמים איז „לא ישלם".

דאס האט דוד המלך געזאגט (תהלים כ"ז): אחת שאלתי מאת ד' — די איינציגע נשמה האב איך דאך נור געבארגט פון ג—ט. איז דאך פערהאן א מורא, אז איך זאל מחוייב זיין אפילו באונסין, נור ווייל — אותה אבקש שבתי בבית ד' כל ימי חיי—איך האב שטענדיג געשטרעבט צו זיין נאהנט צו השי"ת, הייסט עס דאך שאילה בבעלים...

(הרבי בונם מפרשיסכא ז'ל)

* * *

דער חדושי הרי"ם ז"ל פלעגט זאגען: לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל — השי"ת קוקט אוועק פון פול עבירות ביי יודען, אויב ס'איז — ד' אלהיו עמו — אויב מען האט אויף זיך וויטער דעם עול מלכות שמים. אזעלכע עבירות, וואס ריהרען נישט אן דעם עול מלכות שמים און ס'בלייבט וויטער „ד' אלהיו עמו" — אויף אזעלכע עבירות איז מען אין הימעל מוחל... ווייל ס'איז „בעליו עמו"...

אם ענה תענה אתו, והיה כי צעק יצעק אלי, שמע אשמע צעקתו [כב-כב]

די חז"ל זאגען, אז פנינה בעת זי האט געפייניגט חנה'ן, האט זי געמיינט לשם שמים כדי חנה זאל שטארק בעטען אויף קינדער, דאך איז זי געשטראפט גע־ווארען אז איהרע קינדער זענען אויס־געשטארבען (ורבת בנים אמללה).

דאס זאגט דא די תורה. אפילו — אם ענה תענה אותו — כדי — והיה כי צעק יצעק אלי — די פייניגסט דעם אומ־גליקליכען מיט א גוטע כוונה כדי ער זאל שרייען צו מיר, דאך איז עס פון דיר א פערברעך און — שמע אשמע צעקתו — איך וועל הערען זיין וועה גע־שריי און דו וועסט בעשטראפט ווערען.

(הגר'א מווילנא)

את העני עמך [כב-כד]

דעריבער זאלסטו איהם בארגען, ווייל דאס געלד פון אריכאן געפונט זיך ביי דיר. דאס געלד איז נור ביים עושר א פקדון, וואס השי"ת האט איהם געגעבען צו היטען, כדי צו שטיצען דערמיט דעם ארימאן. ווארום דער דין איז, אז א מענש גיט אוועק זיין פערמעגען צו איינעם פון זיינע קינדער, האט ער איהם נור געמאכט פאר אנ'אפוטרופוס, כדי ער זאל עס איינטיילען צווישען די אנדערע קינדער (הכותב נכסיו לאחד מבניו לא עשאו אלא אפוטרופוס), אזוי האט ג—ט דעם עשיר געמאכט פאר א פערוואלטער איבערן געלד, כדי עס ווי געהעריג צו פערטיילען די ארימע קינדער זיינע...

(מעשה רוקח)

די מצוה פון צדקה און גמילת חסרים איז אפילו אין דער צייט, וואס — העני עמך — דאס ארימקייט איז מיט דיר, דו אליין האסט אויך נישט גענוג, זאלסטו אבטיילען פון דיינעם און געבען דעם ארימאן.

* * *

אויפ'ן פסוק „כבד את ד' מהונך" — זאגען די חז"ל: „אל תקרי מהונך אלא מגרונך". דאס הייסט, אז נישט דוקא ווען דו האסט פערמעגען נור אפילו ווען דו דארפסט אבשפארען פון דיין אייגענעם האלז — זאלסטו אויך געבען דעם ארימאן.

(הרב ר' שמעלקא זצ"ל מניקלשפורג)

ונשיא בעמך לא תאר (כב-כז)

מענשען זענען ליידער געוואוינט צו זוכען חסרונות און קריטיק אויף די, וואס שטעהן אין שפיץ פון פאלק, אויף די מנהיגים. אלע חשדים און אלע טענות זענען געווענדעט אקייגען זיי. אפילו משה רבינו האבען טייל יודען חושד געווען אין די ערגסטע זאכען — דעריבער גיט די תורה א בעזונדערען פערבאט. נישט מבזה צו זיין און שעלטען דעם נשיא, וואס פיהרט אן מיט'ן פאלק...

* * *

ביי חמץ זאגען די חז"ל „שלך אי אתה רואה אבל אתה רואה של אחרים ושל גבוה".

א מענש ביי זיך אליין זעהט קיינמאל נישט קיין חמץ — שלעכטס איז דער סימבאל „חמץ" — אבער ער זעהט עס שטענדיג ביי אנדערע, און גאר שטארק ביי „גבוה" — ביי די אנפיהרער פון פאלק, וואס שטעהן אין דער הויך...

(הדרש והעיון)

מלאתך ודמעך לא תאחר בכור בניך תתן לי (כב-כח)

די חז"ל זאגען, אז פאר די זינד וואס מען בעצאהלט נישט קיין נדרים איז די שטראף, אז די קינדער שטארבען ל"ע.

דאס איז די תורה מרמז: מלאתך — סיי וואס דו ביזט מנדר ווען דו האסט גענוג און פול — ודמעך — און סיי וואס דו ביזט מנדב אין אנ'עת צרה, מחמת טרעהרען און צער — לא תאחר — זאלסטו נישט פערזוימען צו בעצאהלען, ווייל אויב נישט, איז — בכור בניך תתן לי — וועסטו מוזען א וועקגעבען דיינע קינדער.

(זית רענן)

ואנשי קדש תהיון לי (כב-ו)

מענשליך הייליג זאלט איהר מיר זיין. איהר זאלט פערהייליגען אייערע מענשליכע מעשים, און דאס איז דער עיקר קדושה, וואס מען פערלאנגט פון מענש. קיין מלאכים פעהלען נישט דעם רבש"ע אין הימעל...

(הה'ק מקאצק זצלה'ה)

ובשר בשדה טרפה לא תאכלון (כב—ל)

אויב איהר וועט זיין הייליגע מענשען, וועט מען אייך אפהיטען, אז איהר זאלט נישט נכשל ווערען צו עסען טריפות, ווי די חז"ל זאגען: „צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידם" — און דאס איז בעיקר געמיינט, אז מען היט זיי אב פון מאכלות אסורות.

(פרדס יוסף)

אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס (כג—א)

אויב דו טהוסט א מצוה און דו נעמסט דיר צו א שותף צו איהר דעם יצר הרע, וויל דו טהוסט איהר מיט אנגיעה, צוליב כבוד אדער געלד, זאלסטו וויסען אז ער, דער יצר הרע וועט עס ווערען דער „עד חמס" די דאזיגע מצוה פון דיר אוועקצורויבען, ווי די חז"ל זאגען „יורד ומסטין עולה ומקטרג" — דער יצר הרע, וואס פריהער רעדט ער אן דעם מענש צום שלעכטען איז שפעטער מקטרג אין הימעל און בעוויזט, אז זיינע מצוות האבען נישט קיין ווערט.

(נועם אלימלך)

זיי נישט צופיל היימיש מיט א שלעכטען, וויל דאדורך ביזטו גורם, אז ער זאל מיט זיין עדות זאגען מענשען בערויבען. וויל דו חבר'סט זיך מיט איהם, האלט מען איהם פאר אנ'ארענטליכען מענש און מען גלייבט איהם, אפילו ווען ער זאגט פאלש עדות צו בערויבען א צווייטען. ווי די גמרא זאגט אויף דעם תנא ריש לקיש, אז מיט דעם מענש וואס ער האט געשמועסט אין גאס, האט מען איהם אנפערטרויט געלד אהן עדות.

(תורת משה)

לנטת אחרי רבים להטות כג—לב)

דוקא ביי א זאך, וואס איז נישט קלאהר און מען קען נוטה זיין אין פער־שידענע זייטען — לנטות — דא דארף דעצידירען דער רוב. אבער א זאך, וואס איז קלאר אהן שום ספק, ליגט נישט אונטער דער דעציזיע פון רוב. דעריבער וועלען יודען קיינמאל זיך נישט אונטער־ווארפען דער רוב פון דער וועלט אין בעצוג צו דער אמונה...

(הגאון בעל חת"ס)

לא תהי' אחרי רבים לרעות ולא תענה על ריב
לנטות אחרי רבים להטות (כג.-ב)

ולא תענה על ריב — על רב, שאין חולקין על מופלא שבב"ד (רש"י)

דער דעת פונ'ם גרויסען מנהיג— מופלא שבבית־דין, איז גרעסער ווי דער

דעת פון גאנצע מאסען איינפאכע מענ־
שען. דעריבער דארף דער רוב זיך מכניע
צו זיין דעה.

אין א שטאדט האבען אמאל נידרי־
גע מענשען פונ'ם המון זיך צובונטעוועט
געגען רב און די ראשי הקהל, הלמאי
זיי פיהרען עס אן מיט אלע עניני הקהל,
מיט דער שטאדטישער תלמוד תורה,
מקוה, כשרות וכדומה און מען בעראט
זיך נישט אויך מיט זיי.

רבי! — האט איינער פון זיי גע־
מענה'ט חוצפה'דיג צום רב — אויך די
תורה האט דאך געזאגט: אחרי רבים
להטות?!

דער רב האט איהם דערויף גע־
ענטפערט:

עס האבען א מאל זיך צונויפגענו־
מען אלע 247 איברים און געקומען מיט
א טענה צום קאפ, הלמאי זיי זענען
בלויז ווי משרתים ביי איהם, דעם קאפ,
ער איז זיך מיט זיי קיינמאל נישט שואל
עצה, פרעגט גארנישט ביי קיינעם פון
זיי קיין דעה, נאר אליין באשלוסט ער
אליין און וואס איהם געפעלט, הייסט
ער זיי אויספיהרען: די פיס, געהען, די
הענד טהוען א.א.וו. היתכן—האבען זיי צו
איהם געטענה'ט: עס שטעהט דאך אין
דער תורה „אחרי רבים להטות“, נישט
דו זאלסט זיין דיקטאטאר איבער אונז?!

כ'וועל אייך ענטפערען — האט דער
קאפ צו זיי געזאגט — דער פסוק געהט
ארויף אויף די סנהדרין, וואו עס זענען
געווען 71 קעפ, האט מען טאקע יעדענס
דעה געמוזט אויסהערען און אויב עס
זענען געווען חילוקי דעות, האט מען
גע'פסק'ענט: אחרי רבים להטות. צווי־
שען אייך אבער, איז דאך קיין איין קאפ
נישט פערהאן, נאר יעדער „עק“ וויל
זאגען'א דעה — דארף מען איהם גאר־
נישט פרעגען און נישט אויף אייך איז
געזאגט געווארען „אחרי רבים להטות“...

(מפי השמועה)

כי תראה חמור שנאך רובץ תחת משאו... עזב תעזב עמו (כג-ה)

ביי א שונא איז די מצוה גרעסער,
וויל מען אונטערדרוקט אויך דערמיט
דעם יצר הרע פון שנאה.

כאטש דא איז דאך נישט געמיינט
קיין פערזענליכער שונא. ווארום מען
טאר דאך גלאט נישט פיינט האבען
א יוד, נור מען מיינט, אז ער האט
איהם געזעהען טהון אנ'עבירה, ווען
ס'איז א מצוה פיינט צו האבען — דאך
אבער קען יעדער מצוה'דיגע שנאה מיט
דער צייט פערוואנדעלט ווערען אין א
פערזענליכע שנאה. דען, אז איך האב יע־
נעם פיינט — אמת אלס מצוה—בעקומט
יענער א שנאה צו מיר, וויל „כמים
הפנים לפנים כן לב האדם לאדם“. יענעמס
שנאה צו מיר איז דאך שוין נישט קיין
מצוה־שנאה נור א פראסטע, א פערזענ־
ליכע. דאן ווערט צוריק מיין שנאה צו
יענעם אויך פערזענליך און די מצוה
פערלירט זיך. דעריבער האט די תורה

געזאגט, אז מען דארף אזא שטייגער שונא ארויסהעלפען ווען ער איז אין א צרה, כדי דערמיט אפצוהיטען די גרעניץ, אז די מצוה'דיגע שנאה זאל נישט פערוואנדעלט ווערען אין א פערזענליכע, פשוטע און גראבע שנאה...

(תוספות פסחים קי'ז)

* * *

דאס איז דער פשט פונ'ם פסוק אין תהלים (קלט—כא): „הלא משנאיך ד' אשנא ומתקוממיך אתקוטט — איך האב פיינט די מענשען, וואס האבען דיך ג—ט פיינט — תכלית שנאה שנאתים — מיין שנאה צו זיי, איז אמת א תכלית'דיגע און צילבעוואוסטע שנאה, וואס איז א מצוה, אבער — לאויבים היו לי — זיי ווערען דאך מיר פשוט'ע פיינט, נישט קיין מצוה'דיגע, קען מען דאך זאגען, אז סוף כל סוף איז מיין שנאה אויך פער־וואנדעלט געווארען אין א פערזענליכע, בעט איך דיך ג—ט,—חקרני אל ודע לבבי, בחנני ודע שרעפי — קוק אריין אין מיין הארץ און אין מיינע מחשבות וועסטו זעהען, אז קיין פערזענליכעס איז דא גאר גישטא נור בלויז „תכלית שנאה" ווייל זיי זענען „משנאיך" און „מתקוממיך".

(אדמו"ר זלה"ה מאוסטראווצא)

ושחד לא תקח (כג-ח)

צום גאון רבי יהושע'לע קוטנער ז"ל איז א מאהל אריינגעקומען אנ'אלמנה און מיט טרערען אין די אויגען דערצעהלט וועגען אנ'עולה, וואס א שטאדטס מענש האט איהר געטהון, זי האט דעריבער געבעטען, אז דער רב זאל איהם רופען צו א דין־תורה.

רבי יהושע'לע ז"ל האט שוין אבער ביי דער דין־תורה נישט געוואלט זיין דיין, זאגענדיג, אז שוחד מיינט מען נישט דוקא געלד,נור אפילו טרערען, בפרט פון אנ'אלמנה, קענען אויך משחד זיין, אז מען זאל נישט קענען זיין אב־יעקטיוו גענוג צום צווייטען בעל־דין...

מ'האט געפרעגט דעם גאון ר' יאיר בכרך ז"ל (מחבר פונ'ם ספר שו"ת חוות יאיר") פארוואס יודען פלעגען געבען אין יענער צייט מתנות פערשי־דענע פירשטען און פריצים וועלכע האבען געדארפען צו משפט'ן זייערע משפטים מיט גויים.

האט ער געענטפערט. ווייל די דא־זיגע פירשטען און פריצים זענען אזעל־כע שונאי־ישראל, אז זיי וועלען זיכער מטה דין זיין לטובת דעם נישט יוד האט דעריבער דער שוחד, וואס מען האט זיי געגעבען גלייכגעשטעלט דעם דין מיט'ן נישט יוד, אז ס'זאל קענען ארויסקומען א ריכטיגער משפט. אזא שוחד מעג מען דעריבער געבען, ווייל זיין ציעל איז דאך, אז מען זאל נישט בעשולדיגען דעם אונשולדיגען און מציל צו זיין פון א זיכערן הטיית דין...

וביום השביעי תשבות למען ינוח שורך וחמרך (כ"ג.-י"ב)

וואס איז דער אויסדרוק „למען ינוח"

נאר מען מיינט, זאלסט אליין אזוי רוהען, אז מיט דיין כח-השבת זאלסטו משפיע זיין אויף דיין סביבה, אז אויך דיין בהמה זאל פון זיך זעלבסט רוה-ען: ווי עס ווערט געברענגט די מעשה מיט'ן אקס פון ר' יוחנן בן תורתא, וואס האט אויך ביים גוי נישט געוואלט ארבייטען אום שבת.

(אדמו'ר שליט'א מגור)

וחג האסיף תקופת השנה (כג—טז)

פארוואס ווערט דער יום טוב נישט אנגערופען דא חג הסוכות — פונקט ווי אין אנדערע ערטער אין דער תורה?

נור אויף דער קשיא פארוואס מען מאכט דעם יום טוב סוכות אין פונפ-צעגטען תשרי נישט אין ניסן באלד ווי יודען זענען ארויס אין דער מדבר—ענטפערט דער ווילנער גאון ז"ל, ווייל אין אנהויב האט מען נישט געדארפען קיין בעזונדערען זכר צו די ענני הכבוד, וואס האבען יודען בעשיצט אין דער מדבר. פונקט ווי מען מאכט נישט קיין זכר צום „מן" און צום „באר". נור ווייל ביים חטא העגל, זע-נען די ענני הכבוד צוגענומען געווארען און יודען זענען געבליבען אויפגעדעקט (כי פרוע הוא...) נור ערשט נאך יום כפור, ווען השי"ת האט מוחל געווען אויף דעם חטא זענען די ענני הכבוד צוריקגעקומען. אויף אט דעם צוריקבע-קומען די ענני מאכט מען די סוכות און דעריבער טאקי אין תשרי נאך יום כפור...

קומט דאך אויס, אז דא אין פרשת משפטים, ווען עס איז נאך נישט גע-ווען דער חטא פון עגל, איז ממילא נאך בכלל נישט געווען די מצוה פון זיצען אין סוכה, וואס איז א זכר אויף די צוריקבעקומענע ענני כבוד — הייסט דעריבער יעצט נאך דער יום-טוב, בלויז חג-האסיף...

(משך חכמה)

ראשית בכורי אדמתך תביא בית ד' אלהיך
לא תבשל גדי בחלב אמו (כג-יט)

די ערשטע „ביכורים" — די ציי-טיגע קינדערלעך, זאלסטו ברענגען אין ג—ט'ס הויז, זיי צו לערנען תורה. זאלסט נישט „אבקאכען"" די „גדיים" — דיינע יונגע קינדער, באלד ביי דער מוטער'ס מילך...

(מפי השמועה)

הנה אנכי שולח מלאך לפניך (כג-כ)

דער רמב"ן פרעגט: פארוואס שפעטער אין פ' כי תשא איז משה רבינו נישט בעשטאנען אויף א מלאך, נאר ער האט געזאגט „אם אין פניך הולכים אל תעלנו מזה“?

נור ווי בעוואוסט, ווען איינער בעגעהט א פערברעכען און ווערט געשטעלט פאר'ן געריכט, מוז זיך דער ריכטער רעכענען שטרענג מיט'ן געזעץ און פערמשפט'ען דעם פערברעכער לויט'ן שטראף=קאדעקס. דאגעגען בעזיצט דער קעניג בעגנעדיגונגס=רעכט און נור ער קען דעם פערמשפט'ען בעגנעדיגען. דעריבער אין פ' משפטים, ווען די יודען זענען געווען תיכף נאך מתן תורה, ביי וועלכען ס'איז געווען „נעקר יצה'ר מלבם“, האט עס נישט געאהרט משה רבינו, ווען א מלאך וועט די יודען פיהרען. אבער שפעטער, אין פ' תשא, ווען די יודען זענען געווען נאכן חטא העגל און זענען צוריק געווען ווי יעדער מענש, עלול צו זינדיגען, האט משה רבינו נישט געוואלט, אז א מלאך זאל די יודען פיהרען, טאמער זינדיגען זיי און דער מלאך האט נישט דאס רעכט זיי מוחל צו זיין, איבער דעם האט משה רבינו געבעטען: ילך נא ד' בקרבנו — וסלחת לעוננו ולחטאתנו...

(קטרת סמים)

ועבדתם את ד' אלהיכם וברך את לחמך ואת מימך (כג-כה)

ביי עבודה שטעהט א לשון רבים און ביים עסען שטעהט א לשון יחיד?

האט דארויף געזאגט דער קאצקער רבי ז"ל, ווייל ביי דאווענען — עבודת ד' — איז אפילו ווען יעדער איינער דאווענט ביחידות פאר זיך, קומען זיך די אלע תפילות צוזאמען און עס ווערט דערפון א תפלת רבים. דאגעגען ביי עסען, אפילו ווען א סך מענשען עסען ביי איין טיש צוזאמען — עסט דאך נור יעדער פאר זיך...

וישלח את נערי בני ישראל ויעלו עלת (כד-ה)

אויף דעם וואס יודען זאגען נעשה ונשמע דארף די יודישע יוגענד גרייט זיין צו ברענגען קרבנות — די „נערי בני ישראל“ דארפען זיין — ויעלו עלות...

(אבני אזל)

ומראה כבוד ד׳ כאש אוכלת (כד-יז)

אויב א יוד וויל וויסען, צו השי״ת האט נחת רוח פון זיין עבודה און צו ער איז ווירקליך מרבה כבוד שמים, איז דער סימן דערצו, אויב ער פיהלט ביי זיך התלהבות און פייער צו דער עבודת השם. ווארום אויב מען גיט איהם פון הימעל התלהבות, תשוקה און התעוררות צו דער עבודה, איז עס א בעוויז, אז זיין עבודה איז אנגענומען.

ומראה כבוד ד׳ — דער פרוב, צו מען דערזעהט מיט די עבודה דעם כבוד ד׳, איז — כאש אוכלת — אויב ער פיהלט ביי זיך א תשוקה ווי א פייער, וואס ברענט צו דער עבודה...

אויב אבער ער איז קאלט, איז א סימן, אז זיין עבודות איז נאך ווייט ניט לרצון...

(קרושת לוי)

הפטרה משפטים

(ירמיה לג—לד)

אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי (לג-כה)

ווען נישט די תורה, וואס ווערט געלערנט טאג און נאכט דורך די תלמידי-חכמים. וואלט די גאנצע נאטור מיט איהרע איינריכטונגען — חקות שמים וארץ — קיין קיום נישט געהאט. די יודען, וואס זענען שטענדיג עוסק בתורה, כאטש עס דוכט זיך, אז זיי טהון גאר נישט אין ענינים פון ישוב העולם,— גיבען זייער צושטייער צום עקזיסטענץ פון דער וועלט פיל מעהר ווי די, וואס בויען הייזער און גרינדען מסחרים.

דער וואס זאגט אלזא, אז די לומדי-תורה טהוען גאר נישט אויף, זיי לערנען פאר זיך און די וועלט האט גארנישט דערפון — לדידהו קרי לדידהו תני — איז, נישט בלויז זיי ווערען בעשטראפט אלעם אפיקורסים, נור זיי זענען אויך „מגלים פנים בתורה שלא כהלכה“, וועלכע ווערען פערערכענט צווישען די וואס „אין להם חלק לעולם הבא“.

(חז״ל, סנהדרין צ״ט)

די געזעצען פון דער נאטור, מוזען דורך אלע בעטראכט ווערען אלס אמת'ע פאקטען, וואס ליגען נישט אונטער קיין דיסקוסיע, כאטש מען פערשטעהט זיי נישט און מען בעגרייפט זיי נישט. די וויסענשאפט בעמיהט זיך נור צו פערשטעהן די נאטור געזעצען און זייערע סודות, אבער ס'וועט קיינער נישט וואגען זיי אפלייקענען דערפאר, ווייל ער פערשטעהט זיי נישט. אזוי דארפען אויך זיין די געזעצען פון דער תורה. זיי דארפען זיין פעסטגעזעצטע אמת'ן, וואס ליגען נישט אונטער קיין שום ספק און צווייפעל אפילו מען פערשטעהט זיי נישט, מען דארף זיך נור בעמיהען און פערטיפען זיי צו פערשטעהן.

די תורה, וואס איז „בריתי יומם ולילה", דארף בעטראכט ווערן פונקט ווי די „חקות שמים וארץ — ביי וועלכע מען מעסט נישט זייער אמת לויט דעם צי דער מענשליכער שכל פערשטעהט זיי, נור מען בעטראכט זיי אלס עקזיס-טירענדע פאקטען, וועלכע דער שכל דארף זיך ערשט בעמיהען צו פער-שטעהן.

(הרב רש"ר הירש ז"ל)

ביי קבלת התורה געפינט זיך אין איין פסוק: „מן השמים דברתי עמכם" און אין א צווייטען פסוק — „וירד ד' על הר סיני".

דא איז געווארען אנגעוויזען, אז יודען האבען בעקומען די תורה, איהר צו היטען סיי ווען זיי זענען אין צושטאנד פון גרעסטען גליק און וואויל-טאג, זייער מצב איז הימעל-הויך און איז גלייך צו „שמים", און סיי ווען זיי געפונען זיך אין גאר א שפל'דיגען מצב, געבויגען צו דער ערד און געבראכען פון פיין, צרות, גלות און רדיפות — אין א מצב פון ירידה, (ווי: אנכי ארד עמך מצרימה). דעריבער איז די נתינת התורה געוועזען אי פון „שמים" אי דורך „ירידה" צום „ארץ".

דאס זאגט דא דער נביא: אם לא בריתי יומם ולילה — אויב איהר זאלט נישט היטען מיין תורה, וואס איז דער ברית צווישען ג—ט און יודען, סיי „יומם" — ווען ס'איז ביי אייך ליכטיג ווי דער טאג און אייער הצלחה-זון שיינט און סיי „לילה" — ווען ס'אין אייך פינסטער ווי די נאכט צוליב צרות און ענויים, דאן איז — חקות שמים וארץ לא שמתי — וואלט איך נישט ביים געבען די תורה געדארפען איינ-ארדנען, אז זי זאל געגעבען ווערען דורך „שמים" און דורך „ארץ". — דען נור צוליב דעם איז דארט דערמאהנט „שמים" און „ארץ", כדי איהר זאלט די תורה היטען סיי „יומם" און סיי „לילה"...

(דבר המלכה)

פרשת תרומה

ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו (כה—ב)

אז יודען האבען א גוטען רצון און נדבות־הלב צו טהוען מצוות לשם שמים — זאגט השי"ת — ווער איך דאדורך אויפגעהויבען — „לי תרומה" מיר קומט צו התרוממות...

„כשישראל עושין רצונו של מקום מוסיפים כח בפמליא של מעלה".

(קדושת לוי)

ויקחו לי תרומה מאת כל איש (כה—ב)

השי"ת זאגט: זיי זאלען פון מיר אויך נעמען תרומה. אויסער דעם וואס זיי וועלען נעמען „מאת כל איש", וועל איך זיי אויך צושטייער געבען. ווארום די חז"ל זאגען, אז די וואלקענס האבען געברענגט די אבני שהם און אבני מלואים (והנשיאים הביאו — אין נשיאים אלא עננים שנאמר נשיאים ורוח) דאס איז געוועזען די תרומה פון השי"ת.

(הרב חיד'א ז'ל)

ויקחו לי תרומה (כה—ב)

לי לשמי (רש'י)

דער קאצקער רבי ז"ל פלעגט זאגען: ויקחו לי, לשמי, — תרומה, איהר זאלט מיך, מיין נאמען, נעמען. אבגע־שיידטערהייט, נבדל'דיג און אויפגעהוי־בען פון דער וועלט...

דער חדושי הרי"ם ז"ל האט גע־זאגט: „לי לשמי" — איהר זאלט אפילו נישט מכוון זיין, אז דורך אייערע נתינות זאל זיין השראת־השכינה, נור פשוט „לשמי" — ווייל אזוי איז מיין רצון...

די כוונה צו ערפילען דעם רצון השם איז גרעסער ווי אלע העכסטע און טיעפסטע כוונות...

געלד איז א נידריגע זאך. נור אויב מען גיט עם אוים אויף גוטע צוועקען, לשם שמים — לשמי — ווערט דאס געלד אויפגעהויבען, ווי די חז"ל זא־

גען: „אין קיחה אלא לשון הגבהה"... דעריבער שטעהט' „ויקחו" נישט „ויתנו".

(שיחות צדיקים)

* * *

דער שפת אמת ז"ל פלעגט זאגען אויפ'ן פסוק: „לי הכסף ולי הזהב נאם ד' צבאות" (חגי ב—ח). צי דארף זיך דען השי"ת ריהמען, אז צו איהם געהער דער כסף וזהב, וואס געהער דען נישט צו איהם? נור דער פשט איז: השי"ת זאגט צו יודען אייער אויפגאבע איז צו מאכען דעם כסף וזהב, אז זיי זאלען זיין „לי", — אויפצוהויבען זיי צו מיר, דורכ'ן טהוען מיט זיי מצוות ומעשים טובים...

* * *

די חז"ל זאגען, אז „צדיקים ממונם חביב עליהם יותר מגופם". איז דאך שווער צו פערשטעהן, ווי קומט עס צו צדיקים, אז זיי זאלען אזוי שטארק ליעב האבען געלד?

פלעגט זאגען דער לובלינער רב הגאון מהר"מ שפירא ז"ל, אז דאס איז ווייל די צדיקים ווייסען, וואס מען קען אלץ אויפטהוען מיט געלד. מען קען דערמיט מחיה זיין נפשות, מחזיק זיין בני תורה, אויפשטעלען מוסדות התורה — אזעלכע זאכען וואס מיט'ן בלויזען גוף קען מען עס נישט טהוען. דעריבער האבען זיי ליעבער דאס געלד מעהר פונ'ם גוף. דאגעגען די בעלי תאוה, וואס זייער געלד פערוועגדען זיי נור אויף תענוגי הגוף, איז דאך דאס גאנצע געלד נור פאר'ן גוף, מוז דאך דער גוף ביי זיי זיין ליעבער...

אז א יוד נעמט אביסעל פון זיין תבואה און האט אין זינען אז ס'זאל זיין תרומה פאר ג—ט'ס וועגען, ווערט עס קודש, ווייל די יודישע מחשבה לשם שמים ברענגט דערויף א קדושה (תרומה נטלת במחשבה). אזוי אויך אז עס האבען זיך צוזאמענגענומען אלע גוטע רצונות און נדיבות'דיגע מחשבות פון יודען, וואס זיי האבען געהאט ביים געבען, איז דערפון געווארען א געוואלדיגע קדושה פון א משכן מיט א גרויסע מאס השראת השכינה.

דאס גאלד מיט'ן זילבער האט געמאכט דאס אויסערליכע פון משכן, די גוטע יודישע תשוקות און רצונות האבען געמאכט דאס אינערליכע — די קדושה פון משכן.

(ספרים הקדושים)

אז מען גיט פאר'ן אייבערשטענס וועגען, גיט מען נור זיך, ווייל ער

דארף עס נישט, נור ס'איז פאר'ן מענש'ס זכות. הייסט דאך די נתינה א לקיחה, מיט'ן געבען נעמט מען פאר זיך...

(לקוטי שפת אמת)

,,ויקחו" — נישט ,,ויתנו"?

ווייל באמת געהער דאך אלעס צו השי"ת — ממך הכל ומידך נתנו לך — נור דערמיט, וואס דער מענש טהוט א גוטע זאך פאר ג—ט'ס וועגען — מיט זיין פערמעגען — דערמיט אליין איז ער עס קונה, אז ס'זאל געהערען צו איהם (ווי די חז"ל זאגען, אז דורך דער ברכה ווערט ,,הארץ נתן לבני אדם"), און ס'הייסט, אז ער האט נענעבען זיין אייגענס.

קומט דאך אויס, אז ערשט מיט'ן געבען די תרומה לד', איז עס געווארען ,,ויקחו" — האבען זיי עס געקויפט און קונה געוועזען פאר זיך, ס'איז יעצט געווארען ,,ממונם"...

(מלבי"ם)

יפרישו לי ממונם נדבה (רש"י)

אמת, די מצוה פון געבען צדקה איז זעהר גרויס, אבער נור ווען מען גיט פון אייגען, עהרליך פערדינט געלד — ממונם. פון אזא געלד אבער וואס דער מענש האט עס זיך ערווארבען דורך נישט עהרליכע וועגען און נישט כשר'ע מיטלען—אזא געלד פערלאנגט נישט השי"ת, אז מען זאל דערמיט טהוען מצוות. ווי דער פסוק זאגט: ,,כי אני ד' אוהב משפט שונא גזל בעולה" (ישעי' סא) — ווייל איך ג—ט האב ליעב גערעכטיגקייט און עהרליכקייט, דעריבער האב איך פיינט ווען מען ברענגט פאר מיר קרבנות מיט גע'גזל'ט געלד...

טייל מענשען ווילען זיך אויסקויפען די זינד וואס זיי טהוען אין געלד'טעניגים דאדורך וואס זיי געבען צדקה פון דעם געלד, — באמת נעהמט ג—ט נישט אן אזא צדקה און האט איהר גאר פיינט. אויף די מענשען זאגט דער נביא: ,,שמרו משפט ועשו צדקה" (ישעי' נו) — פריהער—שמרו משפט — היט אב רעכט און גערעכטיגקייט נעהמט נישט צו יענעמס געלד, דאן ערשט — ועשו צדקה — קענט איהר טהוען צדקה, מיט עהרליך געלד...

(הדרש והעיון)

ויקחו לי תרומה

הדא היא דכתיב: לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו אל תעזובו את המקח שנתתי לכם (מדרש)

השי"ת האט איינגעפלאנצט ביי יודען א כח צו קענען האבען א

תשוקה און א רצון צו איהם. אפילו אט דעם „לקח טוב" — דעם „גוטען נעם", אז ס'זאל קענען זיין „ויקחו לי תרומה" — אט דער כח איז אויך פון השי"ת, ער האט אונז דעם כח גע- געבען. מען דארף נור זעהען אז מען זאל אט דעם כח, נישט אבלאזען — אל תעזובו את הלקח שנתתי לכם...

(חרושי הרי"ם ז"ל)

די תורה דארף בעטראכט ווערען ווי א מקח, דער סוחר הערט קיינמאל נישט אויף צו האנדלען ווייל ער איז אמאל נישט מצליח אין מסחר, ער ווייסט, אז אויפהערענדיג צו האנדלען געהט ער אינגאנצען צו גרונד. אזוי דארף זיין ביי תורה, כאטש מען איז נישט מצליח אין לערנען, דארף מען ווייטער ארבייטען און נישט מיעד ווערען. מיט'ן אויפהערען עוסק צו זיין אין תורה וועט מען געווים נישט קענען עקזיסטירען.

(הח'ק ר' דוד ז'ל מקאצק)

כיון שאמרו ישראל נעשה ונשמע מיד אמר הקב"ה למשה ויקחו לי תרומה

(תנא דבי אליהו)

דער ערשטער בעדינג צו השראת השכינה אויף דער דאזיגער נידריגער וועלט איז — בטול עצמי, אויב מען איז זיך אינגאנצען מבטל צום רצון השם דאן קען מען זוכה זיין צו גלוי שכינה. ווי דער נביא זאגט: „השמים כסאי והארץ הדום רגלי. איזה בית אשר תבנו לי ואיזה מקום מנוחתי... ואל זה אביט אל עני ונכה רוח וחרד על דברי" (ישעי' ס"ו) ד. ה. אז צוליב דעם „עני ונכה רוח" וואס איז זיך אינגאנצען מבטל נור צום דבר ד', צוליב איהם קען מען בויען א בית און א מקום מנוחה ווי עס זאל זיין התגלות-השכינה אין א גרויסער מאס, מעהר ווי אין דער גאנצער וועלט.

דעריבער אז יודען האבען געזאגט „נעשה ונשמע" און האבען אינגאנצען מבטל געווען זייער רצון און דעת, צו טהוען דעם רצון ד' נאך איידער זיי האבען געהערט וואס מען פערלאנגט פון זיי, האבען זיי זוכה געווען אז מען זאל זיי הייסען מאכען א מקדש און ס'זאל זיין „ושכנתי בתוכם".

(יקר מפז)

מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי (כה-ב)

באמת געהער דאך דאס גאלד און זילבער צו השי"ת — לי הכסף ולי הזהב נאם ד' — נאר דער מענש גאר נישט זיין אייגענס. דאס וואס ער גיט יא איז עס, די נדיבות הלב, דעם גוטען ווילען וואס ער האט ביים געבען דאס געלד, אט

דאס איז באמת זיין אייגענס און דאס גיט ער אוועק. דער אבער, וואס גיט נישט מיט'ן גאנצען הארץ און מיט נדיבות הלב, גיט ממילא גאר נישט, ווארום דאס געלד איז נישט זיין און קיין רצון גיט ער נישט.

דאס זאגט דער פסוק: מאת כל איש אשר ידבנו לבו — נור פון דעם, וואס גיט מיט נדיבות הלב, מיט'ן גוטען ווילען— תקחו את תרומתי — פון דעם נעמט איהר עפעס, אבער פון די, וואס איז נישט „ידבנו לבו" — נעמט איהר גאר נישט...

(תורת משה)

די השראת השכינה אויף יודען, וואס האט געזאלט זיין דורכ'ן משכן, האט נור געקענט קומען דורך א פער־שטארקטע אהבה פון יודען צו וועלען זיך מדבק זיין אין דער געטליכקייט. אהבה איז א זאך, וואס קען נישט קומען דורך א בעפעהל נור מיטן אייגענעם גוטען ווילען, דעריבער האט נור געקענט זיין — כל איש אשר ידבנו לבו — נישט אנ'ארויפגעלייגטער חוב.

(הגה'ק בעל אבני נזר מסוכטשוב ז'ל)

פריהער האט מען קיינעם נישט געלייט צו געבען, נור ווער עס האט געוואלט האט מנדב געווען. נאכדעם אבער ווי ער האט שוין מנדב געוועזען און צוגעזאגט זיין נדבה, האט מען שוין פון איהם גענומען מיט צוואנג — תקחו את תרומתי — וויל „אמירה לגבוה כמסירה להדיוט", און פון דער מינוט, וואס ער האט צוגעזאגט איז עס א נדר און עס הייסט שוין „תרומתי" — ג—ט'ס תרומה...

(צמח דוד)

זהב וכסף ונחשת (כה—ג)

דער חתם סופר ז"ל ווייזט אן אויף א וואונדערליכען רמז, אז די ראשי תיבות פון די דאזיגע דריי ווערטער, דייטען אן אויף אלע טעג פון יאהר אין וועלכע ס'איז פערהאן קריאת התורה:

ז' — דער זיבעטער טאג שבת: ה' — דאנערשטאג: ב' — מאנטאג; כ' — כפור (יום כפור): ס' — סוכות; פ' — פסח, פורים; נ' — נרות (חנוכה, ווען מען צינדט ליכט); ח' — חודש, (אין בכלל דעם איז ראש השנה וואס איז אויך ראש חדש). ש' — שבועות, שמיני עצרת, שמחת תורה; ת' — תענית.

ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא...

ועורות תחשים (כה—ה)

מין חיה ולא היתה אלא לשעה והרבה גוונים היו לה לפיכך מתרגם ססגונא ששש ומתפאר בגוונין שלו (רש"י)

דער לאגישער צוזאמענהאנג פון די ביידע ענינים אין רש"י, איז צו פער־שטעהן אויף אזא אופן:

ווען פערשידענע בהמות, חיות און עופות האבען אין תרגום אנ'אנדערען נאמען ווי אין דער תורה (צ. ב. ש. שור או כשב — תור או אימר; שפן — טפזא: חסידה — חוריתא: דוכיפת — נגר טורא א. ד. ג.) איז עס פערשטענדליך, ווייל אין דער אראמישער שפראך. אין וועלכער דער תרגום איז געשריבען, האבען די דאזיגע בעלי חיים אנדערע נעמען ווי אין דער לשון הקדש'דיגער שפראך אין וועלכער די תורה איז געשריבען. אויב אבער די חי' „תחשים" — עקזיסטירט גאר נישט קיינמאל, נור זי איז ספעציעל בעשאפען געווארען צום משכן, קען זי דאך נישט האבען אין העברעאיש אנ'אנדערען נאמען ווי אין אראמעאיש. ווי זשע קומט עס אלזא, אז אין דער תורה הייסט עס „תחשים" און אין תרגום ססגונא? מוז דעריבער זיין, אז דער נאמען „ססגונא" פונ'ם תרגום איז נישט קיין שם־העצם פון אט דער חיה, נור ער דייטעט עפעס אן אויף איהר אויסזעהן — „ששש ומתפאר בגוונים שלו".

דער צוזאמענהאנג איז דעריבער קלאהר. ווייל רש"י זאגט פריהער: „ולא היתה אלא לשעה", מוז ער דעריבער באלד צוגעבען: „והרבה גוונים היו לה לפיכך מתרגם ססגונא" — אז דער נאמען „ססגונא" איז נישט איהר אייגענטליכער נאמען אויף אראמעאיש, נור ווייזט גאר אויף איהרע פיל קאלירען..

(הגאון מהרי"ל דיסקין ז"ל מירושלים)

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (כה—ח)

עס דארף דאך אייגענטליך זיין בתוכו — אינ'ם מקדש?

נור בתוכם געהט ארויף אויף די יודען, זיי זאלען מיר מאכען יעדער אין זיין הארץ א מקדש, אנ'ארט פאר השראת השכינה, דאן—ושכנתי בתוכם—וועל איך רוהען אין זיי — אינ'ם הארץ פון יעדען איינעם. (אלשיך)

* * *

דעריבער שטעהט „וכן תעשו" — זאגט רש"י „לדורות", ווייל אזא מקדש אין יעדענס הארץ, קען שטענדיג אין אלע צייטען געמאכט ווערען. (מלבי"ם)

השי"ת האט פריהער בעפוילען וועגען מלאכת המשכן און ערשט שפעטער אין פרשת תשא, אנגעזאגט אויף שבת „אך את שבתותי תשמורו

אבער ווען משה רבינו האט עס אי=בערגעזאגט צו די יודען, אין פרשת ויקהל, האט ער צום ערשט געגעבען די מצוה פון שמירת שבת און דער=נאך ווענגען מלאכת המשכן?

דער תירוץ איז: שבת, איז „כבוד המקום" צו פייערען דעם אויבערשטענס רוהע = טאג אלס יום מנוחה וקדושה און עדות זאגען אויף די מעשה=בראשית, אז דאס אליין איז דעם אויבערשטענס שאפונג. דאגעגען דער משכן, איז „כבוד ישראל" עדות צו זאגען אז די יודען, זענען „גוי אחד בארץ" און השי"ת האט אוועקגעלאזט די הימלען און געמאכט רוהען זיין שכינה צווישען יודען. איבער דעם האט השי"ת מקדים געווען מלאכת המשכן פאר שבת, כדי צו ווייזען. אז ביי איהם איז פריהער כבוד ישראל פאר זיין אייגענעם כבוד. אבער משה רבינו האט מקדים געווען שבת פאר מלאכת המשכן, ווייל כבוד המקום דארף דאך ביי אונז זיין פריהער פאר כבוד ישראל.

(כלי יקר)

דער רבי ר' בונם ז"ל פון פשיסחא האט געזאגט: „בעיקר דארף דאוועגען נור דאס נפש, דער גוף זאל זיין ווי א סנאפ שטרוי, וואס שלעפט זיך נאך". נור דורך דעם, וואס דער גוף שלעפט זיך נאך נאכ'ן פנימיות ווערט ער אויך עפעס...

דורכ'ן „ושכנתי בתוכם" איז „ועשו לי מקדש", ווען נישט דער תוך איז עס בלויז א שטיק האליץ...

(חשבה לטובה מהרבי ר' העניך ז"ל מאלכסנדר)

* * *

עהנליך האט דער קאצקער רבי ז"ל געטייטשט: „ד' אהבתי מעון ביתך" — אויב איך האב ליעב דאס בית, כאטש ס'איז בלויז עצים ואבנים, איז עס נור ווייל — מקום משכן כבודך — ס'איז א מקום צו השראת השכינה...

ועשו לשמי בית קדושה (רש"י)

א יוד דארף זעהען אריינצוברענגען קדושה אין זיין פריוואטען „בית", זיין שטוב און זיין פאמיליען לעבען זאל זיין מיט קדושה — און דאס הייסט א „מקדש"...

(הה"ק מהר"מ מאמשינוב זצלה"ה)

* * *

אויף וויפיל א יוד פערהייליגט זיינע טאג=טעגליכע מענשליכע מעשים, וואס ער טהוט אין שטוב און איז גורם, אז אין זיין הויז זאל די שכינה רוהען, אויף אזוי פיל פערגרעסערט זיך די קדושה און די השראת השכינה פונ'ם בית

המקדש. די קדוש ה פון מקדש, איז אבהענגיג אין דער קדושה, וואס געפונט זיך אין די יודישע הייזער.

דורכ'ן „ושכנתי בתוכם" איז — „ועשו לי מקדש"...

(אבני אזל)

* * *

אויף אזא אופן האט דער שפת אמת ז"ל געטייטשט דעם פסוק: „אם אבא באהל ביתי, אם אעלה על ערש יצועי, אם אתן שנת לעיני לעפעפי תנומה, עד אמצא מקום לד' משכנות לאביר יעקב" (תהלים קלב — ג. ד) אז די' כוונה איז, דוד המלך האט געבעטען צו געפונען א מקום לד' אין די דאזיגע דערמאהנטע פעולות, אינ'ם „אבוא באהל ביתי", אינם „אעלה על ערש יצועי", אינם „אתן שנת לעיני"— אין די אלע מעשים זאל זיין אנ'ארט פאר השראת שכינה, זיי זאלען זיין ריין און לשם שמים — ממילא וועט דאס זיין אויפגעשטעלט א בית-המקדש פאר ג—ט'ס וועגען...

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם. ככל אשר אני מראה אותך... וכן תעשו (כה-ח, ט)

דאס וואס בצלאל. אהליאב און די חכמי לב האבען געקענט מאכען דעם משכן פונקטליך לויט'ן רצון השם, איז געוועזען ווייל זיי האבען געהאט רוח הקודש, ווי דער פסוק זאגט: וימלא אותו רוח אלהים בחכמה, בתבונה ובדעת (שמות לה—לא).

דורכ'ן „ושכנתי בתוכם" — ווייל די שכינה האט גערוהט צווישען זיי — די עושי המלאכה, דעריבער האט געקענט זיין — „וכן תעשו... ככל אשר אני מראה אותך" — האבען זיי געקענט מאכען פונקטליך ווי מ'האט עס געוויזען משה רבינו.

(תורת משה)

וכן תעשו (כה-ט)

לדורות (רש"י)

ווען יודען וועלען נור האבען אנ' אמת'ע תשוקה צו בויען א בית פאר התגלות השכינה, קענען זיי עס דער-גרייכען און אויב זיי דערגרייכען עס נישט איז א סימן, אז ס'איז נאך נישטא די געהעריגע תשוקה און התנדבות.

דעריבער זאגען די חז"ל: „כל דור שלא נבנה בית המקדש בימיו כאלו נחרב בימיו" — ווייל ווען עס וואלט געוועזען אנ'אמת'ער רצון צום בנין וואלט ווירקליך געוועזען „נבנה בימיו"...

(שפת אמת)

א יוד דארף וויסען, אז דער מענש קען אליין גארנישט אויפטהוען אויב ס'איז נישט פערהאן קיין הילף פון הימעל. אפילו דאס משכן האט נור געקענט געמאכט ווערען ווייל ס'איז געוועזען „ככל אשר אני מראה אותך" — ווייל השי"ת האט צוגעהאלפען סיי ביים אנהויב און סיי ביים פערענדיגען — נעשית מאליה.

ווען מען גלייבט פעסט אין דעם קען מען ממילא פערשטעהן, אז אויך „לדורות" — אין אלע צייטען, קענען יודען מאכען יעדער ביי זיך א משכן פאר דער שכינה. — אהל שכן באדם — אין יעדען מענש... כאטש מען איז גאר נישט בכח און מ'איז בשפל המצב. מען דארף נור וועלען, העלפט השי"ת צו, אז מען זאל עס קענען.

אויב דעמאלט ביים משכן איז עס אויך נור נגמר געווארען, ווייל ס'איז געוועזען „אני מראה אותך", — ממילא קען דאך דאס זעלבע אויך זיין „לדורות"..

(ישמח ישראל מהה'ק מאלכסנדר ז'ל)

ועשו ארון... אמתים וחצי, ארכו ואמה וחצי רחבו ואמה וחצי קמתו (כה—י)

די איילען פון ארון זענען אלע געבראכענע, צוויי און א האלבס, איינס און א האלבס. דאס איז א רמז, אז א תלמיד חכם, מוז זיין צובראכען ביי זיך, ער מוז וויסען, אז ער האלט נאך ביי דער העלפט און איז נאך נישט צוגעקומען צום שלימות...

(הגאון ר' נתן אדלער ז'ל)

* * *

דאס איז אויך מרמז, אז די תורה קען מען קיינמאל נישט אינגאנצען אויסלערנען, זי איז „ארכה מארץ מדה ורחבה מני ים". וויפיעל מען לערנט האלט מען אלץ אין מיטען, האט מען ערשט א העלפט...

(פרדס יוסף)

מקום ארון אינו מן המדה (חז'ל)

דער אמת'ער תלמיד חכם, וואס האט אין זיך תורה, פונקט ווי דער ארון האט אין זיך די לוחות העדות, — אזא תלמיד חכם פערנעמט לגמרי נישט קיין ארט, ער איז ביי זיך ווי גארנישט, און ווייל גארנישט, מען זאל מאכען פאר איהם א ספעציעל ארט...

(הדרש והעיון)

* * *

יעדע זאך אין דער נאטור מוז האבען אנ'ארט און פערנעמען אנ'ארט. דער עקזיסטענץ פון די תלמידי חכמים און לומדי תורה איז אבער נישט נאטירליך, מיט'ן דרך הטבע איז נישט צו פערשטעהען „במה הם מתפרנסן וממה הם נזונים" און אויב זיי עקזיסטירען יא איז עס טאקי „אינו מן המדה"...

(מפי השמועה)

מבית ומחוץ תצפנו (כה—יא)

כל תלמיד חכם שאין תוכו כברו אינו תלמיד חכם (חז"ל יומא ע"ב)

אין מסכת ברכות כ"ח, ווערט דער־צעהלט, אז ווען רבן גמליאל איז געוועזען נשיא, האט ער געלאזט אויסרופען, אז דער תלמיד, וואס „אין תוכו כברו" זאל נישט אריינגעהן אין בית המדרש. נור ערשט ווען רבי אליעזר בן עזריה איז געווארען נשיא, האט מען אוועקגענומען דעם „שומר הפתח" פון די בית המדרש טהיר און מען האט ערלויבט אריינגעהן לערנען יעדען, וואס האט נור געוואלט. זענען טאקי צוגעקומען פיר הונדערט בענק.

איז שווער צו פערשטעהן, ווער איז דאס געוועזען דער שומר־הפתח, וואס האט געקענט זיין א מבין, צו דער תלמיד איז אין זיין פנימיות פונקט ווי ער שטעלט זיך פאר אין חיצוניות, — תוכו כברו? — צו דעם מוז מען דאך זיין א יודע מחשבות?

האט דער אלטער סאדיגורער רבי ז"ל אזוי געזאגט: באמת האט מען אפגעשלאסען איינגאנצען די טהירען פון בית המדרש און קיינעם נישט אריינגעלאזט, נור דער תלמיד, וואס האט באמת מיט'ן גאנצען ערנסט און אינערליכען ווילען געוואלט אריינקומען לערנען, דער האט שוין אנגעווענדעט אלע פעולות, ער האט מויערען גע־בראכען און ווענד אדורכגעהאקט כדי צו קענען אריינקומען (ווי הלל, וואס האט זיך געלייגט אויף דער „ארובה" פון בית המדרש צו הערען תורה). און אויב ער האט טאקי אנגעווענדעט אזעלכע מיטלען כדי צו קענען אריינקומען — איז עס געוועזען דער בעסטער בעוויז אז ס'איז „תוכו כברו"...

---

* * *

מען זאגט אויך נאך א תירוץ פון גערער רבי שליט"א, אז דער כרוז פון רבן גמליאל, זיין ווארט און בעפעהל אליין, איז עס געוועזען דער שומר הפתח. אזוי אז דער וואס האט זיך נישט געפיהלט אינגאנצען עהרליך און ראוי אריינצוגעהן, האט מורא געהאט און איז באלד נישט אריינגעגאנגען, כאטש דער איינגאנג איז געוועזען אפען...

ועשית עליו זר זהב סביב (כה-יא)

זכה נעשת לו זיר, לא זכה — זרה הימנו (חז״ל יומא ע״ב)

אויב דער וואס לערנט תורה, איז א ירא שמים, א בעל מדות טובות און מענשען האבען איהם ליב, ווערט די תורה פאר איהם א קרוין, זי בעשעהנט איהם און מען זאגט, אז די תורה האט עם איהם אזוי אויסגעאיידעלט און אויסגעפיינערט אין מעשים און אין מדות. אויב אבער ער איז נישט קיין ירא שמים, און זיינע מדות זענען נישט קיין גוטע, אז ער ווערט גאר פערפיינדעט ביי מענשען, מוז די תורה פון איהם פערפרעמדעט און פערגעסען ווערען. ווייל דורך זיין קענען לערנען, ווערט דאך דעי כבוד התורה פערשוועכט, דען מען זאגט: „ראו פלוני שלמד תורה כמה מקולקלים מעשיו" און מען טייטשט שלעכט אוים, אז די תורה, וואס ער לערנט האט עם איהם אזוי געמאכט. איז, כדי מציל צו זיין איהר כבוד און חשיבות, מוז זי ווערען פרעמד פון איהם.

(אבני אזל)

בטבעות הארון יהיו הבדים לא יסורו ממנו (כה-טו)

דער ארון איז מרמז — לויט די חז״ל — אויפ׳ן כתר-תורה. אז יעדער וואס וויל קען איהם נעמען דורכ׳ן לערנען די תורה (דעריבער שטעהט: „ועשו" — נישט „ועשית"). די תלמידי חכמים, וואס לערנען תורה מוזען אבער האבען אונטערשטיצער וואס זאלען זיי אונטערהאלטען און דורך זיי זאלען זיי קענען עקזיסטירען, פונקט ווי דער ארון האט געמוזט האבען בדים — שטאנגען מיט וועלכע מען זאל איהם טראגען. זאגט דעריבער די תורה, אז די בדים פון ארון מוזען שטענדיג זיין אריינגעזעצט אין ארון. די וואס זענען מחזיק תלמידי-חכמים, טארען נישט קיין איין מינוט אפלאזען זייער החזקה און פערגעסען אין די לומדי-תורה, ווייל אהן זייער אונטערשטיצונג קענען זיי נישט עקזיסטירען.

(אלשיך)

ועשית שנים כרבים זהב (כה-יח)

אלע כלי שרת פון משכן און מקדש האבען געקענט געמאכט ווערען פון אלערליי מעטאלען, ווען ס׳איז קיין גאלד נישט געוועזען. נור די כרובים האבען געמוזט זיין פון גאלד, פון אנ׳אנדערען מעטאל האט מען זיי נישט געטארט מאכען (מכילתא סוף משפטים). ווייל די כרובים סימבאליזירען די יונגע קינדער, (כרביא — דמות פרצוף תינוק להם) און זענען דעריבער געווזען אויפן ארון מיט די לוחות, כדי אנצודייטען, אז די יונגע קינדער מוז מען ערציהען צו תורה.

ווען עם האנדעלט זיך אלזא ביי דער תורה ערציהונג פון דער יוגענד און שאפען די געהעריגע אינסטיטוציעס דערצו — חדרים און ישיבות, דאן קען מען נישט יוצא זיין מיט קליינינקייטען מיט פרוטות און מעטאלענע מטבעות, נור מען מוז געבען גאלד — „זהב" דווקא...

(הגאון מהריימ שפירא ז"ל מלובלין)

די חז"ל זאגען, אז די כרובים האבען אויסגעזעהן ווי א קליין קינד. זענען דעריבער געווען צוויי כרובים אויפ'ן ארון, כדי צו דערמאהנען דעם מענש, וואס וויל לערנען תורה, אז ער זאל זיך מיט צוויי זאכען גלייכען צו א קינד: ער זאל נעמען אויף זיך דעם עול תורה אזוי ווי א קינד וואס קען נאך גארנישט און עם הייבט ערשט אן, און ער זאל זיין ריין פון זינד ווי א קינד...

(נחל קדומים)

והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה סוככים בכנפיהם (כה—כ)

די כרובים — וואס האבען געהאט א צורה פון קליינע קינדער — אויפ'ן ארון, אין וועלכען ס'איז געווען די תורה, ווייזען אן אויף די תורה וואס עס לערנען די קליינע יודישע קינדער אין חדר,—די תינוקות-של-בית-רבן, און אט די תורה איז מגין אויפ'ן כלל ישראל און בעשיצט איהם פון שלעכטס—סוככים בכנפיהם — ווי די חז"ל זאגען: „אין העולם מתקיים אלא בזכות תינוקות של בית רבן, שנאמר מפי עוללים ויונקים יסדת עוז להשבית אויב ומתנקם. (תהלים ח).

(צרור המור)

* * *

עהנליך זאגען די ספרים הקדושים א רמז אויפ'ן פסוק „ולשון רכה תשבר גרם" (משלי כה—טו). די ראשי תיבות פון „תשבר גרם" זענען: ת'ינוקות ש'ל ב'ית ר'בן ג'זירות ר'עות מ'בטלים... און דאס הייסט: להשבית אויב ומתנקם.

ווילען יודען מבטל מאכען די גזירות רעות, מוזען זיי פערשטארקען דעם לימוד התורה פון די תינוקות של-בית-רבן.

ופניהם איש אל אחיו (כה—כ)

וכתוב אחד אומר „ופניהם לבית" (דה"י ג—כ)? כאן בעושין רצונו של מקום, כאן באין עושין רצונו של מקום (חז"ל בבא בתרא)

אז מען וויל מהוען „רצונו של מקום", דארף מען נישט אין זינען האבען זיך אליין, נור אויך זארגען פאר'ן צווייטען, יענער זאל אויך זיין א יוד, יענעמס

קינד זאל אויך קענען לערנען תורה — ופניהם איש אל אחיו — דאס פנים פון יעדען זאל זיין געווענדעט צום צווייטען... ווען אבער יעדער זארגט נור פאר זיך אליין, זיין פנים איז נור געווענדעט צו זיין אייגען הויז — ופניהם לבית איז עס א בעוויז, אז — אין עושין רצונו של מקום...

(פרדס יוסף)

ואל הארון תתן את העדות (כה—כא)

בתחלה יתן את העדות ואח"כ את הכפרת (רש"י)

אז מען וויל אין זיך אריינגעהמען די תורה, די עדות, דארף מען פריהער זיין אנ'ארון פון זהב טהור — ריין ווי גאלד אהן שום פסולת. אויב דער גוף איז נישט ריין קען מען נישט אין איהם אריינלעגען די תורה. דערנאך ערשט קומט דער כפורת מיט די כרובים, קען מען ווערען הימעלדיג — והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה...

(חשבה לטובה)

ונתת על השלחן לחם פנים לפני תמיד (כה—ל)

זייט די וועלט איז בעשאפען געווארען יש מאין, קען די ברכה נישט חל זיין אויף אנ'אין, נור עס מוז עפעס זיין וואס עס זאל קענען דורך דער געטליכער ברכה מעהר ווערען. דער שלחן האט געדארפען משפיע זיין פרנסה און זעטיגקייט פאר יודען, האט דעריבער געמוזט אויף איהם שטענדיג ליגען לחם — כדי עס זאל זיין אויף וואס די ברכה זאל חל זיין.

(רמב"ן)

לחם שיש לו פנים (רש"י)

אינ'ם דאזיגען לחם האט יעדער יוד געקענט דערזעהען זיין אייגענעם פנים (כמים הפנים לפנים), זיין פנימיות און די מדרגה פון זיין אמונה. לויט דער אמונה מיט וועלכער ער האט אנגעקוקט דאס לחם, אזוי האט ער עס געזעהען. אויב מען איז צוגעגאנגען דערצו מיט אמונה און ווארעם־יודישקייט, האט מען עס געזעהען שטענדיג ווארעם און פריש, אפילו נאך אכט טאג ליגען אויפ'ן שלחן, ווי דער פסוק זאגט: „לחם חם ביום הלקחו" (שמואל א—כא). איז מען אבער דערצו צוגעגאנגען קאלט, אהן אמונה, האט מען טאקי גארנישט געזעהען.

דעריבער זאגען די חז"ל, אז דער מגדף (סוף פרשת אמור) האט געהאט טענות פארוואס דאס לחם הפנים איז אלט און קאלט און ס'איז נישט קיין כבוד צו געבען אזא ברויט (אין דרך המלך לאכול פת צוננת), כאטש ס'איז דאך באמת געווען ווארעם און פריש, ווייל ער

האט עס אנגעקוקט מיט די אויגען פון א מגדף, אהן אמונה, מיט קאלטקייט—האט ער עס טאקי געזעהען אלס „פת צוננת" — כמים הפנים לפנים...

(אדמו"ר שליטיא מגור)

כפתוריה ופרחיה ממנה יהיו (כה-לא)

פערהאן משכילים, וואס כדי מסביר צו זיין א ענין פון דער תורה, נעהמען זיי הקדמות און בעלויכטונגען פון פרעמדער נישט-יודישער ליטעראטור ארער פון יודישע כופרים. זאגט דעריבער די תורה, אז אפילו די בעפוצונגען און בעלויכטונגען צו דער תורה — וועלכע ווערט סימבאליזירט דורך דער מנורה — די „ציצים ופרחים לתורה" זאלען אויך גענומען ווערען פון דער תורה אליין, נישט פון דער פרעמד — ממנה יהיו...

(תורת משה)

ואת המשכן תעשה (כו-א)

אמר הקב"ה למשה עשה לי משכן שאני מתאוה לשכון אצל בני כששמעו מלאכי השרת כן, אמרו רבש"ע למה אתה יורד לתחתונים, שבחך הוא שתהא בשמים. אמר להם הקב"ה חייכם שאני עושה כשם שאמרתם, אלא תהלתי מלאה הארץ.

(ילקוט)

פערהאן אזעלכע וואס זאגען, אז השי"ת איז אזוי הויך און הייליג, אז ס'איז גארנישט פאר זיין כבוד צו האבען זיין השגחה אויף אט דער נידריגער וועלט. וואס איז ווי א זאמדעל צווישען אלע הויכע וועלטען און הימלישע פלאנעטען. באמת אבער פערקלענערען זיי דערמיט ג—ט'ס כבוד. ווייל אפילו די הויכע און גרויסע הימלישע וועלטען זענען דאך אויך גארנישט א קייגען זיין גרויסקייט און הויכקייט, און אויב ער ערנידערט זיך דאך אנצופיהרען מיט יענע וועלטען — ווייל זיין רצון איז אזוי מען זאל אומעטום וויסען, אז ס'איז פערהאן א ג—ט אויף דער וועלט — איז ממילא די זעלבע השפלה אויך בנוגע דער וועלט.

ווען די מלאכים פרעגען, פארוואס השי"ת געהט אראפ צו די נידריגע מענשען פון דער נידריגער וועלט און אז עס פאסט איהם נור צו זיין אין שמים ענטפערט ער זיי: „חייכם, שאני עושה כשם שאמרתם" — אפילו מיט מיין זיין אין שמים טהו איך דאך אויך מיך ערנידערען פונקט ווי איהר זאגט עס א קייגען די תחתונים, ווארום אפילו די העכסטע הימלען, וואס הייסען ביי אייך הויך, זענען דאך אויך א ירידה לגבי מיין הויכקייט. פונדעסטוועגען בעשטעה איך אויף דער דאזיגער ירידה און צמצום

ווייל איך וויל, אז ס'זאל זיין „תהלתי מלאה הארץ" — אז אלע וועלטען, סיי די וואס זענען ביי אייך הויך און סיי די וואס זענען ביי אייך נידריג, זאלען מיך דערקענען און מיך לויבען, ווארום צו דעם צוועק זענען זיי בעשאפען געווארען.

(אהל יעקב)

*

אזוי טייטשט אויך דער של"ה הקדוש דעם פסוק: „מי כד' אלהינו המגביהי לשבת המשפילי לראות בשמים ובארץ" (תהלים קיג—ו) — השי"ת איז אזוי הויך, אזוי — מגביהי לשבת — אז אפילו — לראות בשמים — איז אויך א השפלה פאר איהם און אויב ער איז זיך משפיל צו זיין א רואה בשמים, קען מען שוין פערשטעהן, אז ער איז זיך אויך משפיל — לראות בארץ — אז אפילו אויף דער וועלט, וואס איז נידריגער פון שמים, איז ער אויך משגיח, ווארום לגבי זיין הויכקייט איז סיי דער שמים און סיי דער ארץ איין גלייכע השפלה...

עצי שטים עומדים (כו—טו)

לא היה העולם ראוי להשתמש בארזים ולא נבראו אלא בשביל המשכן ובשביל בית המקדש (מדרש)

דאס האלץ פונ'ם בוים „ארז" איז זעהר הארט און סימבאליזירט פעסט־קייט און שטארקייט (לעולם יהא אדם רך כקנה ולא קשה כארז). די מדה פון הארטקייט האט טאקי אויף דער וועלט נישט געדארפען זיין, נור כדי דערמיט זיך צו בענוצען צום משכן און מקדש, צו דברים־שבקדושה און יודישקייט'ס־ענינים, דא איז הארטקייט און פעסטקייט דווקא יא א גוטע מדה, נישט נתפעל צו ווערען פון אבשפע־טער, און נישט צו לאזען זיך אוועק רייסען פונ'ם יודישען דרך, דורך פער־שידענע מסיתים ומדיחים.

(אבני אזל)

עשרים קרש לפאת נגבה תימנה (כו—יח)

„קרש" זענען די זעלבע אותיות ווי „שקר".

דו זאלסט מהפך זיין דעם שקר וועסטו ממילא זוכה זיין צו די העכסטע קדושה, צו ווערען א טייל פון משכן... פון „שקר" זאלסטו מאכען „קרש"...

(נועם אלימלך)

הפטרה תרומה

ויהי שלום בין חירם ובין שלמה ויכרתו ברית שניהם (ה—כו)

ווי אזוי האט שלמה המלך כורת ברית געווען מיט א גוי?

האט דער רבי ר׳ בונם ז״ל פון פשיסחא געזאגט: דעריבער שטעהט טאקי „ויכרתו ברית שניהם" נישט „ויכרתו שניהם ברית". ווייל, כאטש „ויכרתו ברית" — דאך זענען זיי געבליבען — שניהם — צוויי בעזונדערע וועלטען. דער כריתת־ברית איז געווען א פאליטישער, נישט קיין אינערליך־גייסטיער...

ויהי המס שלשים אלף איש (ה—כח)

יודען בעשטעהען פון ששים רבוא—זעקס מאהל הונדערט טויזענד. השי״ת האט צוגעזאגט דוד׳ן — לויט׳ן מדרש — אז העלפט פון יודען וועלען שטענדיג זיין עוסקים בתורה. און דאס איז בעוואוסט, אז תלמידי חכמים זענען פטור פון מס. האט דאך שלמה נור געדארפט נעמען מס פון א העלפט —דריי מאל הונדערט טויזענד, און ער האט גענומען איינעם פון צעהן, ווייל „העשירי יהי׳ קדש" איז ממילא אויסגעקומען דרייסיג טויזענד.

(הגאון מוה״ר יהונתן אייבעשיץ ז״ל)

הבית הזה אשר אתה בונה אם תלך בחקותי ואם משפטי תעשה ושמרת את כל מצותי (ו—יב)

חשי״ת זאגט צו שלמה:

זאלסט נישט מיינען, אז דער בנין הבית איז דורכ׳ן פול גאלד און זילבער, וואס דו האסט אין דעם אריינגעלייגט. דאס איז אלץ בלויז דוממים און נישט קיין בית המקדש. נור — אם תלך בחקותי ואם משפטי תעשה — אויב דו וועסט געהן אין מיינע געזעצען און טהוען מיינע משפטים, מיט דעם טהוסטו בויען דאס בית, דאס וועט ברענגען די השראת השכינה און מאכען עס פאר א בית המקדש.

דער פשט איז אזוי:

הבית הזה אשר אתה בונה — דאס הויז וואס דו טהוסט בויען, קען נור געבויט ווערען — אם תלך בחקותי — אט דאס זענען די אייגענטליכע מאטעריאלען צום בנין.

מיט די דאזיגע מאטעריאלען קען מען ממילא האבען א מקדש אפילו שפעטער נאכ׳ן חורבן, ווען די גשמיות׳דיגע מאטעריאלען וועלען שוין נישט זיין. אפילו דאן וועט אויך זיין — ושכנתי בתוך בני ישראל ולא אעזב את עמי ישראל.

(כוכב מיעקב)

פרשת תצוה

ואתה תצוה את בני ישראל (כז—כ)

„תצוה" איז פון לשון חיבור (צוותא חדא). — דו זאלסט דיך מחבר זיין מיט די בני ישראל — אזוי ווי: מלאכיו יצוה לך... אין יעדען יוד, אין אלע דורות, איז דא א ניצוץ פון משה רבינו.

(אור החיים)

*

דעריבער איז געוועזען ביי משה רבינו „ולא ידע איש את קבורתו" — ווייל ער איז בעגראבען אינם הארץ פון יעדען יוד...

(שיחות צדיקים)

*

ווייל משה רבינו האט זיך מוסר נפש געוועזען פאר'ן כלל ישראל, האט מען איהם בעצאהלט, אז זיין כח זאל שטענדיג בלייבען אינ'ם כלל ישראל...

(שפת אמת)

לפי שאמר מחני נא לכך לא נזכר שמו בפרשה זו. (בעל הטורים)

ס'איז פונדאנען צו לערנען, אז א מענש טאר זיך אליין נישט שעלטען, ווען אפילו משה רבינו, וואס האט געזאגט „מחני נא"—ווייל ער האט זיך מוסר נפש געוועזען פאר'ן כלל ישראל האט עס דאך געמאכט א רושם, אז זיין הייליגער נאמען איז נישט דערמאהנט אין דער פרשה — ווי איז נאך ווען א מענש טהוט עס גלאט צוליב כעס, אהן שום צוועק.

דאס איז די כוונה: ואתה תצוה את בני ישראל — דו זאלסט עס אנזאגען די יודען, וואס ס'האט דיר פאסירט צוליב דעם, וואס דו האסט געזאגט „מחני נא" און זיי ווארענען, אז זיי זאלען נישט ארויסזאגען קיין קללה אויף זיך.

(שפתי כהן)

ויקחו אליך שמן זית זך (כז—כ)

די ארבייט פון משה רבינו איז געוועזען שטענדיג, אז ס'זאל מפורסם ווערען פאר דער גאנצער וועלט די ספעציעלע הייליגקייט און אויסנאהמ־

קיים פונ'ם יודישען פאלק און אז אלע זאל זעהען אז „שכינה שורה בישראל". דעריבער האט ער געזאגט: „ובמה יודע אפוא כי מצאתי חן בעינך אני ועמך הלא בלכתך עמנו ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על פני האדמה" (שמות לג. טז).

אויף דעם, „אז השכינה שורה בישראל" האט ספעציעל געוויזען די מנורה, דערמיט וואס דער נר מערבי האט געברענט א גאנצען מעת לעת כאטש ער האט נישט געהאט מעהר שמן ווי די אנדערע נרות. ווי עס זאגען די חז"ל: עדות היא לכל באי עולם שהשכינה שורה בישראל (שבת כב)

דעריבער זאגט השי"ת צו משה'ן: „ויקחו אליך" דאס נעמען שמן צו דער מנורה, איז ספעציעל דיר נוגע, דאס וועט דיר נוצען ברענגען, ווייל דורך דער מנורה וועט דאך ערפילט ווערען דיין שטרעבונג, אז די גאנצע וועלט זאל זעהען שהשכינה שורה בישראל.

(אבני אזל)

יודען זענען געגליכען צו א זית, וואס מען שטויסט איהם און מען קוועטשט איהם, דאן גיט ער ערשט ארויס דעם שמן. אזוי יודען געבען ארויס זייערע מעלות נאכדעם ווי מען טהוט זיי אן יסורים.

יודען זענען אויך געגליכען צו שמן וואס מישט זיך נישט אויס מיט קיין אנדערע משקה, נור קומט שטענדיג ארויף פון אויבען. אזוי שטעהען יודען שטענדיג העכער פון אנדערע אומות און מישען זיך נישט אויס מיט זיי, (מדרשים).

מערקווירדיג, אז כאטש זיי ווערען געשטויסען און געפייניגט מיט די גרעסטע יסורים — דאך שטעהען זיי פיעל העכער פון זייערע פייניגער און מישען זיך דווקא נישט אויס מיט זיי...

(צרור המור)

* * *

מ'האט יודען געגעבען א כח, אז זיי זאלען זיך נישט קענען אויסמישען מיט די אומות — אפילו ווען זיי וואלטען עס געוואלט, פונקט ווי דער שמן זית קען זיך מצד זיין אייגענשאפט נישט אויסמישען מיט אנדערע משקאות. דעריבער שטעהט אין דער תורה „לא תתחתן בם" (בנין התפעל) און נישט לא תחתן — ווייל יודען זענען בעשאפען געווארען מיט אזא כח, אז זיי זאלען זיך נישט קענען מתחתן זיין, דער חיתון זאל נישט אננעמען...

(שפת אמת)

כתית למאור (כז—כ)

ולא כתית למנחות (רש"י)

א מענש דארף זיין ביי זיך צו־שטויסען, צובראכען און האבען א לב נשבר. אבער ער דארף שטארק אכטונג געבען, אז דאס צובראכענקייט זאל איהם נישט ברענגען צו עצבות און אבגעלאזענקייט, גארנישט צו טהוען, האלטענדיג, אז זיין טהוען האט סיי ווי קיין ווערט נישט — אזא צובראכענקייט טויג נישט. אדרבה שברון־הלב דארף געבען מעהר חשקות צו ארבייטען אין יודישקייט. אויב מ'האט נאך גארנישט געטהוען דארף מען דאך ערשט אנ־הויבען צו טהוען.

כתית למאור — דאס צושטויסענ־קייט און צובראכענקייט דארף ברענגען אז מען זאל אויפלייכטען — ולא כתית למנחות — אבער דאס צושטויסענקייט דארף נישט ברענגען דערצו, אז מען זאל בלייבען ליגען אין עצבות און אין אונטעטיגקייט...

(חשבה לטובה)

* * *

אויף דעם אופן האט געטייטשט דער יוד הקדוש ז"ל פון פשיסחא דעם פסוק: „הרופא לשבורי לב ומחבש לעצבותם" (תהלים קמז—ג) — דער אייבערשטער היילט די צובראכענע הערצער און פערבאנדאזשירט דאס שברות־הלב, אז עס זאל זיך דערפון נישט ענטוויקלען קיין עצבות...

* * *

הה"ק ר' אהרן קארלינער זצ"ל האט געזאגט: „מרירות" איז גוט „עצבות" איז אבער דאס ערגסטע. פון מרירות ביז עצבות איז איין האר. מרירות הייסט: כ'האב נאך גארנישט, עצבות הייסט אבער — כ'קען שוין גאר נישט מאכען, כ'בין א פערפאלענער. מען דארף זיך דעריבער היטען, אז פון מרירות זאל נישט ווערען קיין עצבות...

כתית — אז מען זאגט איינעם מוסר און מען וויל איהם צושטויסען און צוברעכען דאס הארץ, דארף מען װעלען — למאור — איהם צו פערלייכטען דעם וועג און וויזען איהם דעם דרך הישר — ולא למנחות — אבער מען דארף נישט וועלען יענעם אנידערלייגען און ערנידריגען...

(הה"ק ר' יחיאל ז"ל מאלכסנדר)

א מנחה קומט דאך מכפר צו זיין און דער וואס דארף האבען א כפרה קען דאך נישט זיין אינגאנצען ריין אהן פסולת — דעריבער קען אויך דער שמן פון דער מנחה זיין מיט א ביסעל פסולת. דאס ליכט פון דער מנורה איז דאך אבער מרמז אויפ'ן אור התורה, וואס איז דער העכערער געטליכער שכל — דאס מוז זיין פולשטענדיג ריין — אהן יעדער פסולת...

(הגה'ק בעל אבני נזר מסוכטשוב ז'ל)

די חז"ל לערנען פון דאנען ארויס, אז צו די מנחות האט מען נישט געדארפען אזא לויטערען און ריינעם שמן ווי צו דער מנורה.

וויטער אבער אין דער זעלבער סדרה, שטעהט ביי דער מנחה פון תמיד: „ועשרון סלת בלול בשמן כתית" (כט—מ), יענער כתית לערנט, אז אויב מען האט דאך גענומען שמן־כתית צו מנחות איז אויך כשר (מנחות פו).

צו וואס אייגענטליך דארף מען דערויף א פסוק, פאר וואס זאל דען זיין א קלער, אז ווייל דער שמן איז גאר קלאהר — כתית — זאל ער זיין פסול צו מנחות, צו איז דען דאס א חסרון?

נור דער דין איז אז „רבה שמנה פסול" — אויב מען נעמט צו דער מנחה מעהר שמן פון דער מאס, וואס די תורה האט געגעבען — איז די מנחה פסול. ווען אלזא דער שמן איז צופיל געלייטערט און גערייניגט, איז דאך פערהאן ווייניגער הייוועז און מעהר ריינער בוימאייל, וואלט דאך געקענט זיין א סברא, אז אויב צו מנחות דארף מען נישט קיין שמן כתית, איז ווען מען נעמט יא כתית, איז עס בגדר „רבה שמנה" — ווארום ס'איז דאך פערהאן מעהר שמן און ווייניגער הייוועז — דעריבער האט די תורה געמוזט שטעלען א פסוק, אז כתית ביי מנחות איז אויך כשר.

(לקוטי שפת אמת)

כתית למאור להעלות נר תמיד (כז—כ)

דאס ערשטע בית המקדש איז געשטאנען פיער הונדערט און צעהן יאהר — ת"י — און דאס צווייטע — פיער הונדערט און צוואנציג יאהר — ת"כ. צוזאמען איז עס „כתית". די צוויי בתי־מקדש האבען נור געלויכטען די צאהל פון „כתית". דאס ליכט פון דריטען בית־המקדש וועט אבער שוין זיין א שטענדיגעס און אנ'אייביגעס — להעלות נר תמיד...

(תולדות יצחק)

להעלות נר תמיד — מ'דארף אזוי אנצינדען ביי זיך דאס ליכט פון דער תורה (נר מצוה ותורה אור), אז ס'זאל בלייבען א רושם אויף שטענדיג, ס'זאל זיין א נר תמיד און ס'זאל לייכטען אפילו אין די פינסטערע נעכט פון גייסטיגע ירידה און גלות'דיגער שפלות...

(ספרים)

מדליק עד שתהא שלהבת עולה מאליה (רש"י)

אין יעדען יודישען הארץ איז פערהאן א נקודה פונ'ם געטליכען אור, וואס קען קיינמאל נישט פערלאשען ווערען. מען דארף נאר די נקודה אנצינדען, דערוואַרימען, דאן פלאמט זי שוין אליין אויף און צופלאמט זיך אין א ליכטיג פייער.

מען דארף נור זיין א „מדליק" — איז שוין דערנאך — שלהבת עולה מאליה...

(שיחות צדיקים)

ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך (כח—א)

הדא הוא דכתיב „לולא תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי" כשאמר הקב"ה למשה ואתה הקרב אליך, הרע לו. אמר לו תורה שלי היתה ונתתיה לך. (מדרש)

דאס וואס אלס כהן גדול איז בעשטימט געווארען אהרן און נישט משה, איז, ווייל מקרב צו זיין אויך די זינדיגע האט געדארפען זיין א מנהיג וואס איז נעהנטער צום פאלק און שטעהט נישט צופיל העכער פון זיי. משה רבינו לויט זיין הויכער מדרגה איז דעריבער נישט געווען געפאסט דערצו. פונקט ווי מען קען נישט נעמען א מלמד, וואס לערנט גמרא מיט מפרשים פאר א דרדקי קינד, וואס מען דארף מיט איהם אנ׳ הויבען אותיות און נקודות...

ווען משה'ן האט געאהרט פארוואס ער ווערט נישט קיין כהן, האט איהם השי"ת געגעבען צו פערשטעהן, אז דאס איז צוליב זיין הויכער מדרגה. פונקט ווי די תורה, וואס איך האב געהאט — זאגט השי"ת — האב איך איהר נישט אליין געלערנט מיט יודען, נאר איך האב דיך בעשטימט, אז דו זאלסט איהר איבערגעמען און לערנען מיט'ן פאלק — היה אתה לעם מול האלהים — ווייל עס וואלט פאר זיי נישט מעגליך געווען צו לערנען פון מיר דירעקט—אזוי מכפר צו זיין אויף די זינדיגע און זיי מקרב צו זיין, ביזט דו ווידער צו הויך, און נור אהרן, וואס איז ניבער אויסגעמישט מיט'ן פאלק איז דערצו צוגעפאסט.

(אהל יעקב להמגיד מדובנה ז"ל)

ועשית בגדי קדש (כח—ב)

נעבען די מצוה פון שמן־המנורה, שטעהט די מצוה פון בגד׳־כהונה. ווייל אויב שמן איז מרמז אויף׳ן דעת פון מוח, אז ער זאל זיין ריין און קלאהר — שמן זית זך — זענען די בגדי־כהונה מרמז אויפ׳ן גוף, וואס איז דאס מלבוש פון דער נשמה, אז אט דער גוף זאל זיין צוגעגרייט ווי געהעריג — לכבוד ולתפארת.

דעריבער זאגט אויך דער פסוק: „בכל עת יהיו בגדיך לבנים ושמן על ראשך לא יחסר" (קהלת ט—ח). דער תקון פון די מחשבות שבראש מיט די ריינקייט און ווייסקייט פונם גוף, מוזען געהן בייזאמען.

(שפת אמת)

ועשית בגדי קדש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת ואתה תדבר אל כל חכמי לב... ועשו את בגדי אהרן לקדשו לכהנו לי (כח—ב ג)

פאר דעם פשוט׳ן פאלק, וואס איז געוועהנט מכבד צו זיין נור דעם, וואס איז שעהן געקליידעט, האט מען געמוזט זאגען דעם טעם פון די בגדי כהונה, כדי ס׳זאל זיין — לכבוד ולתפארת — צו בעשעהנען דערמיט די כהנים. צו די „חכמי לב" אבער, וואס קענען פערשטעהן די טיפע כונות און סודות פון די בגדי־כהונה, זאלסטו אויפקלערען, אז זיי זאלען מאכען די בגדים — לקדשו לכהנו לי — נישט בלויז צוליב כבוד ותפארת, נור כדי די כהנים מקדש צו זיין.

(הגאון ר׳ שמעון סופר ז״ל מקראקא)

פריהער „ועשית" און דערנאך „ועשו"?

באמת דארפסטו אליין מאכען די בגדי קודש, ווייל נור דו וועסט קענען משפיע זיין קדושה אויף די כהנים. ווען אבער ס׳וועלען קומען די חכמי־לב, וואס האבען א רוח־חכמה און וועלען האבען א רצון זיך ביי דיר צו לערנען, אז זיי זאלען אויך קענען משפיע זיין קדושה, זאלסטו זיי צוהעלפען דערצו — ואתה תדבר... הבא לטהר מסייעין אותו.

(נעם מגדים)

עס דארף דאך זיין „אשר מלאתים" נישט מלאתיו—א לשון יחיד?

נאר עס געהט ארויף אויף אהרן הכהן. די חכמי לב, וואס וועלען זיך אונטערנעמען צו מאכען די בגדים פאר אהרן הכהן, דארפען פריהער וויסען זיין הויכע מדרגה און זיין קדושה, כדי זיי

זאלען וויסען פאר וועמען זיי מאכען עס די בגדים...

ואתה תדבר אל כל חכמי לב — דו זאלסט פריהער קלאהר מאכען די חכמי לב, וואס מאכען די בגדי קדש, — אשר מלאתיו רוח חכמה — אז איך האב אהרנ'ען פול געמאכט מיט חכמה און ממילא דארפען זיי מאכען די בגדים פאר איהם מיט דער געהעריגער כוונה — לקדשו...

(הה'ק ר' אליעזר הלוי איש הורביץ ז'ל)

ואלה הבגדים אשר יעשו, חשן ואפוד (כח—ד)

ולבי אומר לי שהוא חגור לו מאחוריו... כמין סינר. שגוגרות השרות כשרוכבות על הסוסים (רש'י)

וואס בעדייט דער „ולבי אומר לי"? און וואס עפעס גראד דער פערגלייך „שחוגרות השרות כשרוכבות על הסוסים"? (דאס זעלבע אויך אין רש"י ווייטער, פסוק ו, „כמין סינר של נשים רוכבות סוסים").

נור — דערצעהלט די וועלט — איינמאל ארויסגעהענדיג פונ'ם בית המדרש, האט רש"י הקדוש פלוצים אנגעטראפען ווי עס איז איהם אקעגענגעקומען א שררה'טע, רייטענדיג אויף א פערד. איז רש"י'ן געוועזן די זאך קשה, ווי קומט עס, דאס זיינע הייליגע, אבגעהיטענע אויגען זאלען זיך בעגעגענען מיט אזא מילתא דפרוצותא? (זעה גמרא פסחים דף ב') — שפעטער ווען רש"י הק' האט זיך מייגע געווען ביים זיך אויסמאהלען דאס בילד פונ'ם אפוד ווי ער שרייבט אליין „לא שמעתי ולא מצאתי בברייתא פי' תבניתו", האט איהם ערשט „דאס הארץ געזאגט", אז נישט בחנם האט מען איהם דעמאלט מן השמים מזמין געווען יענץ בילד פון דער שררה'טע, וואס רייט אויפ'ן פערד, נור כדי ער זאל דערזעהן דעם שערץ, וואס זי געהט דעמאלט אנגעטהוען און ער זאל זיך אנשטויסען דאס אויסזעהן פונ'ם אפוד...

וחשב אפדתו אשר עליו כמעשהו ממנו יהיה (כח—ח)

ביי א מצוה איז „מחשבה טובה מצטרפת למעשה". אז אפילו „נאנס ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה".

דאס איז דער רמז: וחשב אפודתו — די מחשבה פון א מצוה, וואס בעציהרט דעם מענש (אפוד איז דער טייטש א ציהרונג) איז — כמעשהו — ווערט בעטראכט אזוי ווי ער וואלט געטהוען די מצוה. דאס איז אבער נור ווען „ממנו יהיה" — ווען ער האט געוואלט טהוען די מצוה נור דורך אנ'אונס האט ער זי נישט גומר געווען.

(נהל קדומים בשם רבינו אפרים ז'ל)

ששה משמתם על האבן האחת (כט—י)

לויט'ן ירושלמי (מס' סוטה פרק אלו נאמרין) איז דער נאמען פון בנימין געווען צוטיילט אויף די שטיינער פון אפוד. אויף איינעם „בן" און אויפ'ן צווייטען „ימין". דערפון דערנעמט זיך, וואס דער תרגום יונתן זאגט: „שיתא מן קצת שמהתהון" — זעקס נעמען אבער נישט קיין גאנצע.

דעריבער שטעהט ביי בנימינ'ען „ובין כתפיו שכן" (דברים לג—יב) ווייל זיין נאמען איז געווען צוטיילט אויף ביידע „כתפות האפוד" ד. ה. „ובין כתפיו"...

(משך חכמה)

חשן משפט (כה—טו)

די אותיות „חשן" זענען דער היפוך פון די אותיות „נחש" (פון לשון: „נחש ינחש בו").

„נחש" הייסט בענוצען זיך מיט פרעמדע כחות צו צוטרעפען א זאך, וואס מען ווייסט נישט. דאגעגען „חשן" הייסט: מברר זיין ענינים וואס מען ווייסט נישט, מיט'ן כח הקדושה, דורכ'ן אורים ותומים.

(הכתב והקבלה)

תרשיש שהם וישפה (כח—כ)

די חז"ל זאגען, אז „ישפה" איז געווען דער שטיין פון בנימין („ישפה" מיט'ן כולל בעטרעפט: „בנימין בן יעקב" (בעל הטורים).

ביים דאזיגען שטיין איז געשעהען א זאך, וואס לערנט זעהר פול וועגען די מצוה פון כבוד-אב, ווי די גמרא (ירושלמי פאה) דערצעהלט, איז אמאל פערלוירען געווארען דער שטיין ישפה פון חשן, און א גוי, דמא בן נתינה האט אזעלכען געהאט. ער האט אבער נישט געוואלט אויפוועקען זיין פאטער פון שלאף כדי צו נעמען ביי איהם דעם שליסעל צום קעסטעל אין וועלכען דער שטיין האט זיך געפונען און דאדורך שאדען געהאט א ריזיגע סומע געלד ריוח. דער דאזיגער דמא בן נתינה ווערט געברענגט אלס מוסטער ווי אזוי מען דארף מקיים זיין די מצוה פון כבוד אב.

ווייל בנימין איז דאך נישט געווע-זען ביי מכירת יוסף און האט נישט מצער געווען זיין פאטער יעקב אזוי ווי זיינע ברודער ממילא האט ער דאך אבגעהיטען די מצוה פון כיבוד-אב בשלמות, איז אויך ביי זיין שטיין געשעהען א פאקט פון כבוד-אב אויף אזא מוסטערהאפטען אופן.

(מפי השמועה)

את האורים ואת התומים (כח—ל)

אויף די שטיינער פונ'ם חשן זענען געוועזן אויסגעקריצט די נעמען פון די שבטים. ווען דער כהן האט עפעס אנגעפרעגט כדי צו וויסען וואס צו טהוען, האבען אויפגעלויכטען איינצעלנע אותיות פון צווישען אט די אויסגעקריצטע נעמען. און די דאזיגע אותיות האבען נאך א ריכטיגען צוזאמענשטעל ענטהאלטען אין זיך דעם ענטפער וואס מען גיט פון הימעל אויף דער שאלה. כדי אבער צוזאמענצושטעלען ריכטיג די לייכטענדיגע אותיות און זיי מצרף זיין אזוי, אז זיי זאלען געבען דעם אמת'ן ענטפער, האט דער כהן געמוזט האבען רוח הקודש און מכוין זיין דעם שם „תומים" — דאן האט ער ערשט ארויסבעקומען דעם ענטפער גאנצערהייט, געארדענט און פערשטענדליך.

און דאס זאגען די חז"ל:

אורים — שמאירים את דבריהם.

תומים — שמשלימים את דבריהם. (יומא עג).

אהן דעם „תומים", האט מען פון די אויפגעלויכטענע אותיות גאר נישט געקענט וויסען, אדער מען האט געקענט מצרף זיין א גאנץ אנדערען ענטפער ווי מען האט באמת פון הימעל געגעבען.

(רמב"ן)

* * *

לויט דעם דערמאהנטען רמב"ן, האט דער ווילנער גאון ז"ל אויסגעטייטשט אויף א וואונדערבארען אופן, דעם וכוח צווישען עלי הכהן און חנה'ן (שמואל א' — א — יג, יד, טו). ווען עלי האט געזעהן ווי חנה מאכט שטיל מיט די ליפען, שטעהט: „ויחשבה עלי לשכרה". דערויף האט איהם חנה געענטפערט: „לא אדוני אשה קשת רוח אנכי". די חז"ל זאגען, אז מיט'ן „לא אדוני" האט זי געמיינט צו זאגען, אז ס'רוהט נישט אויף דיר דער רוח הקודש. און אויף „אשה קשת רוח אנכי" — זאגט רש"י דארט: „כשרה".

ווייל ווען עלי האט געזעהן אזא זאנדערבארע ערשיינונג עס שטעהט א פרוי און מאכט מיט די ליפען, האט ער אנגעפרעגט דעם אורים־ותומים, האבען אויפגעלויכטען די אותיות: ש' כ' ר' ה'. — האט עלי דערפון צוזאמענגעשטעלט דאס ווארט „שכרה" און איהר בעטראכט אלס שכור'ע. האט איהם דערויף חנה געענטפערט: לא אדוני — דער רוח הקדש רוהט נישט אויף דיר ביי דעם עניו, ווארום דו האסט שלעכט צוזאמענגעשטעלט די אותיות, עס מאכט גאר „כשרה" — אז איך בין אנ'„אשה קשת רוח" — צוליב דעם, וואס איך בין אנ'עקרה פונקט ווי די מוטער „שרה" וואס האט זיך מצער געוועזן ווען זי האט קיין קינדער נישט געהאט.

ונשא אהרן את משפט בני ישראל על לבו לפני ד' (כח—ל)

אהרן הכהן איז געווען דאס האַרץ פון יודען, אזוי ווי דאס האַרץ פיהלט ס'ערשטע אלע ווייטאגען פון קערפּער, אזוי האָט אהרן געפיהלט דעם צער פון יעדען יוד ער האט מתפלל געווען פאַר איהם.

דאס הייסט: ונשא אהרן את משפט בני ישראל — אלערליי יסורים און צער (עונשים ווערען אנגערופען „משפטים"). וואס זענען נור געווען ביי יודען, האט אהרן דערפיהלט און זיי געטראַגען — על לבו — אויף זיין אייגען האַרץ און געבעטען פאַר זיי — לפני ד' — אז ער זאל די דינים מבטל זיין...

(באר מים חיים)

והיה על מצחו תמיד לרצון להם לפני ד' (כח—לח)

ווי אזוי איז דורכ'ן „על מצחו תמיד" געווארען לרצון לפני ד'?

נור דער זהר הקדש זאגט אז, די רשעים און עזות-פנימ'ער, וואס זענען געווען ביי יודען, ווען זיי האבען געקוקט אינ'ם ציץ, זענען זייערע הער-צער צובראכען געווארען אזוי אז זיי האַבען מפשפש במעשים געווען און תשובה געטהוען.

קומט דאך אויס, אז דורך דעם וואס דער ציץ איז געווען „על מצחו תמיד" — אזוי, אז יעדער זאל זיך קענען אין איהם איינקוקען, האט עס געברענגט דערצו, אז — לרצון להם לפני ד' — אז אפילו די שלעכטע יודען האבען תשובה געטהוען און זענען צוריק נתרצה געווארען פאַר ג—ט.

(כתנות אור)

* * *

דאס קען זיין איז די כוונה פון די חז"ל, אז דער ציץ האט מכפר געווען אויף עזות מצח. ד. ה. אז דורכ'ן ציץ זענען זיי געווארען אויס עזות-מצח... זייער עזות איז געווארען געבראכען און אבגעווישט פון דער וועלט.

(אבני אזל)

די תוה"ק לערנט דעם מנהיג ישראל, אז אינדערצייט ווען עס זענען זיך מתרבה די עזי פנים שבדור און די חוצפה פון די אלע „כלבי דחציפין" שטייגט אהן א מאס, זאל ער, דער אמת'ער יודישער מנהיג, טראָגען הויך און שטאלץ זיין גאלדענע געטליכע קרוין, וואו ס'שטעהט אויפגעשריבען „מכתב פיתוחי חותם — קודש לד'"! און דאס וועט מכפר ומרצה זיין, אלס געגענגעוויכט צו די אלערליי עזי פנים...

(קאלישער רב ר' י' ליפשיץ ז"ל)

ושבצת הכתנת שש (כח—לט)

אין מוסף'דיגען פיוט פון יום כפור געפינט זיך א פלא, אז דאס כתנת פון כהן גדול איז געווען פון כלאים, בעת אין דער תורה איז קלאהר געזאגט, אז דאס כתנת איז געווען פון שש — לייווענד?

נור מען קען עס פערשטעהן אזוי ארום:

דער דין איז, אז אויב מען קען נישט אויסטהוען דאס אונטערשטע בגד אויב מען טהוט נישט פריהער אוים דאס אויבערשטע, טאר נישט זיין איין בגד פון צמר און איינם פון פשתן, ווייל די ביידע בגדים הייסען ווי איין מלבוש פון צמר ופשתים, וואס איז כלאים (שלחן־ערוך יורה־דעה סימן ש' סעיף ד' ברמ"א).

ווען זשע דעם כהן גדול איז גע־ווען אנגעטהוען אופ'ן כתנת דעם מעיל — וואס איז געווען פון צמר (כליל תכלת — ותכלת עמרא היא) און ער האט נישט געקענט אויסטהוען דאס כתנת איידער ער האט אויסגע־טהוען דעם מעיל — איז דאך דא ממילא דערויף דער איסור כלאים.

(תורת משה בשם החכם ר' וואלף היידנהיים ז"ל)

ופר חטאת תעשה ליום על הכפרים (כט—לו)

שמא התנדב איש דבר גזל (רש"י)

מ'האט דאך גענומען נור „מאת כל איש אשר ידבנו לבו", אהן צוואנג — וואס זשע האט דא געהאט א שייכות גזל?

נור טאמער האט איינער נישט מנדב געווען מיט'ן גאנצען הארץ, ער האט זיך געשעהמט פאר אנדערע, אדער ער האט נישט געקענט אפזאגען ווען מ'האט איהם גערעדט — איז דאס אין בעצוג צום משכן און מזבח געווען אזוי ווי גזל.

דורך דעם פר חטאת, וואס מען האט געברענגט זיבען טאג כסדר, זענען די יודישע הערצער פון טאג צו טאג בעסער געווארען, אז אפילו די דאזיגע האבען עס יעצט אוועקגעגעבען מיט'ן גאנצען הארץ, ווי דער פסוק זאגט: והם הביאו אליו נדבה בבקר בבקר — יעדען פריהמארגען זענען צוגעקומען נייע נדבות פון אזעלכע, וואס זייער ביז יעצטיגע נדבה איז נישט געווען קיין עהרליכע...

(אדמו"ר שליט"א מגור)

כל הנגע במזבח יקדש (כט—לז)

די חז"ל לערנען פון דאנען ארויס, אז א קרבן פסול אויב ס'איז ארויפגע־קומען אויפ'ן מזבח, האט מען עס שוין געמעגט מקריב זיין, ווייל דער מזבח האט עס מקדש געווען—„כיון שעלה שוב לא ירד".

דאס איז אבער נור אויב דער פסול איז געשעהען שוין אין דער עזרה —

שהיה פסולו בקדש — אבער אז ס'איז פסול געוועזען נאך פאר'ן ארייננקומען אין דער עזרה, האט עם דער מזבח נישט מקדש געווזען.

אויף דעם ווייזט דאס לשון „כל הנוגע במזבח" און נישט „כל העולה על המזבח". וויל 'נגיעה הייסט: אנ'אנריהר, א שייכות, (אזוי ווי: נוגע בעדות). נור דאס קרבן, וואס האט שוין געהאט א שייכות און אנ'אנקעהר צום מזבח — ס'איז שוין געוועזען ראוי מקריב צו זיין, נור שפעטער איז עם פסול געווארען — אזא קרבן איז „קדש"...

(הכתב והקבלה)

את הכבש האחד תעשה בבקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים (כט—לט)

דער מענש דארף זיך בעמיהען צו דינען השי"ת, סיי אין די יונגע יאה־רען — אינ'ם פריהמארגען פון לעבען און סיי אויף דער עלטער — אין אוונד פון לעבען. אין דער יוגענד איז דער גוף געזונדער און דער מענש בעזיצט די גאנצע ענערגיע. דאגעגען איז אבער דער דעת נאך נישט קיין שלמות'דיגער. אויף דער עלטער ווידער, איז דער דעת שוין אנגעזעצטער און געניג פראקטיצירטער, דאגעגען ווערען אבער שוואכער די קערפערליכע כחות. דער מענש דארף זיך דעריבער לערנען פון תמיד־של שחר, צו נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים ווען זיין לעבענס־זון הויבט אן צו שיינען און נישט לאזען זיך פערפיהרען פון די וועלטליכע נארישקייטען. פון תמיד של בין הערבים דארף ער ווידער לערנען, אז אפילו ווען זיין לעבענס־זון איז שוין נוטה צו מערב... דארף ער אויך נישט מיעד ווערען און זיך מתחזק זיין אין עבודת השם.

(הדרש והעיון)

כמנחת הבקר וכנסכה תעשה לה (כט—מא)

אין פרשת פנחס שטעהט: „כמנחת הבקר וכנסכו". — וואס איז דער זין פון די דאזיגע ענדערונג?

נור לויט ווי ס'ווייזט אוים אין דער גמרא מנחות (פט:) האט דער שמן געהייסען דער נסך פון דער מנחה, וויל דעם שמן האט מען אריינגעגאסען אין דער מנחה און איהר געקנעטען מיט איהם. דאגעגען דער יין האט געהייסען דער נסך פונ'ם כבש.

ממילא איז אלעם מדוייק.

דא וויל די תורה זאגען, אז מען זאל געמען ביים תמיד של בין הערבים די זעלבע מאס שמן צו דער מנחה, ווי אין דער פריה, דעריבער שטעהט „וכנסכה" — דער נסך פון דער מנחה (מנחה איז

לשון נקבה) ד. ה. דער שמן. דארט אין פרשת פנחס אבער וויל די תורה זאגען, אז דער יין זאל אין בין־הערבים זיין פונקט אזוי ווי ביים תמיד של שחר, שטעהט דעריבער „וכנסכו" — דער נסך פונ'ם כבש (כבש איז לשון זכר).

(תרומת זהב)

ושכנתי בתוך בני ישראל והייתי להם לאלהים (כט-מה)

ווי קומט דא דער שם „אלהים" וואס איז מדת הדין?

נור אז א פאטער האט שטארק ליב זיין קינד, שטעלט ער זיך ארוים און שלאגט אפילו די מענשען, וואס טהוען דעם קינד שלעכטס.

צוליב דעם, וואס „ושכנתי בתוך בני ישראל — אום איך וועל זיי ארויסווייזען מיין אהבה, וועל איך מוזען זיך בענוצען מיט'ן מדת הדין אקייגען די, וואס פייניגען זיי און טהוען זיי שלעכטס — והייתי להם לאלהים...

(בשם המגיד הק' ממעזריטש ז"ל)

* * *

דערמיט איז פערשטענדליך דאס וואס אין זמר „כל מקדש" ווערט געזאגט: „משוך חסדך ליודעיך, אל קנא ונוקם"—אייגענטליך ווי קומט חסד צו נקמה?

נור דורכ'ן חסד צו יודען — ליודעיך — ווערט ממילא נמשך דין און נקמה צו זייערע שונאים...

ועשית מזבח מקטר קטרת (ל—א)

דער אבן עזרא פרעגט, פארוואס איז נישט דערמאנט דער מזבח־הקטרת פריהער צווישען אלע כלי־המקדש, נור ערשט יעצט נאך די פרשה פון מלואים?

נור אלע כלים פון מקדש האבען מעכב געווען: אהן מזבח — האט מען נישט געקענט מקריב זיין קיין קרבן; אהן ארון — האט מען נישט געהאט וואו אריינצולעגען "די לוחות; אהן די בגדים — האט דער כהן נישט געטארט טהוען די עבודה. דאגעגען איז אבער אנ'אויסנאהם דער מזבח הקטורת, וואס ער איז נישט מעכב די הקטרה, ווי דער דין איז: „מזבח שנעקר מקטירין קטרת במקומו" (זבחים נט).

דעריבער שטעלט איהם די תורה נישט צוזאמען מיט די כלים וואס זע־נען געווען א הכרח צו דער גאנצקייט פון משכן און צו דער השראת השכינה, נור ערשט יעצט נאך די פרשת מלואים, צו ווייזען דערמיט אז די השראת השכינה און דאס שלימות פון משכן קען זיין אפילו אהן מזבח הקטרת...

(קרבן מנחה בשם הרב מג"נ)

ועשית מזבח מקטר קטרת עצי שטים תעשה אותו... וצפית אתו זהב טהור (ל—א, ג)

היה משה תמה איך אפשר שלא ישרף עץ? א"ל הקב"ה כך דרכו של אש שלמעלה, אש אוכלת אש ואינה אוכלת עץ שנאמר והסנה איננו אכל.

(מדרש תנחומא הובא בתוספות חגיגה כז)

משה האט געוואוסט, אז אש שלמעלה פערברענט נישט קיין האלץ, ער האט עס דאך אליין געזעהען ביים סנה. נור ביים מזבח איז דאך אבער געווען דער דין אז: „אע"פ שאש יורד מן השמים מצוה להביא מן ההדיוט" — דארף דאך דאס פראסטע פייער יא פערברענען דאס האלץ? דעריבער האט איהם השי"ת געזאגט אז „אש של מעלה איז אוכלת אש" — איז דאך ממילא דאס ביסעל אש של הדיוט" פערברענט געווארען דורכ'ן אש שלמעלה".

(לקוטי שושנים)

* * *

דערמיט איז צו פערשטעהן די גמרא: „אמר רשב"י פושעי ישראל אין אור של גיהנם שולטת בהם קל וחומר ממזבח הזהב שאין עליו אלא כעובי דינר זהב כמה שנים, אין אור שולטת בו, פושעי ישראל שמלאין מצוות כרימון על אחת כמה וכמה" (חגיגה כ"ז).

די כוונה איז, אז פונקט ווי ביים מזבח הזהב, כאטש ס'איז געוועזען אש שלמטה פונדעסטוועגען איז עס נאכל געווארען דורכ'ן אש שלמעלה און ס'האט דעריבער נישט פערברענט דאס האלץ, אזוי אויך די פושעי ישראל כאטש זיי האבען עבירות און פערדינען זיך דעם אש של גיהנם, נור ווייל זיי האבען אויך אין זיך מצוות — וועלכע זענען אש שלמעלה, איז דאס געטליכע פייער פון די מצוות מבטל דעם אש של גיהנם, אז עס זאל נישט קענען אין זיי שולט זיין...

(אבני אזל)

* * *

די מצוות פון פושעי ישראל, זענען אזוי ווי קערענדלעך פון א רימון, וואס זענען טרוקען און האבען נישט קיין שום טעם — פונדעסטוועגען זענען זיי מציל פון אש של גיהנם...

(מפי השמועה)

הפטרה תצוה

(יחזקאל מג)

הגד את בית ישראל את הבית ויכלמו מעונותיהם (מג—י)

ג—ט זאגט צו יחזקאל הנביא: זאג די יודען, אז דו האסט שוין געזעהען דאס צוקונפטיגע בית המקדש, א פאר־טיגס, א גרייטס, מיט אלע זיינע איינ־צעלהייטען, נור די זינד זייערע זענען מעכב דאס בעוויייזען זיך פונ׳ם בית — וועלען זיי זיך שעמען פאר זייערע זינד און תשובה טהוען.

(מלבי״ם)

עס דארף שטעהען: „אל״ בית ישראל?

נור דער פשט איז: זאג די יודען, אז זיי אליין זענען אויך ווי א בית מקדש— את בית ישראל את הבית — דער בית ישראל אליין איז א בית מקדש... אזוי ווי די תורה זאגט, „ושכנתי בתוכם״ — איך וועל רוהען אין זיי אליין. ווען יודען וועלען דאס בעגרייפען, אז יעדער פון זיי איז ראוי צו זיין אנ׳ארט פון השראת השכינה, וועט ממילא זיין — ויכלמו מעונותיהם וועלען זיי זיך שעהמען פאר זייערע זינד. זיי וועלען ווי געהעריג תשובה טהוען, כדי זיי זאלען ווירקליך קענען ווערט זיין צו זיין א בית לד׳.

(ספרים הקדושים)

וישמרו את כל צורתו ואת כל חקותיו ועשו אותם (מג—יד)

יודען דארפען זיין אזוי שטארק אין דער אמונה פון ביאת המשיח, אז זיי דארפען זיך צוגרייטען צו וויסען גענוי די פלענער און די צורה פון בית המקדש. מאמער קומט משיח מארגען, זאלען זיי קענען תיכף צוטרעטען צום בנין. אויב זיי וועלען אזוי שטארק גלויבען אין ביאת משיח, אז — וישמרו את כל צורתו ואת כל חקותיו — וועלען זיי ווירקליך זוכה זיין דאס בית המקדש צו מאכען — ועשו אותם...

(בעל תוי״ט)

ואם נכלמו מכל אשר עשו, צורת הבית ותכונתו... הודע אותם וכתב לעיניהם וישמרו את כל צורתו (מג—יא)

די נבואה פון יחזקאל וועגען די צורת הבית וועלכע איז געמיינט אויפ׳ן בית השלישי בעת ס׳וועט זיין די גאולה שלמה —איז באמת געווען בעשטימט אויפ׳ן בנין פון בית שני נאכ׳ן גלות בבל. ווען יודען וואלטען דאן זוכה געווען און וואלטען געטהוען תשובה ווי געהעריג אויף די זינד פון גלות בבל — וואלט

טאקי דאס בית שני, געהאט דעם זעלבען אויסזעהן וועלכען עס שילדערט דא יחזקאל. נור ווייל די זונד האבען גורם געוועזען, אז זיי זאלען עס נישט ווערט זיין — איז די דאזיגע נבואה אבגעלייגט געווארען אויפ'ן בית השלישי (רש"י אין דעם פסוק).

דעריבער נאכדעם ווי השי"ת זאגט דעם נביא פריהער, אז ער זאל יודען זאגען דעם פלאן און די צורה פונ'ם בית-לעתיד, כדי זיי זאלען זיך שעמען פאר זייערע זינד וועלכע האבען גורם געוועזען, אז זיי זאלען עס יעצט נישט בעקומען — האט ער אבער ווייטער געזאגט: ואם נכלמו מכל אשר עשו — אויב זיי וועלען זיך ווירקליך פערשעמען פון אלעם, וואס זיי האבען געטהוען און זיי וועלען תשובה טהוען בשלימות — הודע אותם — וועלען זיי נאך יעצט דערגרייכען, אז דאס בית שני זאל זיין אין אט דער צורה און ס'וועט דעריבער נויטיג זיין, אז דו זאלסט זיי שוין יעצט מודיע זיין דעם גאנצען פלאן, כדי — וישמרו את צורתו — זיי זאלען היטען די פונקטליכקייט פון זיין צורה.

* * *

לויט א פסוק אין איכה ווייזט אויס, אז נאך פאר'ן חורבן פונ'ם בית-המקדש איז שוין געוועזען אין הימעל פארטיג דער בנין פונ'ם צוקונפטיגען בית-המקדש.

אין יענעם פסוק . ווערט געזאגט: „חשב ד' להשחית חומת בת ציון נטה קו, לא השיב ידו מבלע (איכה ב—ח).

וואס איז אייגענטליך די כוונה דערפון, אז ג—ט האט געטראכט צו פערדארבען די מויער פון ציון און ער האט זיין האנד נישט צוריקגעצויגען? ווי קומט אויך דא א הער דער אויסדרוק „נטה קו" — וועלכעם פאסט זיך נור ביי בנין נישט ביי חרוב מאכען?

נור — האט דער גערער רבי שליט"א געזאגט דערויף — דער דין איז דאך „לא ליסתר איניש בי כנישתא עד—דבני בי כנישתא אחריתא" — מען טאר נישט צוליינען א שוהל איידער מען בויט אויף א צווייטע. אין מדרשים ווערט אויך געזאגט, אז השי"ת אליין איז מקיים די תורה. איז דאך א פראגע, ווי אזוי האט מען פון הימעל געקענט דערלאזען צום חורבן פון בית המקדש? נור מוז דאך זיין, אז נאך פאר'ן חורבן איז שוין אין הימעל געוועזען פארטיג דער גאנצער בנין לעתיד — האט עס געהייסען „עד דבני בי כנישתא אחריתא"...

דאס זאגט אלזא דער פסוק: חשב ד' להשחית חומת ציון — האט אבער די מחשבה נישט געקענט אויסגעפיהרט ווערען ביז ס'איז פריהער געוועזען — נטה קו — מ'האט געמאכט דעם פלאן פונ'ם צוקונפטיגען בית-המקדש. דעמאלט — לא השיב ידו מבלע — האט די מחשבה געקענט אויסגעפיהרט ווערען...

פרשת תשא

כי תשא את ראש בני ישראל לפקדיהם
ונתנו איש כפר נפשו (ל—יג)

אז דו ווערסט געהן בעשטימען א ראש און א מנהיג איבער די יודען, זאלסטו נור מאכען אזעלכען, וואס איז גרייט זיך צו געבען אלס כופר-נפש און זיך מוסר נפש צו זיין פאר'ן כלל ישראל...

(אלשיך)

* * *

עהנליך האט געטייטשט דער אלטער ווארקער רבי הרר"י זצ"ל דעם פסוק: „יפקוד ד' איש על העדה אשר יצא לפניהם" (במדבר כז—טז) משה רבינו האט געבעטען, אז ג—ט זאל בעשטימען אזא מנהיג אויף דער עדה, וועלכער זאל „אויסגעהן" פאר א יוד'ס וועגען („יצא" פון לשון: נפש יצאה בדברו)...

א יוד דארף שטענדיג געדענקען אין זיינע חסרונות, אז ער האט נאך א סך פערפעהלט, ער האט גאר נישט געטהוען, און דאס ברענגט איהם צו ווערען דערהויבען און צו שטייגען וואס אמאל העכער.

כי תשא את ראש בני ישראל — ווען דו ווילסט אויפהויבען די בני ישראל, אז זיי זאלען שטייגען אין יודישקייט, דאן מוזטו זיי לערנען — לפקדיהם — אז זיי זאלען טראכטען וועגען זייערע חסרונות, וועגען דעם וואס זיי האבען פערפעהלט (פון לשון: לא נפקד ממנו איש).

(אור פני משה)

ווען מען צעהלט די יחידים און מען ארגאניזירט זיי, אלס פעראייניגטער און דיסציפלינירטער צבור, ווערען זיי ממילא דערמיט אויפגעהויבען און חשוב. דער נישט געצעהלטער יחיד, איז נישט אנזעהעוודיג און קען נישט האבען קיין השפעה אויפ'ן כלל-לעבען. דער געצעהלטער און ארגאניזירטער יחיד איז אנ'אבער פון א כלל און ממילא א משפיע אויפ'ן כלל.

דעריבער ווערט דאס צעהלען, בעצייכענט אין דער תורה אלס „נשיאת ראש"...

(אבני אזל)

זה יתנו כל העבר על הפקדים מבן עשרים שנה ומעלה (ל–יג)

כל העבר על הפקדים — דער וואס איז עובר אויף די געזעצען פון דער תורה, די פקודי ד׳, ווערען נור בעשטראפט בידי שמים און מוזען געבען כופר נפש—מבן עשרים שנה ומעלה — ווען זיי זענען שוין אלט צוואנציג יאהר.

פון דאנען איז א רמז צום מאמר חז״ל: אין בי״ד שלמעלה עונשין אלא מבן עשרים ומעלה...

(כתנות אור)

אמר ר״מ כמין מטבע של אש הוציא הקב״ה מתחת כסא הכבוד והראהו למשה ואמר לו כזה יתנו (מדרש תנחומא)

מען דארף געדענקען ביים געבען געלך, אז די מטבע איז אזוי ווי פייער, וואס קען פערברענען און פערניכטען, עס קען אבער אויך ווארימען און נוצען ברענגען. אזוי איז אויך די מטבע — גיט מען איהר אויף גוטע צוועקען — צדקה און גמילות-חסדים — איז זי שטארק נוצליך פאר׳ן מענש׳ אויב אבער מען פיהרט זיך מיט דער מטבע נישט ווי עס בעדארף צו זיין — קען זי פערברענען און ברענגט נאך שאדען...

(נועם אלימלך)

משה רבינו האט זיך געוואונדערט: ווי אזוי קען דאס א פשוט׳ע מטבע זיין א כופר-נפש, האט איהם ג—ט געוויזען א מטבע-של-אש, אז נור ווען די נתינה וועט זיין מיט פייער, מיט התלהבות, דעמאלט איז עס א כופר נפש, ווייל דאן גיט מען דאך שוין א שטיק נפש נישט סתם א מטבע.

(הרה׳ק מקאצק זצ׳ל)

העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט (ל–טו)

דער וואס איז רייך אין מצוות זאל נישט האלטען פול פון זיך און מיינען אז ער האט שוין אלץ דערגרייכט, ער זאל געדענקען שטענדיג אינ׳ם — מחצית — אז ער האלט ערשט ביי דער העלפט... והדל —און דער וואס איז ארעם אין מצוות — מא ימעיט — זאס זיך נישט מייאש זיין, זיך מאכען צו גארנישט און

מיינען אז ער קען שוין גארנישט מתקן זיין, נור ער דארף שטענדיג זיין גרייט,תשובה צו טהוען — לתת תרומת ד'...

(נועם אלימלך)

אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים (משנה סוף מנחות)

דער דל וואס איז „ממעיט" דער איז זיכער מכוין לבו לשמים, נור דער עושר וואס איז מרבה, דער רעדט זיך דאך איין, אז ער גיט א סך און טהוט גרויסעס — איז דעריבער שווערער, אז ער זאל מכוון זיין לבו לשמים. ווארענט מען דעריבער דעם מרבה, אז ער זאל אויך זיין מכוון לבו לשמים.

דא האט מען געוואלט אז ס'זאל זיין איינגאנצען לשם שמים האט דעריבער די תורה געזאגט „והעשיר לא ירבה"...

(הרה"ק מהר"ד מקאצק זצ"ל)

ונתת אותו בין אהל מועד ובין המזבח ונתת שמה מים (ל—יח)

עס דארף דאך שטעהן ונתת „בו" מים?

נור באמת איז דאך דער דין, אז קידוש ידים ורגלים מוז נישט דוקא זיין פון כיור, עס קען זיין פון יעדער כלי שרת, נור דעם קידוש מוז זיין אויף דעם ארט — בין אהל מועד ובין המזבח.

דעריבער שטעהט „ונתת שמה מים" — דאס וואסער דארף נור זיין דארט אויף דעם ארט, אבער ס'מוז נישט זיין דוקא אין כיור.

(משך חכמה)

לחשב מחשבות (לא-ד)

בצלאל האט געוואוסט די מחשבות פון יעדען מנדב און לויט דער ריינקייט פון זייערע מחשבות האט ער בעשטימט אויף וואס די נדבה זאל ווערען פערוועגדעט, אנהויבענדיג פון פאשע פאר די „בקר לעגלות" ביז צום קדשי קדשים. די נדבה וואס איז געווען איינגאנצען ריין פון יעדער שמץ פני', כבוד, גאות, אדער אנ'אנדערע מחשבה זרה — האט ער זי אריינגעגעבען אין די הייליגערע כלים פון מקדש און אזוי איז יעדענס נדבה פערוועגדעט געווארען לויט, דעם ווי ס'האט אויסגעזעהן זיין מחשבה ביים געבען.

(שיחות צדיקים)

אך את שבתתי תשמרו (לא-כג)

אויפ'ן פסוק: „אך את הזהב ואת הכסף" (במדבר לא—כב) דרשנ'ען די חז"ל: „אך — להעביר את החלודה", אז די כלים פון זהב און כסף, ווען מען געהט

זיי כשר'ן מיז מען פריהער אראפנעמען פון זיי די ראסט, דעם זשאווער, אז עס זאל בלייבען נור דער ריינער זהב אהן פסולת.

דאס זעלבע מיינט דא אויך די תורה מיט'ן ווארט „אך" — להעביר את החלודה — אז מען זאל צוגעהן צום שבת ריין אהן חלודה און פסולת, דעמאלט קען זיין — שבתתי תשמרו — קען מען אבהיטען די קדושה פון שבת בשלימות.

(שפת אמת)

למעט שבת ממלאכת המשכן (רש"י)

פרעגט דער רמב"ן: אויב „אך" איז א מיעוט, דארף עס דאך ממעט זיין דעם שבת, דא אבער פערגרעסערט מען דאך דעם שבת ווען מ'זאגט, אז מ'טאר אפילו דעם משכן נישט מאכען אין שבת?

נור דאס ווארט „אך", איז פיל מאהל אין תנ"ך, א תנאי צו דעם וואס איז פריהער געזאגט. (אזוי ווי: לטוב בעיניהם תהיינה לנשים „אך" למשפחת מטה אביהם תהיינה לנשים (במדבר לו — ו) אדער קום לך אתם ו„אך" את הדבר אשר אדבר אליך אותו תעשה (במדבר כב—כ). דא איז אויך דער „אך". א תנאי, אז דער גאנצער משכן, וועגען וועלכען מען רעדט ביז יעצט וועט נור זיין ווירקליך אנ'ארט צו השראת השכינה, מיט'ן בעדינג ווען: „את שבתתי תשמרו". אויב אבער איהר וועט נישט היטען שבת איז די גאנצע ארבייט ביים משכן אומזיסט.

ווען שמירת שבת איז אלזא א תנאי צו דער קדושה פון משכן, פערשטעהט מען דאך שוין ממילא, או מ'טאר די מלאכת המשכן נישט טהוען אין שבת...

(שם משמואל)

ושמרתם את השבת כי קדש היא לכם (לא—יד)

אויב ביי יום טוב איז: „חלקהו, חציו לד' וחציו לכם" איז אין שבת דער „לכם" אויך קדש, אפילו דאס עסען און טרינקען, וואס זענען פאר'ן גוף, זענען אויך הייליג.

(קדושת לוי)

* * *

עהנליך האט דער חדושי הרי"ם ז"ל געטייטשט דאס וואס מען זאגט ביי די שבת'דיגע סעודות „אתקינו סעודתא דמהימנותא" — דאס עסען פון שבת איז א סעד — א אונטערשטיצונג פאר דער אמונה...

* * *

דעריבער—האט א גדול געזאגט—איז נישטא קיין תקיעת שופר, ווען ראש השנה געפאלט אין שבת, ווייל ביי תקיעת שופר שטעהט „יום תרועה היא

לכם" — דער שופר דארף צוברעכען („תרועה" פון לשון: רעה התרועעה הארץ) דעם „לכם" — די קערפערליכע תענוגים און גופניות'דיגע כחות.

ווען אין שבת איז אפילו דער „לכם" אויך קדש — דארף מען דאך דעמאלט דעם „לכם" נישט צוברעכען...

מחלליה מות יומת כי כל העושה בה מלאכה ונכרתה. (לא—יד)

פארוואס אייגענטליך זאל מען דן זיין למיתה דעם מחלל שבת, דער דין איז דאך, אז פקוח נפש איז דוחה שבת, איז דאך א יודיש נפש העכער פון שבת? נור ווען א יוד איז מחלל שבת ווערט זיין נפש אבגעשניטען פון איהר שורש, הייסט ער שוין ממילא א גברא-קטילא אזוי, אז זיין לעבען האט שוין נישט מעהר קיין ווערט.

דאס זאגט די תורה: מחלליה מות יומת — און ס'איז נישט בגדר פון פקוח-נפש דוחה שבת, ווייל — כל העושה בה מלאכה ונכרתה — הייסט ער שוין ממילא א געהרג'עטער...

(הה'ק מהרר'ב ממעזיבוז זצ'ל)

ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת (לא—טז)

אז א יוד היט שבת אזוי ווי מען דארף, גיט עס איהם ארוים חיות צו קענען דינען השי"ת א גאנצע וואך און ממילא אז ס'קומט דער צווייטער שבת איז איהם שוין פיל לייכטער צו צוקומען צו דער קדושה און שמירה פון דעם שבת, און אזוי כסדר.

אויב—ושמרו בניישראל את השבת—וועט זיי דאס פערלייכטערען און ערמעגליכען—לעשות את השבת לדרתם — די ווייטערדיגע שבתים...

(קדושת לוי)

לעשות את השבת לדרתם (לא—טז)

„לדרתם" שטעהט חסר און ס'קען מאכען „לדירתם" פון לשון דירה.

אז ס'קומט אן שבת און די יודישע וואוינונג איז א שבת'דיגע: שלחן ערוך, נר דלוק, מטה מוצעת — דאן זאגט די שכינה: איך וואוין דא מיט אייך. אויב אבער אין דער וואוינונג דערקענט מען נישט דעם שבת — זאגט די שכינה: „אין זו דירה של ישראל"...

(ילקוט ראובני)

ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם (לא—יז)

שבת איז דער אות, דער צייכען פון א יוד. פונקט ווי א שילד אויף א הויז, ווייזט ווער עס וואוינט דערין, אזוי ווייזט דער שבת אן וואו ס'וואוינט א יוד... דאס געוועלב, וואס איז צו.אין שבת האט אויף זיך א יודישע שילד. איז עס

אבער אפען חלילה אין שבת — איז עס
א שילד אויף פערקעהרט...
(בעל חפץ חיים זצ"ל)

שבת וינפש (לא—יז)

אמר ר"ל נשמה יתירה נותן הקב"ה באדם ערב שבת ולמוצאי שבת נוטלין אותה הימנו שנאמר: שבת וינפש כיון ששבת וי אבדה נפש
(ביצה טז:)

ווי קומט דאס אבער צום אנקומען פון שבת, „וי אבדה נפש" פיהלט מען דאך ערשט אין מוצאי שבת?

נור ווען דער שבת קומט אן דארף מען זיך שטארק משמח זיין מיט דער קדושה און דעם תענוג פון שבת און פון דער נשמה יתירה — בלויז שוין צוליב דעם ווייל מען דערמאהנט זיך. אז די דאזיגע קדושה וועט נישט לאנג דויערען און וועט באלד מארגען אוועקגעהן...
(בשם הבעש"ט ז"ל)

* * *

אז ס'קומט אן שבת ווערט דער יוד נתעורר צו תשובה און איז זיך מתבונן מיט וואס די וואך איז אוועקגעגאנגען, דעמאלט שרייט ער אויס: ווה געשריגען! דאס נפש איז דאך גאר פערלוירען...
(הה"ק מקאצק ז"ל)

צוליב דעם, ווייל מוצאי שבת געהט אוועק די נשמה יתירה מאכט מען ביי הבדלה א ברכה איבער בשמים, כדי זיך א ביסעל צו דערקוויקען פונ'ם פערלוסט פון דער נשמה יתירה.

תוספות קלערט דערויף, צי יו"ט אין פערהאן א נשמה יתירה און פרעגט: ממה נפשך: אויב מען מאכט נישט קיין ברכה איבער בשמים ביי הבדלה פון מוצש"ק אויף יו"ט, ווייל יו"ט איז אויך פערהאן א נשמה יתירה, טא פארוואס דען מאכט מען נישט קיין ברכה איבער'ן בשמים, אין דער הבדלה פון מוצאי יו"ט לחול, צומוב'ן פערוישט סון דער נשמה יתירה פון יום טוב?

דער „שפת אמת" ז"ל האט דערויף געענטפערט: לעולם איז אין יו"ט טאקי אויך פערהאן א נשמה יתירה, נאר זי געהט אבער נישט אוועק מיט'ן אוועקגעהן פונ'ם יום טוב. ווייל יום טוב איז דאך „ישראל קדשוהו לזמנים", יודען הייליגען דעם יו"ט (נישט ווי שבת, וואס איז קביע וקיימא און האט זיין קדושה פון זיך זעלבסט) און א קדושה, וואס קומט פון אייגענער ארבייט, קען עס קיינער נישט אוועקנעמען. עס בלייבט אויף אייביג...

חג לד' מחר (לב–ה)

אלע מפרשים פרעגען ווי אזוי האט אהרן הכהן געזאגט אזא לשון „חג לד'" אויפ'ן עגל?

נור ווי בעוואוסט איז דאך צו־מארגענס נאכ'ן מאכען דאס עגל געוועזען שבעה עשר בתמוז און דאן זענען די לוחות צובראכען געווארען.

דער נביא זאגט דאך אבער, אז לעתיד וועלען אלע תעניתים ווערען ימים טובים — „צום הרביעי וצום החמישי וצום השביעי וצום העשירי יהיה לבית יהודה לששון ולשמחה ולמועדים טובים" (זכרי' ח—יט) — קומט דאך אויס אז — מחר—טאקי דער מארגענדיגער טאג, י"ז בתמוז, וועט א מאהל — יש מחר שהוא לאחר זמן — זיין א חג לד', אנ'אמת'ער יום טוב.

(שבלת של לקט להרמ"ז ז"ל)

סרו מהר מן הדרך אשר צויתם (לב–ח)

ביי אלע עבירות דארף דורערען צייט ביז מען איז עובר אויף דער גאנצער תורה. ס'מוז דורכגעהן א פסח עובר צו זיין אויפ'ן איסור חמץ, א יום כפור א.ד.ג, דאגעגען ביי עבודה זרה, געהט עס זעהר שנעל, מיט איין מינוט וואס מען איז אנ'עובד ע"ז חלילה, הייסט מען א „כופר בכל התורה כולה".

דאס איז דער טייטש: „סרו מהר מן הדרך אשר צויתם" זיי זענען זעהר געשווינד אבגעטרעטען פון גאנצען דרך התורה, דורך דער מעשה העגל.

(נחל קדומים)

והלחות מעשה אלהים המה והמכתב מכתב אלהים (לב–טז)

וואס איז די רבותא דאס שרייבען אויף די לוחות ווען יודען האבען שוין אליין געהערט די דברות?

נור מיט'ן שרייבען די עשרת הדברות אויף די שטיינערנע לוחות, זענען זיי אויך געווארען איינגעקריצט אויף די לוחות פון די יודישע הערצער — כתבם על לוח לבך — און זענען דארט געבליבען אויף אייביג. אט דאס דאזיגע כתב איז טאקי מעשה אלהים...

(שפת אמת)

ויהי כאשר קרב אל המחנה וירא את העגל ומחלת ויחר אף משה וישלך מידיו את הלחות (לב–יט)

משה רבינו האט דאך נאך פריהער געהערט פון השי"ת, אז זיי האבען געמאכט אנ'עגל, וואס פאר א נייעס האט ער עס יעצט דערזעהען?

נור פריהער האט ער גערעכענט, אז עס וועט איהם געלונגען זיי מתקן צו זיין, זיי זאלען באלד אנערקענען דעם פעהלער און תשובה טהוען אזוי, אז ער וועט זיי

נאך קענען געבען די לוחות. דערזעהענדיג אבער די שמחה, אז מען טאנצט גאר ארום דעם עגל, מען פרעהט זיך מיט'ן חטא — האט ער זיך שוין מייאש געווען זיי צו קענען בעסער מאכען — וישלך מידיו את הלוחות...

(ספורני)

* * *

עהנליך טייטשען די ספרים דעם פסוק: „תחת אשר לא עבדת את ד' אלהיך בשמחה" (דברים כח—מז), אז דער עיקר עונש קומט דערפאר, וואס דער — לא עבדת את ד' — איז גאר — בשמחה — אז מען פרעהט זיך נאך מיט'ן שלעכטס וואס מען טהוט...

וישבר אותם (לב—יט)

אמר... התורה כולה כאן וישראל מומרים ואתננה להם? (רש"י)

ווען משה רבינו האט געהערט, אז „שחת עמך", האט ער געמיינט, אז יודען האבען פערבלאנדזשעט און נאכגעמאכט עבודה־זרות פון אנדערע פעלקער. האט ער זיך געטראכט, אז זיי וועלען זיך באלד אויסניכטערען און דערזעהען זייער טעות.

אראפקומענדיג, האט ער אבער גע־זעהן, אז זיי האבען זיך געמאכט א היימישע עבודה זרה — במחנה — פער־שטעלט מיט אנ'אייגענע יודישע שילד. דער זעלבער מזבח,—ויבן מזבח לפניו — די זעלבע תפלות — אלה אלהיך ישראל — און אונטער דער דאזיגער מכלומרשט יודישער שילד, איז פערהאן א שרעקליכע עבודה־זרה. דאן האט משה רבינו אויסגערופען מיט פערצווייפלונג: „התורה כולה כאן"—אט איז דאך מכלומרשט דא די גאנצע תורה און דאך זענען זיי „מומרים"—מען נעמט גאר די תורה צו פערדעקען די שמד'קייט... — איז טאקי נישטא קיין עצה נור — וישבר אותם — מוז מען די לוחות צוברעכען...

(פרדס יוסף)

אתה ידעת את העם כי ברע הוא (לב—כב)

עס איז נאך ביי זיי געבליבען א ביסעל שלעכטע כחות פון מצרים, וואס דארט זענען זיי געווען עובדי ע"ז. האט אהרן מורא געהאט טאמער וועלען פון צייט צו צייט זיך אויפוועקען די דאזיגע בעהאלטענע שלעכטע נייגונגען, וואס זענען געבליבען טיעף איינ־געווארצעלט אין יודען. האט ער דעריבער געמאכט דאס עגל, כדי עס זאלען ארויסברעכען און אויפגעדעקט ווערען מיט איין מאהל די דאזיגע שלעכטע טליהענדע פונקען און אזוי ארום וועט מען זיי קענען אינגאנצען מבטל זיין.

דאס איז פשט פון דעם, וואס משה רבינו האט געזאגט „כי פרעה אהרן“— אהרן האט אויפגעדעקט דעם בעהאל־טענעם „רע“...

(משך חכמה)

ואמר להם למי זהב התפרקו ויתנו לי (לב-כד)

אהרן הכהן איז זיך מתנצל און זאגט: איך האב איינגעטענה'ט מיט די יודען און זיי געזאגט— למי זהב? — דערמאהנט אייך, צו ווערמען געהער דאס גאלד, וואס איהר האט און צוליב וועלכען איהר האט יעצט די תאוה צו מאכען אנ'עגל? דאס גאלד איז דאך נישט אייער'ס, דאס האט אייך געגעבען דער וואס — לי הכסף ולי הזהב נאם ד' — ווי אזוי ווילט איהר דווקא מיט דעם גוטס, וואס ער האט אייך געגעבען, אין איהם מורד זיין?

דאך האט עס גארנישט אויף זיי געווירקט נור — התפרקו ויתנו לי...

(אור פני משה)

מי לד' אלי ויאספו אליו כל בני לוי (לב-כו)

געוועזען זענען פיל מעהר יודען, וואס האבען נישט געדינט צום עגל, ווארום עס זענען דאך נור בעשטראפט געווארען דריי טויזענד מאן. נור זיי האבען אבער נישט געהאט קיין מוטה ארויסצוגעהן אין קאמף געגען די עובדי העגל. א סך האבען זיך געהאלטען נייטראל, א סך האבען נישט געוואלט פיהרען קיין מחלוקת... די לויים זענען געוועזען די, וואס זענען ארויסגעטרעטען אין קאמף פאר'ן כבוד השם און טאקי געגומען א שווערד אין האנד, צו קעמפען געגען די עובדי עבודה זרה.

דעריבער האט ג—ט געזאגט: „והיו לי הלויים“ (במדבר ג—יא), זאגט דע־רויף דער מדרש: „שקרבו את עצמן לי“ — זיי האבען זיך דערנעהנטערט צו מיר און אנגענומען זיך אקטיוו פאר מיין כבוד.

(לויט'ן חדושי הרי"ם)

אנא חטא העם הזה חטאה גדולה (לב—לא)

משה רבינו געהט בעטען פאר יודען און לבסוף איז ער גאר מגדיל זייער חטא?

נור דער הויפט־בעדינג פון תשובה איז, אז מען אנערקענט דעם חטא. מען זוכט נישט קיין תירוצים און קיין קולות, נור מ'איז מודה, אז מ'האט שווער געזינדיגט און מ'האט דערפון שברון־הלב און ממילא אויך די געהעריגע חרטה.

ווייל אדם הראשון, האט געזאגט א תירוץ אויף'ן חטא — האשה אשר נתת עמדי היא נתנה לי — דעריבער האט די תשובה נישט גע'פועל'ט.

משה רבינו, וועלענדיג, אז די תשובה פון יודען זאל אנגענומען ווערען, האט ער געזאגט: חטא העם שזל חטאה גדולש — זיי אנערקענען, אז זיי האבען געטהוען א גרויסען חטא, זיי זוכען נישט קיין תירוצים און האבען נישט בדעה צו פערענטפערען זייער חטא, כדי איהם קלענער צו מאכען, נור זיי טהוען באמת תשובה שלימה מיט'ן גרעסטען צובראכענקייט — דעריבער קומט עס דו זאלסט זיי מוחל זיין.

(נחמד מזהב מהה"ק מקוזמיר ז"ל)

ואתה אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא (לב—לב)

משה רבינו האט געזאגט: סיי דו ווילסט יא מוחל זיין זייער חטא און סיי דו ווילסט איהם נישט מוחל זיין, בעט איך דיך: מחני נא!

ווילסטו יא מוחל זיין, נור זיי דארפען האבען א כפרה, וויל איך עס אליין זיין די כפרה פאר זייערע זינד, ווי ער האט פריהער געזאגט: „אכפרה בעד חטאתכם"... טאמער ווילסטו נישט מוחל זיין — האב איך ממילא נישט צו וואס צו לעבען. ממה נפשך איז אלץ „מחני נא"!..

(כלי יקר)

דער דובנער מגיד ז"ל האט עס אויסגעטייטשט מיט א משל:

ס'איז געווען א שר ביים מלך, וואס איינער פון זיינע קרובים האט געפלעגט גנב'נען פונ'ם מלך'ס אוצרות און דער דאזיגער שר האט שטענדיג פאר איהם געבעטען און אויף איהם ממליץ געווען. איינמאל איז ער אבער בעגאנגען א גרויסע גניבה, אזוי אז דער שר האט שוין נישט געהאט מיט וואס איהם צו פערטיידיגען, האט ער געבעטען דעם מלך, אז ער זאל איהם געבען דימיסיע און מאכען אוים שר, כדי דער קרוב זיינער זאל זיך נישט האבען אויף וועמען צו פערלאזען און וועט ממילא שוין מעהר נישט גנב'נען...

דאס האט משה רבינו געזאגט: מחני נא — נעם פון מיר צו מיין חשיבות ביי דיר, וועלען ממילא יודען שוין מעהר נישט זינדיגען, וויל זיי וועלען זיך שוין נישט שטיצען אויף מיינע בקשות פאר זיי...

וביום פקדי ופקדתי (לב—לד)

דעמאלט ווען איך וועל אייך מוזען צעהלען, איהר וועט נישט זיין ווי איין מענש, באחדות, נור צושפליטערט און צוריסען יעדער פאר זיך, דאן וועט זיין — ופקדתי — וועל איך געדענקען דעם חטא העגל. וועט איהר אבער זיין פעראיינגט כאיש אחד אהן א מספר, דאן וועט דער דאזיגער חטא אייך מכופר ווערען.

(יד יוסף)

והיה כל מבקש ד׳ יצא אל אהל מועד אשר מחוץ למחנה (לג-ז)

כל מבקש משה אין כתב כאן, אלא כל מבקש ד׳ מכאן שכל המקבל פני רבו כאילו מקבל פני שכינה (ירושלמי עירובין פ״ה)

ס׳איז פערהאן א מאמר נפלא אין זהר הקדוש (פרשת בא) אין וועלכען ס׳ווערט געזאגט: „יראה כל זכורך את פני האדון ד׳ — מאן פני האדון ד׳?— דא רבי שמעון בן יוחאי“.

דער דאזיגער מאמר, וואס איז אין פלוג גאר אונפערשטענדליך, ווערט אבער קלאהר דורכ׳ן דערמאנטען ירושלמי. דער זהר מיינט דא פשוט צו זאגען, אז פונקט ווי ס׳איז א מצוה עולה רגל צו זיין כדי מקבל צו זיין פני השכינה, אזוי איז מען אויך מחויב מקבל פנים צו זיין דעם רבי׳ן אין יום־טוב (חייב אדם להקביל פני רבו ברגל), ווייל „המקבל פני רבו כמקבל פני שכינה“. אין זהר ווערט ספעציעל דערמאהנט רבי שמעון בן יוחאי, וועלכער איז געווען דער גרעסטער רבי אין זיין דור...

(הדרש והעיון)

וחנתי את אשר אחן ורחמתי את אשר ארחם (לג—יט)

אזוי ווי א מענש פיהרט זיך מיט אנדערע, אזוי פיהרט מען זיך אין הימעל מיט איהם. אויב ער האט רחמנות אויף אנדערע און טהוט זיי גוטס, איז מען זיך איבער איהם אויך מרחם, כאטש ער איז נישט ווערט.

וחנתי — איך וועל חונן זיין — את אשר אחן — דעם, וואס זאגט שטענדיג: „אחן“, ורחמתי — דעם, וואס זאגט שטענדיג: ארחם...

(רזין דאורייתא)

הנה מקום אתי ונצבת על הצור והי׳ בעבור כבודי ושמתיך בנקרת הצור (לג—כא)

דער לובלינער רב מהר״ם שפירא ז״ל פלעגט זאגען: השי״ת האט געלערנט דעם מנהיג ישראל — הנה מקום אתי — ווען עס איז אנ׳ארט וואו עס האנדעלט זיך אין מיין כבוד, כבוד שמים, דאן — ונצבת על הצור — זאלסטו זיך ארויפשטעלען אויפ׳ן פעלז זאלסטו שטעהן אויף דער געהעריגער הויך און זיין פעלזען־פעסט פאר כבוד שמים. דאגעגען — והי׳ בעבור כבודי — ווען דער מאמענט פון כבוד שמים וועט פערבייגעהן און ס׳וועט זיך נאר האנדלען אין עפעס א זייטיגער, פערזענליכער אנגעלעגענהייט, דאן — ושמתיך בנקרת הצור — זאלסטו זיך בעהאלטען אין א שפעלטעל, זיין א עניו ושפל ברך...

וראית את אחרי ופני לא יראו (לג–כג)

רוב געשעהענישען און סבות, פֿער־שטעהט מען נישט באלד זייער ציעל און וואס זיי זענען אויסען, זיי זעהען גאר ביי מענשען אוים וואונדערליך. נור ערשט שפעטער אין לויף פון דער געשיכטע ווערט פאר אונז קלאהר דער זין פון די געשעהענישען און וואס די השגחה האט מיט זיי געמיינט.

דאס הייסט: וראית את אחרי — שפעטער קען מען ערשט בעגרייפען די דרכים פון דער השגחה — ופני לא יראו — פריהער אוים קען מען זיי נישט פערשטעהן...

(תורת משה)

פסל לך שני לוחות אבנים כראשונים (לד–א)

הפסולת שלך, משם העשיר משה. אמר הקב"ה דין הוא שיטול אותן פסולת משה, למה, אלא ישראל שלא נתעסקו במצות נתתי להם כל טוב ארץ מצרים שנא' וד' נתן את חן העם והעשירו, ומשה שעסק בעצמותיו של יוסף וה' עני, אתן לו הפסולת שיעשיר (מדרש תשא פ'מו)

אין דאך שווער, אויב דאס רייך מאכען משה'ן איז געווען א מין ענט־שעדיגונג פאר'ן היזק פון ביזת מצרים, בשעת ער האט עוסק געווען בעצמותיו של יוסף, האט דאך הקב"ה איהם גע־דארפט תיכף רייך מאכען, נישט וואר־טען העכער 4 חדשים פון יציאת מצרים ביז צום אויסהאקען די לוחות שניות, ער זאל דערווייל ביז דעמאלט זיין א ארימאן?

נור אין דער אמת'ן האט משה'ן דאס עניות גאר נישט געאהרט, ער האט גארנישט מרגיש געווען קיין שום תאוה און חמדה צו געלד. נור נאך מעשה העגל, ווען משה רבינו האט געטענה'ט פאר'ן רבש"ע: בשביל כסף וזהב שהשפעת להם לישראל עד שאמרו די, הוא גרם להם שעשו העגל. אין ארי נוהם מתוך קופה של תבן אלא מתוך קופה של בשר (ברכות ל"ב)—פלעגען יודען די זעלבע טענה ענטפערען צו משה'ן ווען ער פלעגט זיי וועלען שטראפען: אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו! אודאי! אין ארי נוהם מתוך קופה של תבן. א קונץ דו משה ביסט א יוד אנ'אביון, האט זיך דיר נישט געקענט פערגלוסטען צו מאכען א עגל הזהב, ווען דו האסט קיין געלד „פאר דיינע אויגען נישט געזעהן"? וואלסט אבער נור געפרובט געווארען בנסיון העושר, ווער ווייסט צו דו וואלסט דעמאלט דעם נסיון אויסגעהאלטען! ערשט דאן האט השי"ת איהם רייך געמאכט צו ווייזען די יודען, אז אויך דעם נסיון העושר קען משה רבינו ביישטעהן און ער ווערט פונ'ם גארנישט פערבלענדעט און נישט נתפעל.

(קטרת סמים)

פקד עון אבות על בנים ועל בני בנים על שלשים ועל רבעים (לד—ז)

דאס איז א מדת הרחמים פון השי"ת, אז ער בעשטראפט נישט מיט איינמאל, נור ער צולייגט די שטראף אויף עטליכע דורות ארויס, אזוי אז פאר'ן — עון אבות — ווערט אויסגעצאהלט — על בנים ועל בני בנים על שלשים ועל רבעים — במשך פון א לענגערער צייט.

(מדרש הובא בנחל קדומים)

ילך נא ד' בקרבנו כי עם קשה ערף הוא וסלחת לעוננו... (לד—ט)

דער דובנער מגיד ז"ל האט עס מסביר געווען מיט א משל:

עס איז א מאל א פעדלער געשטא־נען אין א רייכע, אריסטאקראטישע פרינציפאל־גאס מיט הילצערנע לעפעל צו פערקויפען, איז ער אבגעשטאנען א גאנצען טאג, זיך געריסען דעם האלז אויסרופענדיג זיין סחורה און נישט געלייזט קיין גראשען. א היים געהענ־דיג שפעט ביינאכט אהן א גראשען פדיון האט ער זיך בעקלאגט פאר זיינם א פריינד. האט איהם יענער געענטפערט: אין דער פרינציפאל־גאס וואו אלע איינוואוינער נוצען בלויז זילבער־געשיר, שטעלסטו זיך אוועק מיט הילצערנע לעפעל און דו ווילסט נאך לייזען? אין דער שוסטער גאס שטעל דיר אוועק מיט דיין סחורה, דארט וועסטו לייזען!

דאס זעלבע טענה'ט משה רבינו צום רבש"ע, נאכדעם ווי דער אויבערשטער האט איהם בעקאנט געמאכט מיט זיין „סחורה", אויסגערעכענט איהם זיינע מדות: רחום וחנון, ארך אפים נושא עון ופשע (פסוק ו. ז.) — ילך נא ד' בקרבנו — דען וואס נוצען אזעלכע מדות אין הימעל צווישען מלאכים וואס זינדיגען נישט? נאר ביי אונז אין עולם השפל, קען זיין א אבגאנג אויף אזא „סחורה", „כי עם קשה עורף הוא — וסלחת לעוננו ולחטאתנו"...

וביום השביעי תשבת בחריש ובקציר תשבת (לד—כא)

די חז"ל זאגען אויפ'ן פסוק „ודבר דבר" — שלא יהא דבורך של שבת כדבורך של חול. דעריבער ווערט גע־פסקנ'ט אין שלחן ערוך (אורח חיים ס'מן ש"ז), אז אין וואכעדיגע ענינים טאר מען שבת גאר נישט רעדען און אפילו אין ענינים, וואס מען מעג יא רעדען, דארף מען אויך מקצר זיין.

דאס איז דער רמז: בחריש — מיט שווייגען אין עניני חול — ובקציר — און מיט מקצר זיין אפילו די דבורים, וואס מען מעג, — תשבת — מיט דעם זאלסטו רוהען אין שבת...

(נועם מגדים)

יראה כל זכורך את פני האדון ד׳ (לד—כג)

דער זעלבער פסוק שטעהט שוין אויבען (כג—יז זעה רש״י דא אויפ׳ן ארט). נור דא איז די כונה, אז יו״ט דארף מען אויף יעדען יוד דערקענעז אז ער טראגט דעם צלם אלקים אויף זיך. א גאנץ יאהר איז מען פערהאר־וועט, פערדאגה׳ט און פערגשמ׳ט, אז מען פערלירט כמעט דעם צלם אלקים, דאגעגען יום־טוב, דער זמן פון גיים־טיגער דערהויבונג, דארף מען כאטש דעמאלט צוריק די אמת׳ע צורה בעקומען. יראה כל זכורך — אלע זאלען געזעהען ווערען — את פני האדון ד׳ אלקי ישראל — מיט דעם צלם אלקים אויף זיך (ענליך ווי: כדרך שבא לראות כך הוא בא ליראות).

(אלשיך)

ולא יחמד איש את ארצך בעלתך לראות את פני ד׳ אלהיך שלש פעמים בשנה (לד—כד)

אין פרשת משפטים איז דאך אויך געזאגט די מצוה פון עולה־רגל זיין, פארוואס זאגט דארט נישט די תורה די הבטחה „ולא יחמוד איש את ארצך״? נור די חז״ל זאגען: אלמלא נשתברו לוחות הראשונות לא שלטה בהם אומה ולשון (עירובין נד)—דעריבער אין פרשת משפטים פאר׳ן חטא העגל, האבען זיי בכלל נישט מורא געהאט פאר קיינעם, דא אבער נאך די שבירת הלוחות — האט זיי השי״ת געמוזט געבען א ספעצ־יעלע הבטחה: „ולא יחמוד איש את ארצך בעלותך לראות״...

(משך חכמה)

ויתן על פניו מסוה, ובבא משה לפני ד׳ לדבר אתו יסיר את המסוה עד צאתו (לד—לג, לד)

משה רבינו איז געוועזען דער „עניו מכל האדם״. ער איז דאך אבער אויך געוועזען דער מלך און מנהיג פון יודען און א מלך מוז דאך פיהרען מיט א געוויסען דיסציפלין, היטען זיין כבוד און אנזעהען און ארויסווייזען שטרענג־קייט (מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול)—האט ער זיך געמוזט פערשטע־לען און בעהאלטען זיין עניוות אונטער א מאסקע פון ממשלה און כבוד מלכות — אט דאס איז געוועזען די מסוה.

בעת אבער ער איז געקומען — לפני ד׳ לדבר אתו — האט ער די דאזיגע ממשלה־מאסקע אראבגענומען און גע־בליבען שטעהן א עניו און א שפל אזוי ווי ער איז באמת געוועזען...

(הגאון ר׳ עקיבא איגר ז״ל)

הפטרה תשא
(מלכים א—יח)

עד מתי אתם פסחים על שתי הסעפים אם ד' האלהים לכו אחריו ואם הבעל לכו אחריו (יח—כא)

ווען ס'איז א קאמף צווישען אמונה און כפירה, מוז יעדער יוד האבען א קלאהרע שטעלונג, צו וועלכע מחנה ער געהער און וויסען מיט וועמען ער האלט און וועמען ער שטיצט אונטער. דא קען נישט זיין קיין נייטראליטעט; דא קען מען נישט וועלען יוצא זיין פאר ביידע ענטקעגענגעזעצטע ריכטונגען און שטיצען ביידע, נור מען מוז קלאהר זיך דעקלארירען צי מ'איז פון די אנהענגער פון ד', צי — להבדיל — פון בעל. ד', „פוסחים על שתי הסעפים" זענען נאך געפעהרליכער אין דעם קאמף ווי די אפענע אנהענגער פון בעל...

דעריבער, ווען ירבעם בן נבט האט זיך געשטעלט אפען אין קאמף געגען דעם בית-המקדש און אויפגעשטעלט עגלי-זהב אין בית-אל—ער האט אפילו אויסגע'הרג'עט די, וואס זענען געגאנגען עולה-רגל זיין ירושלים — איז אין זיין צייט קיין גלות נישט געקומען. נור דוקא אין דער צייט פון הושע בן אלה, וועלכער האט (לויט די חז"ל סוף תענית) אראפגענומען די וואכען, וואס ירבעם האט געשטעלט אויף די וועגען און האט געזאגט: „לאיזו שירצו, יעלו" — אויף וועלכען וועג יודען וועלען גלוסטען זאלען זיי געהן, ווער ס'וויל קיין ירושלים און ווער ס'וויל קיין בית-אל, ער האט זיך ערקלערט „נייטראל" און ביידע ריכטונגען גלייך אונטערשטיצט — דווקא אין זיין צייט איז געקומען שלמנאסר מלך אשור און פערטריבען טייל יודען אין גלות אריין (זעה מלכים ב—יח).

דעם אפענעם געגנער קען מען בעקעמפען און ער איז דעריבער נישט אזוי געפעהרליך. דער „נייטראלער" אבער, וואס קען בעשטעהן אויף ביידע און איז א „פוסח על שתי הסעפים"— דער איז געפעהרליכער און ברענגט מיט זיך גלות...

(נצח ישראל)

* * *

ווען משה רבינו קומט אראפ מיט די לוחות בעת יודען האבען געמאכט דאס עגל, טרייסט איהם יהושע „קול מלחמה במחנה" — ד. ה. נישט אלע יודען זענען געווארען עובדי-עבודה-זרה, נור ס'איז א מלחמה פון צדדים, ס'זענען דא צוויי ריכטונגען און א טייל ווילען דאס נישט.

דערויף ענטפערט איהם משה „אין קול ענות גבורה ואין קול ענות חלושה"— איך הער נישט, אז דא זאל זיך פיהרען א ריכטיגער קאמף מצד די געטריי-געבליבענע יודען געגען די עגלי מאכער, אזוי אז זיי זאלען ווייזען גבורות אינ'ם קאמף, א יין צד זאל זיך שטארקען און דער אנדערער זאל שוואך ווערען. ווייזט

אוים, אז אפילו די, וואס דינגען נישט צום עגל, האבען פערנומען אנ'אבווארטענדיגע, „נייטראלע" שטעלונג. זיי זענען „פוסחים על שתי הסעפים"... אויב אזוי איז עם „קול ענות" א בלויז געשריי אהן מעשים און ס'איז נישטא מעהר צו ערווארטען א בעסערונג פון דער לאגע...

ביים קאמף געגען עבודה-זרה מוז מען הערען א „קול ענות גבורה" פון קעמפער. דעמאלט קען מען נישט זיין קיין „פוסחים על שתי הסעפים"...

(דבר המלכה)

ויהתל בהם אליהו ויאמר קראו בקול גדול כי אלהים הוא כי שיח וכי שיג לו וכי דרך לו אולי ישן הוא ויקץ (יח—כז)

אין מדרש ווערט דערצעהלט, אז די נביאי הבעל האבען זייער מזבח געמאכט הויל אונטער דער ערד, זיי האבען דארט בעהאלטען א נביא-שקר מיט'ן נאמען חיאל בית האלי און האבען איהם אנגעזאגט, אז ווען ער וועט דערהערען זייער קול זאל ער אנצינדען פייער אונטער'ן מזבח. האט אבער דער אויבערשטער מזמין געווען א שלאנג, וואס האט איהם געביסען און ער איז באלד געשטארבען.

אליהו. וויסענדיג פון דעם סוד, האט דעריבער פון זיי ליצנות געמאכט און געזאגט: קראו בקול גדול — שרייט מיט א העכער קול—כי אלהים הוא— אייער ג—ט יעצט, איז „ער" דאך — חיאל, טאמער האט ער זיך פערשמועסט, טאמער האט ער געדארפען אוועקצוגעהן אדער ער איז אנטשלאפען געווארען, שרייט העכער, אפשר וועט ער דאך דערהערען...

(החסיד ר' יוסף פיואמוטה ז"ל)

ויאמר אליהו לכל העם גשו אלי ויגשו כל העם אליו וירפא את מזבח ד' ההרוס (יח—ל)

נור ווען דאס גאנצע פאלק נעמט זיך צוזאמען מיט א פעראייניגטען כח און שטעלט זיך צו דער דיספאזיציע פונ'ם אמת'ן יודישען מנהיג — ויגשו כל העם אליו — דאן קען מען צוריקשטעלען דעם צובראכענעם און הרוב-געווארענעם געטליכען מזבח. דעמאלט קען מען אויפטהוען פאר יודישקייט, אויסצוהיילען און צורעכט מאכען די הריסות און פרצות פון דער חומת-היהדות.

(צוארי שלל)

קס

פרשת ויקהל

ויקהל משה את כל עדת בני ישראל (לה—א)

די הקדמה צום משכן האט געדארפען זיין — ויקהל — אז יודען זאלען ווערען צוזאמענגענומען און פעראייניגט ווי איין מענש. ווארום ביז צום משכן זענען די במות געוועזען מותר און יעדער איינער האט זיך געקענט מאכען א במה וואו ער האט נור געוואלט און מקריב זיין קרבנות. נאכדעם אבער ווי דאס משכן איז געווארען אויפגעשטעלט, זענען די במות פון יחידים גע׳אסר׳ט געווארען, נור אלע האבען געמוזט ברענגען זייערע קרבנות אין משכן אריין. האט דאך דאס משכן געדארפען אפשאפען אלע יחידישע במות און אלע יודען קאנצענטרירען אויף איין ארט — איז דאך טאקי דער „ויקהל“ דער אמת׳ער ציעל פון משכן און ממילא די הקדמה צום משכן...

און אזוי ווי שבת איז אויך א כח, וואס פעראייניגט און קאנצענטרירט אלע יודען (כולהון מתאחדין ברזא דאחד), האט מען דעריבער געזאגט יעצט די מצוה פון שבת, כדי דורך איהר צו מאכען דעם „ויקהל“, וואס איז אזוי נויטיג צום מלאכת המשכן...

(הגה״ק מסוחטשוב ז״ל)

* * *

יעצט, נאכ׳ן חטא העגל, האט דאס משכן נור געקענט געמאכט ווערען דורכ׳ן כח הכלל, דורכ׳ן איחוד פון אלע יודען. אבער פאר׳ן חטא העגל וואלט עס געקענט געמאכט ווערען אפילו דורכ׳ן כח פון א פרט, פון א יחיד. (ווי דער מדרש זאגט אין פרשת תרומה: אמר הקב״ה למשה, אפילו אחד מישראל יכול לעשותו שנאמר „מאת כל איש אשר ידבנו לבו.“) דעריבער אין פרשת תרומה פאר׳ן חטא העגל שטעהט נישט „ויקהל“ און אויך נישט פרשת שבת פאר דער מלאכת המשכן...

(שם משמואל)

ויקהל משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם אלה הדברים אשר צוה ד׳ לעשות אותם (לה—א)

משה רבינו האט צוזאמענגערופען אלע יודען און ער האט זיי געזאגט: אלה הדברים — אט אזעלכע זאכען: דאס צונויפזאמלען אייך, און אייך

שטענדיג צוזאמענהאלטען בלב אחד ובעצה אחת, אט דאס אליין איז דער געטליכער רצון — אשר צוה ד' לעשות אותם. (ספרי צדיקים)

אויב ביי די השגות און כוונות פון דער מצוה זענען מענשען פערשידענ־ארטיג, יעדער איז משיג לויט זיין הבנה און כח התורה, איז אבער ביים טהוען די מצוה נישטא קיין חילוק, אלע טהוען די מצוה אויפן זעלבען אופן. ווען עס רעדט זיך וועגען — לעשות אותם — קען זיין — ויקהל משה את כל עדת בני ישראל — דא קען מען צונויפזאמלען אלע יודען גלייך אהן חילוק.

(האדמו"ר מטשארטקוב ז"ל)

שלום און אחדות ביי יודען האט נור א בעדייטונג ווען מען היט די מצוות פון דער תורה. ווען די פעראייניגונג ברענגט צו א פערשטארקונג פון יודיש־קייט. אזא שלום אבער וועלכער ברענגט נישט דעם דאזיגען ציעל האט קיין ווערט נישט. דעריבער זאגען די חז"ל: „גדול השלום שניתן בחלקן של צדיקים", „גדול השלום שלא ניתן בחלקן של רשעים" (ילקוט נשא).

ווען דא זאגט די תורה: ויקהל משה את כל עדת בני ישראל — אז משה רבינו האט אנגעווענדעט כחות, יודען צונויפצוזאמלען און פעראייניגען האט ער זיי טאקי באלד געזאגט — אלה הדברים אשר צוה ד' לעשות אותם — די קהלה און אחדות האט נור דאן א ווערט ווען עס פירט צו דער ערפילונג פון די מצות השם.

(הדרש והעיון)

ויקהל משה. למחרת יום הכפורים (רש"י)

נישט בלויז ערב יום כפור זאל מען זיך מפייס זיין און איבערבעטען איינער מיט'ן צווייטען ביז מוצאי יום כפור, נאר אויך „למחרת יום הכיפורים" דארף מען זיך צוזאמענקומען און זיך האלטען צוזאמען בשלום ואחוה.

(עולות אפרים ותוצאות חיים)

אלה הדברים אשר צוה ד' לעשות אותם
ששת ימים תעשה מלאכה (לה—א. ב)

די חז"ל זאגען (ברכות לה), אז ווען יודען טהוען ג—ט'ס רצון ווערט זייער ארבייט געטהוען דורך אנדערע און זיי דארפען אליין זיך נישט בעמיהען — כשישראל עושים רצונו של מקום מלאכתם נעשית ע"י אחרים.

דאס איז דער פסוק מרמז: אויב ס'איז — אלה הדברים אשר צוה ד' לעשות אותם — דאן איז — ששת ימים „תיעשה" מלאכה — ווערט די מלאכה אייערע געטהוען ווערען דורך אנדערע.

(דברי אמת)

ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קדש שבת שבתון (לה—ב)

אויב אין די זעקס וואכענס־טעג, ווען איהר עוסק זיין אין דער מלאכת הקודש פון משכן, איהר וועט אייך בע־שעפטיגען מיט דברים שבקדושה, וועט געווים דער שבת נאך אזא וואך, זיין פול מיט הייל יגקייט — שבת שבתון.

(תולדות יצחק בשם הב'י ז'ל)

אין רוב פרשיות פון שבת אין דער תורה שטעהט „תעשה מלאכה" (בנין נפעל) און ס'שטעט דערנאך „וביום השביעי שבת שבתון" פארוואס שטעהט נישט „תעשה מלאכה" (בנין קל) און פארוואס ווערט דא שבת אנגערופען „שבת שבתון"?

נור לויט ווי די חז"ל זאגען (ברכות לה), אז ווען מען טהוט „רצונו של מקום" ווערט די מלאכה געטהוען דורך אנדערע — (מלאכתם נעשית ע"י אחרים) דעריבער שטעהט טאקי „תעשה" מלאכה — זי וועט געטהוען ווערען — וויל די תורה רעדט וועגען אזעלכע יודען וואס טהוען רצונו של מקום. אזעלכע יודען איז זייער דערוואכענס — אויך שבת (צדיקים ווערען אנגערופען „שבת") און דער זיבעטער טאג שבת איז ביי זיי א „שבת שבתון".

דאגעגען, ווען עס וואלט געשטאנען „תעשה" מלאכה — דו זאלסט טהוען, רעדט זיך דאך פון פשוט'ע מענשען, וואס זענען נאך נישט געקומען צו דער מדרגה פון „עושים רצונו של מקום" — ביי זיי זענען די זעקס וואכעדיגע טעג, א פשוט'ער חול און ממילא איז דער זיבעטער טאג נור איינמאל שבת נישט שבת־שבתון...

(בשם גדול אחד)

הקדים להם הזהרת שבת לצווי מלאכת המשכן (רש'י)

פארוואס אבער אין פרשת תשא שטעהט פריהער די צווי המשכן פאר די הזהרת שבת?

נור — האט דער חידושי הרי"ם ז"ל געזאגט — פאר'ן חטא העגל זענען די וואכעדיגע פעולות אויך געווען פער־הייליגט, אזוי, אז די ששת ימי המעשה זענען געווען אנ'הכנה צום שבת. יעצט אבער נאכ'ן חטא העגל זענען די וואכעדיגע פעולות פערפראסטעט און פערחומר'ט געווארען אזוי, אז נור דורכ'ן כח פון שבת קען מען מתקן זיין

די פעולות פון דער וואך. דעריבער שטעהט דא די פרשה פון שבת פאר דער מלאכת המשכן. דורכ'ן שבת קענען די וואכעדיגע מלאכות דערהויבען ווערען צו א מלאכת המשכן...

לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת (לה.-ג.)

שבת איז א יום מנוחה, ווען דער עולם האט צייט און נעמט זיך עוסק זיין אין קהלה-אינטערעסען, זאגען דעות וועגען רבנים, חזנים, שוחטים, שמשים, תלמוד-תורה, מקוה וכדומה. זאגט מען זיי דעריבער אן: לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת — צינדט נישט דעמאלט אן קיין פייער איז צופלאקערט נישט קיין מחלוקת, אין דעם טאג פון שבת. נישט דערצו איז דער שבת גע-געבען געווארען. שבת איז טאקי א יום מנוחה, אבער אויך — וקדושה...

(של"ה ועקידה)

פארוואס שטעהט בעזונדער די דא-זיגע מלאכה? נור אין די לוחות ראשונות איז געזאגט געווארען דער טעם פון שבת צוליב דער בריאה וואס איז געווען אין זעקס טעג. (כי ששת ימים עשה ד' את השמים ואת הארץ וביום השביעי שבת וינפש) וואלט מען דאך געקענט זאגען אז אין שבת זענען נור אסור די מלאכות וואס זענען בעשאפען געווארען אין די זעקס טעג, אבער אנצינדען פייער וואס עס איז ערשט געשעהן מוצאי-שבת, (ווען אדם הראשון האט געקלאפט אשטיין אין א צווייטען — און דעריבער מאכט מען דאך בורא-מאורי-האש אין מוצאי שבת) — איז אין שבת נישט פערבאטען — האט די תורה געמוזט דערויף שטעלען אבעזונדערען לאו.

און מערקווירדיג אז אין משנה-תורה איז שוין נישט דא קיין ספעציעלער פסוק אויף הבערה, ווייל אין די לוחות-שניות איז דאך שוין געזאגט נאך א טעם אויף שבת, צוליב יציאת מצרים (וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים ויוציאך ד' אלהיך משם ביד חזקה ובזרע נטויה) איז שוין ממילא נישטא קיין שום סברא צו מאכען אחילוק צווישען הבערה און אנדערע מלאכות.

(תפארת יהונתן)

דאס טהוען אנ'עבירה אין שבת איז פיל הארבער ווי טהוען איהר אין דער וואכען. ווייל אויב דאס פייער פון גיהנם ווערט אויסגעלאשען ווען עס קומט אן שבת — א נדט מען עס דוריק אן ווען מ'טהוט שבת אנ'איסור.

ווארענט דעריבער די תורה: איהר זאלט אין שבת נישט אנצינדען דאס פייער פון גיהנם דורך אייערע זינד.

שבת דארף מען זיך דאפעלט היטען פאר א חטא.

(אלשיך)

פונדאנען איז א רמז צו דעם, וואס די חז"ל זאגען, אז דער חטא פון חילול שבת ברענגט צו שריפות ר"ל (אין הדליקה מצוי' אלא בעון חילול שבת). זאגט דעריבער די תורה: לא תבערו אש בכל משבתיכם — איהר זאלט נישט גורם זיין צו פייער-אנצינדונגען — ביום השבת — צוליב אייער חילול שבת.

(רבינו אפרים ז"ל)

פון דאנען לערנען די חז"ל ארוים, אז די, וואס זענען מחוייב געווען מיתת-בית-דין, האט מען זיי נישט גע-טארט הרג'ענען אין שבת — „בכל מושבותיכם" — איז געמיינט דאס „בית-דין" און דאך איז „לא תבערו אש".

דער רמב"ם פסקנ'ט, אז אפילו מלקות האט מען אויך נישט געשלאגען אין שבת, דעם וואס איז מחויב געווע-זען מלקות.

ווייסט מען אבער נישט דעם מקור צו דער הלכה פון רמב"ם. און דער מגן-אברהם פרעגט טאקי, וואס פאר א חילול-שבת איז פערהאן ביי מלקות?

באמת אבער געפינט זיך דער דין אין „תקוני-זהר", אז די ל"ט מלקות זענען א קייגען די ל"ט מלאכות און דעריבער שלאגט מען נישט קיין מלקות אין שבת, פונקט ווי מען טאר נישט טהוען די מלאכות. דער תקוני-זהר פיהרט אוים: (הקדמת תקוני זהר דף כ"ב) דאין לוקין בשבת".

דאס איז טאקי געווען דער מקור פונוואנען דער רמב"ם האט דעם דין גענומען.

(שמעתי)

אשר צוה ד׳ לאמר (לה—ד)

דער רשב"א אין זיינע תשובות (סימן תקפ"ב) זאגט אז ס'איז א מצוה מפרסם זיין די נעמען פון די מענשען וואס גע-בען בנדיבות זייער געלד אויף א דבר מצוה.

דאס הייסט: אשר צוה ד׳ לאמר — כאטש ביי צדקה דארף דאך זיין בסתר (מתן בסתר יכפה אף) אבער ביי נדבה אויף דברים שבקדושה איז — צוה ד׳ לאמר — איז א מצוה יא צו דערצעהלען און מפרסם צו זיין.

(פרדס יוסף)

צוה ד׳ לי לאמר לכם (רש"י)

די חז"ל זאגען, אז משה רבינו האט זיך מצער געווען פארוואס ער האט נישט צושטייער געגעבען צום משכן, האט איהם השי"ת געזאגט: „דבורך חביב עלי מהכל".

דאס האט משה געזאגט יודען:

זה הדבר אשר צוה ד׳ לי — דאס וואס ג—ט האט מיך בעפוילען צו געבען צום משכן, איז — לאמר לכם — אייך אי־בערצוגעבען זיין דבור...

כל נדיב לבו יביאה את תרומת ד׳ (לה—י)

יעדער נדיב לב זאל איהר — דאס נדיבות — מיטברענגען מיט דער תרומה. ער דארף אריין לייגען זיין גאנצען רצון און הארציגקייט אין דער נדבה וואס ער גיט.

(שפת אמת)

וכל חכם לב בכם יבאו ויעשו את כל אשר צוה ד׳ (לה—י)

ווען מען וויל טהוען א מצוה דארף מען איהר תיכף טהוען מיט זריזות. דאס רעדען וועגען דער מצוה און פערברענגען דערוייל צייט איז גורם, אז ס׳זאלען זיך מאכען שטערונגען, וועלכע זאלען נשט לאזען די מצוה אויספיהרען. (זריזים מקדימים למצוות).

דעריבער זאגט דער פסוק: וכל חכם לב בכם — דער וואס איז באמת א חכם און וויל מקיים זיין די מצוות פון השי״ת, זאל נישט פול רעדען, זאל נישט פול צייט פערברענגען נור — יבאו ויעשו — זאלען תיכף קומען און נעמען זיך צו דער ארבייט מיט זריזות.

(חדרש והעיון)

* * *

אויף דעם זעלבען אופן טייטשט דער ווילנער גאון ז״ל דעם פסוק: חכם לב יקח מצות ואויל שפתים ילבט (משלי יח) דער וואס איז א חכם—נעמט באלד די מצוה און טהוט איר תיכף דאן איז ער זיכער, אז ער וועט קיין שטערונג נישט האבען. דער אבער, וואס איז אנ־„אויל שפתים״ ער בענארישט זיך און רעדט פול וועגען דער מצוה אבער טהוען טהוט ער איר דערווייל נישט, ביי דעם איז — ילבט — ביי דעם מאכען זיך סוף כל סוף שטערונגען און מכשולים, אז ער ווערט מיהד און די מצוה ווערט נישט געטהוען.

די גרעסטע חכמה איז, נישט צו זיין צופיל חכם... נור צו טהוען וואס השי״ת בעפעהלט אהן שום חכמות...

(פרדס יוסף)

ויבאו כל איש אשר נשאו לבו וכל אשר נדבה רוחו אותו הביאו את תרומת ד' (לה—כא)

די תורה דערצעהלט דא אלס א פלא, אז צווישען אלע יודען האט זיך נישט געפונען איין מענש, וועלכער האט גע-האט א מחשבה אדער א רצון צו געבען, וואס האט נישט געזאלט פערווירקליכען עס בפועל און טאקי געבען. די תורה זאגט דער'בער, אז — כל איש — די אלע מענשען, וואס ס'איז געוועזען — „נשאו לבו" און „נדבה רוחו" — זיי אלע" — הביאו את תרומת ד' — האבען טאקי זייער מחשבה מוציא געוועזען מן הכח אל הפועל און ווירקליך געבערענגט.

דאס איז טאקי א גרויס וואונדער, גאר נישט במנהג העולם, וואו דער גרעסטער טייל מענשען האט גוטע מחשבות אבער לידי מעשה קומט עס נישט...

(הר'חיד'א)

ויבאו האנשים על הנשים (לה—כב)

ווי בעוואוסט איז די נדבת המשכן געוועזען א תשובה אויפ'ן מעשה העגל.

די חז"ל זאגען דאך, אז א בעל-תשובה שטעהט העכער פון א צדיק — במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד — קומט דאך אויס, אז די מענער, וועלכע האבען גע-זינדיגט ביים עגל און זענען יעצט גע-וועזען בעלי-תשובה, זענען געשטאנען העכער פון די פרויען, וועלכע האבען דאס עגל נישט געמאכט. דעריבער שטעהט: ויבאו האנשים „על" הנשים — די אנשים זענען אין דעם פאל געשטאנען העכער פון די נשים, פונקט אזוי ווי א בעל תשובה שטעהט העכער פון א צדיק גמור.

(חידושי הרי'ם ז'ל)

ווען די מענער זענען געקומען, הא-בען זיי שוין דארט געטראפען די פרויען וועלכע האבען זיך מזרז געוועזען צו ברענגען זייערע נדבות צום משכן.

אזוי האבען זיך די פרויען פון יענער צייט געפיהרט. ביים עגל האבען זיי בשום אופן נישט געוואלט געבען זייער צירונג — די נזמים — און יעצט צום משכן זענען זיי גאר געקומען די ערשטע און מיט שמחה אוועקגעגעבען זייערע טייערסטע חפצים...

(מלבים)

וכל איש אשר הניף תנופת זהב לד' (לה—כב)

זיי האבען נישט אבגעוואויגען דעם זהב כדי צו געבען מיט א מאס, נור סתם אויפגעהויבען א שטיק גאלד און געגעבען פון גרויס אהבה און נדבת-הלב. פונקט ווי א גרויסער נדבן גיט געלד אומגעציילט...

(באר מים חיים)

וכל הנשים אשר נשא לבן אתנה בחכמה טוו את העזים (לה—כו)

מעל גבי העזים היו טווין אותן (רש"י)

צו וואס האט מען עס געדארפען די חכמה?

נור דער דין איז, אז בעלי חיים און דאס וואס איז מחובר צו בעלי חיים איז נישט מקבל טומאה. איז דאך געוועזען די חכמה צו שפינען פון די לעבעדיגע עזים אראפ, כדי די דאזיגע וואל זאל נישט מקבל טומאה זיין ביי דער ארבייט...

(תפארת יהונתן)

והנשיאים הביאו את אבני השהם... ואת הבשם ואת השמן לה—כז,כח)

אין פרשת תשא ביי דער פרשה פון קטרת שטעהט אבער „ויאמר ד' אל משה קח לך סמים", און די גמרא (יומא—ג) ברענגט איין שיטה וואס האלט „קח לך— משלך" — אז משה רבינו האט בעדארפען אליין ברענגען די בשמים?

נור ביי די חז"ל (יומא ע"ה) איז פערהאן א דרש אז „הנשיאים" מיינט מען די וואלקענס (פון לשון: נשיאים ורוח וגשם אין) די וואלקענס האבען געברענגט יעדען פריהמארגען צוזאמען מיטן מן, אט די אלע זאכען. איז דער וואס זאגט „קח לך — 'משלך'", האלט טאקי ווי דער דאזיגער דרש. און דאס איז דאך בעוואוסט אז דער מן איז געקומען בזכות משה (תענית פרק א) הייסט דאך דאס, אז משה האט עס געברענגט „משלו"...

(משך חכמה)

* * *

גאר א פשוט'ן תירוץ אויף דער קשיא האט געענטפערט הגאון ר' מנחם זעמבא שליט"א. לויט דעם וואס דער ירושלמי (אנהויב מס' יומא) זאגט, אז ציבור קענען מנדב זיין א קרבן און איבערגעבען עס א יחיד, הייסט עס א קרבן יחיד, פונקט ווי א יחיד קען איבערגעבען זיין געלד צום צבור און עס הייסט א קרבן צבור. ביי מילואים — זאגט דער ירושלמי — איז טאקי אזוי געוועזען, ציבור האט געברענגט די קרבנות און זיי איבער־געגעבען אהרנ'ען, דעריבער האט עס געהייסען — קרבן־יחיד.

איז ממילא פשוט ריכטיג, כאטש די נשיאים האבען געברענגט, אבער זיי האבען די זאכען איבערגעגעבען משה'ן, כדי עס זאל קענען מקויים ווערען „קח לך — משלך"...

פון דאנען איז אבעוויז, אז דער, וואס האט די מעגליכקייט צו זיין פון די ערשטע ביי א דבר מצוה און ער האלט זיך אפ — אפילו צוליב א גוטע כוונה — ווייל ער וויל שפעטער משלים זיין אלץ וואס ס'וועט פעהלען — איז עס אויך אנ'עבירה און ס'הייסט עצלות.

(רבינו בחיי)

כך אמרו נשיאים: יתנדבו צבור מה שמתנדבין ומה שמחסרין אנו משלימין... ולפי שנתעצלו תחלה נחסרה אות משמם—והנשיאם כתיב (רש"י)

פארוואס פעהלט פונקט דאס אות „יוד" פון ווארט „נשיאים"?

נור ווייל זיי האבען זיך נישט געוואלט משתתף זיין מיט'ן ציבור און געהאלטען זיך בעזונדער, פעהלט טאקי דאס אות וואס איז לויט די כללי הדקדוק דער סימן־הרבים (נשיא—נשיאים) מרמז צו זיין, אז זיי האבען זיך אבגעטיילט פון רבים און געווארען בעזונדערע יחידים...

(אבני אזל)

ראו קרא ד' בשם בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה (לה—ל)

דאס איז געווען פאר יודען דער גרעסער בעוויז אז דורכ'ן געבען די נדבות צום משכן איז שוין נתכפר דער חטא פון עגל. ווארום חור איז דאך געהרג'עט געווארען דורך יודען ביי דער מעשה־העגל, ווייל ער האט זיך אבגעזאגט עס צו מאכען. ווען אלזא מען האט בעשטימט זיינ'ם אנ'אייניקעל — בצלאל — צו מאכען דאס משכן איז עס דער בעסטער סימן אז דער חטא איז שוין אבגעמעקט געווארען, אויב נישט וואלט דאך פונ'ם קטיגור נישט געקענט ווערען קיין סניגור...

דעריבער איז די תורה מייחס בצלאל'ן ביז חור, נישט ווייניגער און נ'שט מעהר.

(לקוטי תורה)

בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה (לה—ל)

מסירת־נפש קען נור זיין אויב מען לעגט אוועק אלע חקירות און חכמות. דעריבער איז מען דורך מסירת־נפש, זוכה צו חכמה און דעת — דאס איז מדה כנגד מדה פאר'ן אוועקלייגען די חכמה...

ווייל בצלאל איז געווען דאס אייניקעל פון חור — וועלכער האט זיך מוסר נפש געווען ביים עגל, — און פון שבט יהודה — וועלכער האט זיך מוסר נפש געווען ביים ים און אריינגעשפרונגען דער ערשטער אין וואסער — דעריבער האט מען איהם בעשאנקען מיט חכמה ותבונה אין זכות פון מסירת־נפש פון זיינע אבות.

(משך חכמה)

* * *

ביי דער אינקוויזיציע אין שפאניען — זאגט החסיד ר' יוסף יעב"ץ ז"ל וואס האט געלעבט אין יענער תקופה — זענען פארגעקומען מעהר אקטען פון מסירת-נפש אויף קידוש השם ביי די תמימות'דיקע פשוטע מאסען ווי ביי די יודישע חכמים און פילאזאפען.

חקירה און התחכמות זענען נישט די דרכים וואס פיהרען צו מסירת-נפש — נור אמונה פשוטה.

חור בנה של מרים היה (רש"י)

דאס וואס מען האט בצלאל'ן מייחס געווען מיט די נעמען פון זיין פאטער און עלטער פאטער, איז דאך כדי משה זאל וויסען ווער דאס איז און נישט נעמען א צווייטען בצלאל. דאס איז אבער נור ריכטיג ביי'ם דיבור פון ג—ט צו משה'ן, ווען משה רעדט אבער צו די יודען, האט ער דאך געקענט נעמען בצלאל'ן און פארשטעלען פאר'ן פאלק בלויז מיט זיין אייגענעם נאמען צו וואס האט איהם משה געדארפען מייחס זיין מיט דר"י דורות — מוז דאך זיין כדי יודען זאלען איהם נישט חושד זיין, אז דער געטליכער בעפעהל איז באמת געווען אויף אנ'אנדערן בצלאל נור משה האט בכוונה גענומען דעם בצלאל אויף יענעמס ארט, דעריבער האט משה נאכ-אמאל איבער געזאגט דעם בעפעהל פון השי"ת מיט'ן יחוס פון בצלאל'ן.

כדי מסביר צו זיין פארוואס טאקי וואלטען יודען געהאט אזא חשד אויף משה רבינו — זאגט רש"י: חור בנה של מרים היה — האט דאך משה אנגע-הערט בצלאל'ן א פעטער, דעריבער וואלט דער דאזיגער חשד ענטשטאנען ביי יודען אז משה האט איהם אויסגעקליבען צוליב זיין קרובה'שאפט. האט ער דעריבער איהם מיחס געווען אזוי ווי ס'איז געווען דער דיבור פון השי"ת.

(עדות ביהוסף)

ובחרשת אבן למלאת (לה—לג)

די חז"ל דערצעהלען, אז רבי עקיבא וואס איז פריהער געווען אנ'עם הארץ האט זיך גענומען צום לערנען, ווייל ער האט געזעהען א לאך אין א שטיין, האט ער זיך געפרעגט: פונוואנען דערנעמט זיך דאס? האט מען איהם געזאגט, אז די טראפענס וואסער פונ'ם דאך האבען אזוי כסדר ארויף געגאסען זיך אויפ'ן שטיין ביז ער איז געלעכערט געווארען, האט ער זיך דערפון ארויסגענומען א מוסר אויב ווייכע טראפענס וואסער קענען אדורכלעכערן א הארטען שטיין, קען דאך געווים דאס כסדר'דיגע לערנען אריינדרינגען אין א מענשליך הארץ, ווי פערהארטעוועט און פערגרעבט ס'זאל נישט זיין.

בצלאל האט פערמאגט די גרויסע חכמה צו קענען ארײנדרינגען אין דעם פערשטיינערטסטען הארץ, עס לעבערען און אנפילען מיט תורה און יראת שמים. דאס הייסט: ובחרשת אבן למלאת— ער איז געווען א מייסטער צו לעבערן „שטיינער" און זיי אנצופילען מיט דעם גייסטיגען מאטעריאל...

(מלין־חדתין בשם החדושי הרי"ם)

ולהרות נתן בלבו (לה—לד)

פערהאן חכמים וואס פערמאגען א סך חכמה, אבער זיי האלטען איהר נור פאר זיך, זיי קענען נישט אדער ווילען נישט די דאזיגע חכמה איבער־געבען און אויסלערנען אנדערע. די תורה זאגט דעריבער, אז בצלאל און אהליאב האבען בעקומען פון השי"ת דעם טאלאנט און אויך דעם ווילען: „להורות" — אנדערע צו לערנען און ארויסצוגעבען זייער חכמה.

(אבן עזרא)

אשר נתן ד' חכמה ותבונה בהמה (לו—א)

אפילו בהמות היו מתחכמין (מדרש)

דאס איז געווען דער בעוויז, אז זייער חכמה איז נישט געווען קיין נאטירליכע נור — אשר נתן ד' — ווען די חכמה האט אויך געהאט א השפעה אויף זייערע בהמות. אזוי ווי דאס איי־זעל פון רבי פנחס בן יאיר, האט גע־האט דעת נישט צו ווילען עסען נישט גע'מעשר'טע תבואה, וויל די געטליכע קדושה פון רבי פנחס'ן האט אויף איהר אויך משפיע געווען הכמה.

דורכ'ן „בהמה" איז א ראי' אז — נתן ד' חכמה ותבונה...

(תורת משה)

והם הביאו אליו עוד נדבה בבקר בבקר (לו—ג)

פערהאן אזעלכע עסקנים, וועלכע פטר'ן זיך פון זייער אייגענער נתינה צו־ליב דעם וואס זיי זענען עוסק אין דער מצוה. דא דערצעהלט אונז די תורה אז „והם" — אפילו די עושה המלאכה אליין האבען זיך נישט געפטרט פון געבען זייער נדבה נור — הביאו אליו נדבה בבקר בבקר — אין דער פריה פאר דער ארבייטס־צייט, האבען זיי זיך צוגעאיילט און געברענגט זייער אייגענער נדבה.

(אמרי שפר)

והמלאכה היתה דים לכל המלאכה לעשות אותה והותר (לו,-ז)

„דים", הייסט בלויז גענוג אויף אויסצוקומען, דאגעגען „והותר", בעדייט דאך איבערגעניג, נאך אויף איבער־צובלייבען?

נור ווען די נדבות צום משכן וואלטען געווען גענוי וויפיל מען דארף וואלט פאקטיש גאר געפעהלט, ס'וואלט געווען עיקר חסר — די השראת השכינה. וויל יעדער וואלט ארומגעגאנגען ביי זיך אין גרויסען: מיין נדבה האט משלים געווען און אהן מיין נתינה, וואלט צו־געפעהלט צום משכן ד' און השי"ת איז נישט משרה זיין שכינה צווישען בעלי גאוה. — „תועבת ד' כל גבה לב" — „אין אני והוא יכולין לדור בדירה אחת". דאגעגען, אז עס איז געווען „והותר".

עס זענען נאך איבערגעבליבען גדבות, וואס זענען נישט פערוועגדעט געווארען, איז נאך יעדער יוד ארומגעגאנגען ביי זיך צוּבּראכען: אפשר איז מיין נדבה געבליבען דרויסען און איך האב נישט קיין חלק אינ'ם משכן ד' און ממילא האט עס גורם געווען צו השראת השכינה ווייל „אשכון את דכא". קומט אלזא אויס, אז ווען עס וואלט געווען בלויז „דים", גענוג — וואלט נאך גע־פעהלט, נאר ווייל עס איז געווען „והותר", ס'איז איבערגעבליבען — איז ערשט גע־ווען טאקי „דים" — פונקט גענוג צום אייגענטליכען געברויך, צום — צורך גבוה.

(שיחות צדיקים)

* * *

דאס איז דער טעם פארוואס „והנשיאם חסר כתיב" — ווארום זיי האבען דאך געברענגט ספעציעלע זאכען וועלכע מ'האט שטענדיג דערקענט, האבען זיי דאך שטענדיג געהאט דאס געפיהל, אז זיי האבען מיט זייער נתינה אויפגעטהוען, אז דאס און דאס איז זייערס — דאס איז געווען דער חסרון...

(הה'ק מוואלאמין שליט'א)

ויכלא העם מהביא (לו—ז)

אויב מען הייסט נישט געבען — איז דאס נישט געבען פונקט אזא מצוה, ווי פריהער דאס יא געבען... „כשם שמקבלים שכר על הדרישה, כך מקבלים שכר על הפרישה"...

(תורת משה)

ויעש קרסי נחשת חמשים לחבר את האהל [לו—יח]

פארוואס אויבען ביי די קרסי זהב (פסוק יג) שטעהט נישט „לחבר את האהל"?

נור ווי בעקאנט האבען יודען אין דער מדבר געוואוינט אין אוהלים, ווע־מענס'יריעות זענען מסתמא געוועזען

צוזאמען געהאפטען דורך „קרסי נחושת". אבער „קרסי זהב" בענוצט מען נישט געוועהנליך צו פריוואטע וואוינונגען, דעריבער האט מען ביי די קרסי נחושת געמוזט מכוון זיין, אז מען מאכט זיי פאר'ן משכן — לצורך גבוה — דאגעגען די קרסי זהב האט מען גארנישט געדארפט אין זינען צו האבען ביים מאכען זיי, ווייל מסתמא זענען זיי געווען לשם משכן דען לשם הדיוט האט מען זיי נישט בענוצט.

די ספעציעלע כוונה ביים מאכען די קרסים „לחבר את האהל" האט טאקי נור געמוזט זיין ביי די קרסי נחשת, וועלכע מען בענוצט אויך להדיוט.

(משך חכמה)

ויעש בצלאל את הארן [לז—א]

פארוואס דוקא ביים ארון איז דער־מאהנט בצלאל'ס נאמען?

נור אלע אנדערע זאכען האבען אויך אנדערע אויסער בצלאל געמאכט, שפע־טער אין ערשטען בית־המקדש, אין בית־שני און מען וועט זיי אויך מאכען לעתיד. אבער אנ'ארון האט שוין קיינער אויסער בצלאל, נישט געמאכט און זייט דער ערשטער ארון איז נגנז געווארען האט מען קיין צווייטען נישט מעהר גע־מאכט. אויך לעתיד וועט צוריק נתגלה ווערען דער זעלבער ארון פון בצלאל.

(משך חכמה)

ויעש את שמן המשחה קדש ואת קטרת הסמים טהור [לז—כט]

ביים שמן המשחה שטעהט „קדש" און ביי די קטרת־הסמים „טהור"?

ווייל ס'איז פערהאן א מיינונג (שבועות יא) אז דער מכתשת אין וועל־כען מ'האט געמאכט דאס קטרת איז נישט געווען קיין כלי־שרת און ס'האט נישט מקדש געווען קיין קדושת־הגוף, נור אקייגען דעם ס'זאל טמא ווערען מיט דער קלענסטער טומאה. דאגעגען דער „הין" מיט וועלכען מהאט געמאסטען דעם שמן המשחה איז זיכער געווען א כלי־שרת. קומט דאך אויס, אז דער שמן המשחה איז באלד נאכ'ן מאכן שוין געווען „קדש" אבער די קטרת זענען נור געווען „טהור" נישט קדש גמור.

(אבני אזל)

ויעש את הכיור נחשת... במראת הצבאת [לח—ח]

דער מגיד פון מעזריטש ז"ל פלעגט זאגען: אז יעדער מענטש דארף בעטראכ־טען דעם צווייטען ווי א שפיגעל. פונקט ווי א שפיגעל ווייזט אן אויף די א־יגענע

מיאוסקייטען, אזוי זעהענדיג דעם צוויי־טענס הסרונות דארף מען זיי דערפיהלען ביי זיך און לערנען דערפון ווי אזוי זיך ריינצוואשען פון זיי און דאס איז דער טייטש פונ'ם מאמר: איזהו חכם הלומר מכל אדם (אבות).

דעריבער ווען די כהנים זענען זיך געגאנגען אבוואשען צו דער עבודה און האבען געדארפען אויך גייסטיג זיך אב־צוואשען פון יעדען פגם, חסרון, נגיעה און פני', האט זיי דער כיור, וואס איז געווען געמאכט פון שפיגלען, דערמאהנט אז כדי צו דערקענען די אייגענע חסרונות, דארף מען אריינקוקען אינ'ם שפיגעל פון אצווייטען מענש. קוקענדיג בלויז אויף זיך, איז זיי שווער צו דערטאפען...

(תולדות יעקב יוסף)

פארוואס האט מען פון די שפיגלען פון די פרומע פרויען געמאכט דווקא דעם כיור?

נור דער כיור איז דאך געווען בע־שטימט, אז די כהנים וואס האבען גע־טהוען די עבודה זאלען זיך וואשען די הענד מיט די פוס.

דאס איז אגעוויסע אנדייטונג אז די עסקנים פאר יודישקייט, וואס טהוען די עבודת־הקדש ביי יודען טארען נישט מיעד ווערען, נור זיי דארפען שטענדיג אויפ־פרישען און בענייען זייער טעטיגקייט מיט נייע כחות און פרישען מוטה. (רהיצת ידים ורגלים — הייסט אויפפרישען די טעטיגקייט ווי דאס לשון פון פסוק: „כמים קרים על נפש עיפה" — משלי — כה־כה).

די בעסטע ערמוטיגונג פאר די עס־קנים, איז ווען זיי זעהען אז אלע טיילען פון פאלק שטיצען אונטער זייער ארבייט און עס האט אווירקונג צו פערשטארקען דאס יודישקייט אפילו אין אזעלכע קריי־זען, ווי די אויסזיכטען זענען נישט גע־ווען אזוי שטארק.

דאס וואס עס געפונען זיך יודישע פרויען, וועלכע גיבען אוועק זייער שמוק און צייערונג, אפילו זייערע שפיגלען פאר ג—ט'ס משכן — דער פאקט אליין איז עס דער גרעסטער חזוק פאר די כהנים־עסקנים. די דאזיגע שפיגלען ווערען ממילא א כיור, וועלכער וואשט מיט פריש און ריין וואסער די הענד און פיס פון די עסקנים, ערמוטיגט און פרישט זיי אויף צו ווייטערדיקע מעשים.

(אבני אזל)

פונ'ם וואסער פון כיור האט מען גענומען אנצוטרינקען די פרויען־סוטות ווען מען האט געוואלט מברר זיין צו זיי זענען זינדיג.

האבען דעריבער די פרומע פרויען געגעבען די מאטעריאלען צום כיור, און דערמיט דעמאנסטרירט זייער צניעות און כשרות, אז זיי האבען נישט קיין מורא פאר'ן בירור וואס דער כיור וועט מאכען.

(כלי יקר)

הפטרה ויקהל

(מלכים א—ז)

ויקם את העמוד הימני ויקרא את שמו יכין ויקם את העמוד השמאלי ויקרא את שמו בעז (ז—כא)

פערהאן צוויי הנהגות מיט וועלכע השי"ת פיהרט דער וועלט. א) די נאטירליכע הנהגה, וועלכע השי"ת האט פעסטגעשטעלט פון ששת־ימי־בראשית, לויט פעסטגעזעצטע געזעצען און נארמען וואס ענדערען זיך קיינמאל נישט. די דאזיגע הנהגה הייסט „בועז" — ווייל: „בו־עז", אין דער הנהגה ענטפלעקט זיך די בעסטע, קביעות'דיגע געטליכע מאכט ב) די איבערנאטירליכע הנהגה, לויט וועלכער השי"ת ענדערט טיילמאהל אין טבע'דיגע געזעצען אויף א וואונדערליכען אופן און בעווייזט נסים, ווען עס איז זיין רצון דערצו, דאדורך וואס די מענשען מאכען זיך מיט זייערע מעשים ראוי דערצו, אז ס'זאל זיי געטהוען ווערען נסים—די דאזיגע הנהגה הייסט „יכין"— ווייל זי איז א רעזולטאט פון א ספעציעלען רצון צו ענדערן די טבע, וועלכער ווערט בעגייט אין הימעל לויט די הכנה און די פארברייטונגען פון די מענשען פון דער וועלט.

די נארמאלע טבע'דיגע הנהגה ווערט בעצייכענט, אין בעצוג צו דער איבער. נאטירליכער וואונדערליכער געטליכער הנהגה, ווי לינקס א קייגען רעכטס.

דעריבער איז דער זייל „יכין" געוועזען פון רעכטס און דער זייל „בועז" פון לינקס...

(מלבים)

די צוויי עמודים אויף וועלכע א מענש דארף איינארדנען זיין לעבען, כדי ער זאל עם פערהייליגען און ער זאל ווערען א מקדש פאר ג—ט, זענען „יכין" און „בועז".

„יכין" — איז פון לשון הכנה. דער

מענטש דארף שטענדיג געדענקען אז די וועלט, איז נור אנ'ארט פון פארברייטונג, א פרוזדור צו א טרקלין, און אין דעם דאזיגען פרוזדור דארף מען זיך צוגרייטען מיט מצוות און מעשים טובים כדי מען זאל האבען מיט וואס צו קומען אויף דער אייביגער וועלט — אין טרקלין, (התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין — אבות)

„בועז" איז פון לשון „בו — עז" ד. ה. אין איהם זאל זיין די תורה וואס הייסט „עז" (ד' עוז לעמו יתן — ואין עוז אלא תורה). דער מענטש דארף ווי־סען אז זיין גרעסטע אויפגאבע אויף דער וועלט איז, אין זיך איינצוזויגען די תורה, איהר צו לערנען און אין איהר זיך צו פערטיעפען, כדי זי זאל ווערען א שטיק פון זיין „איך" און א טייל פון זיין חיות.

ווען דער מענטש שטענדיג זיך מכין זיין צום עולם־הבא, און לערנען פיל תורה, אזוי, אז מען זאל אויף איהם זאגען: „אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו" — וועט ער אזוי ארום בויען די זיילען פאר זיין אייגענעם מקדש...

(צוארי שלל)

די חז"ל זאגען: „יצרו של אדם מתחדש עליו בכל יום ואלמלא הקב"ה עוזרו לא יוכל לו" — ד. ה. אז אינ'ם קאמף מיט די שלעכטע כחות קען דער מענטש אליין נישט גובר זיין אויב השי"ת העלפט איהם נישט צו. נור ווען העלפט מען איהם צו, אויב דער מענטש פון זיין זייט גרייט זיך אליין פאר דעם דאזיגען קאמף צו פירען. דען נור: „הבא לטהר — מסייעין אותו". טהוט אבער דער מענטש אליין גארנישט, קען ער גישט דערווארטען קיין מיטהילף פון הימעל.

ווען ס'איז „יכין" — אז דער מענטש גרייט זיך אליין צו און האט א רצון צו בעקעמפען זיינע שלעכטע כחות, דעמאלט איז „בועז" — גיט מען איה ספון הימעל קראפט און פעסטקייט (עז) צו קענען דעם דאזיגען קאמף פיהרען ביז צו א נצחון.

(הרחיד'א ז'ל)

ויעש שלמה... ואת השלחן אשר עליו לחם הפנים זהב (ז-מח)

עשרה שלחנות עשה שלמה ולחם הפנים לא היו מסדרין אלא בשלחן שעשה משה (מנחות צט)

דערמיט האט מען מרמז געווען, אז עסען לחם זאל מען נור אויף אזא שלחן וואס טראגט. אויף זיך דעם נאמען פון משה רבינו — דער סימבאל פון תורה — אויף א שלחן, וואס מען זאגט ביי איהם דברי תורה. ווי די משנה זאגט: אבל שלשה שאכלו על שלחן אחד ואמרו עליו דברי תורה כאילו אכלו משלחנו של מקום, שנאמר: וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ד' (אבות פ"ג).

(דבר המלכה)

פרשת פקודי

אלה פקודי המשכן (לח—כא)

באמת האט מען נישט געדארפען צעהלען, נור — אשר פקד על פי משה —משה רבינו האט עס געפאדערט, כדי מקיים צו זיין „והייתם נקיים מד׳ ומישראל“ — טאמער וועט איינער זיך פרעגען א חשבון און וועלען וויסען ווי אזוי דאס זילבער איז פערברויכט געווארען...

(אור החיים)

* * *

דעריבער האט טאקי משה נור אבגעגעבען חשבון, וואס מען האט געמאכט פונ׳ם זילבער און נישט וואס מען האט געמאכט פון גאלד? (די קשיא פרעגט אויך דער אבן־עזרא). ווייל דאס זילבער איז געווען פונ׳ם מחצית־השקל, וואס אלע האבען געגעבען אלס חוב, האט משה פער־שטאנען, אז צווישען אלע יודען וועלען זיך געפונען אזעלכע, וואס וועלען פערלאנגען חשבון און האבען חשדים. דאגעגען דאס גאלד, וועלכעס איז נור געגעבען געווארען אלס נדבה פון די נדיבי־לב — פון זיי איז נישט געווען צו ערווארטען בעלי־חשדים און חשבון־פאדערער...

(אהבת יהונתן)

* * *

פארוואס האט ער אבער אבגעגע־בען א חשבון פונ׳ם נחשת—ס׳איז דאך אויך נור געווען אלס נדבה? זאגט דערויף די וועלט: ווייל דווקא די וואס גיבען אמווייניגסטען—נחשת—די פערלאנגען גיכער חשבון ווי די וואס געבען א סך...

די שלעכטע נותנים האבען שטענ־דיג טענות און חשדים, כדי צו האבען א תירוץ מעהר נישט צו געבען...

דער זוהר הקדוש פרעגט, צו וואס האט מען בכלל געצעהלט, די ברכה איז דאך נישט חל אויף א געצעהלטע זאך? ענטפערט דער זוהר דערויף, ווייל עס איז געצעהלט געווארען דורך משה רבינו, האט די ברכה געקענט רוהען

דערויף אפילו געצעהלטערהייט.

דאס איז דער פשט פון פסוק — אלה פקודי המשכן — מ'האט געצעהלט די נדבות צום משכן, כאטש אומעטום איז דאך די ברכה נישט שורה בדבר המנוי, נור ווייל — אשר פקד על פי משה — עס איז געצעהלט געווארען דורך משה'ן, האט דאס צעהלען נישט געשאדענט צו דער ברכה.

דעריבער ברענגט דער מדרש דע־רויף דעם פסוק: „איש אמונים רב ברכות — זה משה".

ווייל משה רבינו, דער איש אמונים, איז געוועזען דער צעהלער, איז — רב ברכות — כאטש ס'איז געוועזען א דבר־המנוי...

(ספרים)

* * *

דער טעם פארוואס „אין הברכה שורה אלא בדבר הסמוי מן העין" — איז, ווייל א ברכה איז א הייליגער פנימיות'דיגער כח און קדושה האט נור ליעב צניעות און בעהאלטענקייט: א זאך וואס איז אפען און געצעהלט זענען שוין שולט דערויף הצוניות'דיגע שלעכטע כחות און די ברכה קען נישט צוקומען.

ווען דאס צעהלען קומט אבער מיט'ן כח פון משה רבינו אויף וועמען די תורה זאגט „בכל ביתי נאמן הוא", איז דאך פערהאן דער כח פון אמת, און דארט וואו ס'איז דא אמת האבען שוין קיין שום אויסערליכע שלעכטע כחות קיין שליטה נישט. דאס חצוניות האט נור א שליטה ווי ס'איז פערהאן שקר.

געהט מען מיט'ן אמת קען קיין שום אויסערליכער כח נישט שאדענען און די ברכה מוז רוהען.

(הגה'ק מסוכטשוב זלה'ה)

אלה פקודי המשכן משכן העדות אשר פקד על פי משה (לח-כא)

רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנין על עונותיהם של ישראל (רש'י)

ס'איז בעוואוסט, אז ווען משה רבינו וואלט אריינגעקומען קיין ארץ־ישראל, וואלטען יודען נישט געזינדיגט און ס'וואלט נישט צוגעקומען צום חורבן בית המקדש. נור ווייל משה איז נפטר געווארען אין דער מדבר צוליב דעם חטא פון מי־מריבה (וואס ער האט געזאגט צו יודען „שמעו נא המורים"...) און נישט מיטגעגאנגען קיין ארץ ישראל, דעריבער האט עס נישט גע־האט קיין אייביגען קיום.

דאס איז די כוונה פונ'ם פסוק: אלה פקודי המשכן... אשר פקד — דעריבער איז דאס בית־המקדש (וואס הייסט אויך משכן) פערמשכונ'ט געווארען און ס'האט געפעהלט שפעטער (פון

לשון חסרון, ווי: לא נפקד ממנו איש) ווייל — על פי משה — דורך משה'ן וועלכער איז נישט אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, צוליב די זינד פון, זיין מויל — על „פי" משה...

(תורת משה)

ווי אזוי האט מען דעם משכן גע־מעגט נעמען פאר א משכון, די תורה זאגט דאך: לא יחבל רחיים ורכב כי נפש הוא חובל (דברים כד—ט) — אז א זאך פון וועלכען ס'איז אבהענגיג דעם בעל־חוב'ס לעבען און עקזיסטענץ טאר מען נישט משכונ'ען? צי דארף מען נאך א זאך, וואס זאל זיין דער־פון אבהענגיג דאס יודישע חיות מעהר ווי דאס מקדש?

על כל פנים איז עס דאך נישט ערגער ווי א מלבוש זיך צו צודעקען, וועלכעם מען מוז אבגעבען, אויב מען האט עס גענומען אלס משכון ווי די תורה זאגט: „אם חבל תחבול שלמת רעך עד בוא השמש תשיבנו לו" (שמות כב—כה). צו איז דען פערהאן נאך א זאך, וואס יודען זאלען דארפען אזוי נויטיג ווי דאס בית־המקדש?

נור דארט זאגט טאקי די תורה: „במה ישכב והיה כי יצעק אלי ושמעתי" — ווייל דער בעל־חוב פיהלט, אז עס פעהלט איהם און שרייט דערויף, דעריבער מוז מען עס איהם צוריקגעבען. נו, זיצט טאקי השי"ת און קוקט אויס, אז יודען זאלען אזוי שטארק פיהלען דעם חסרון פון בית־המקדש, אז זיי זאלען שרייען צו איהם פון די טיעפעניש פון זייער נשמה — וועט ער עס טאקי צוריק געבען... אפילו יעדער א ינציגער יוד אין גלות וואס איז זוכה צו זארגען באמת אויפ'ן פעהלען פון בית המקדש און ער שרייט דערויף צו ג—ט, גיט מען איהם אויך צוריק זיין חלק אינ'ם מקדש, — השראת השכינה...

(תולדות אדם)

ווען דער נביא האט געפרעגט: „על מה אבדה הארץ"? האט ג—ט געענטפערט „על עזבם את תורתי" — ד. ה. דער חורבן איז בעיקר געקומען צוליב עזיבת־התורה. דעריבער זאגט דער נביא מלאכי: „זכרו תורת משה עבדי... הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא" (מלאכי ג—כב, כג) אז די גאולה איז אבהענגיג אינ'ם צוריק געדענקען די תורה פון משה'ן.

זאגט דעריבער דא די תורה: אלה פקודי המשכן — מיט דעם קען צוריק געדענקט ווערען און אויסגעלייזט ווע־רען (פון לשון: „פקד יפקד") דאס מקדש, וואס איז פערמשכונ'ט געווארען — על פי משה — אויב מען וועט צוריק געדענקען די תורה, וואס משה רבינו האט אונז געלערנט.

דורך עזיבת-התורה איז דאס מקדש חרוב געווארען און דורך זכירת-התורה וועט עס צוריק אויפגעבויט ווערען...

(תולדות יעקב יוסף)

די חז"ל זאגען, אז דער „משכן" האט אויך געהייסען „מקדש" און דער „מקדש" אויך „משכן".

„מקדש" האט עס געהייסען מכח דעם, וואס יודען האבען עס פערהייליגט און זיך צונויפגעזאמעלט דערין צו דברים שבקדושה. משכן האט עס געהייסען מכח דעם, וואס השי"ת האט געמאכט רוהען דערין זיין שכינה.

דעריבער שטעהט „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" (שמות כה—ח) — דעם „מקדש" מאכען זיי — די יודען און דעם משכן מאכט השי"ת דורכ'ן „ושכנתי"...

דער חורבן פון די מקדשים איז דעריבער מרומז אינ'ם ווארט „משכן" — כאטש דאס משכן איז דאך גאר נגנז געווארען, נישט חרוב — ווייל ווען השי"ת איז מסלק זיין שכינה ווערט ממילא דער מקדש אוים „משכן"...

(שם משמואל)

משכן העדת

דער משכן אליין איז געוועזען אנ'עדות, אז דער חשבון, די צעהלונג איז א ריכטיגע, אז ס'איז דא גארנישט געשעהן חלילה קיין מיסברויכען. וואלט נור געוועזען דא א נדנוד פון גניבה, וואלט זיכער נישט געוועזען קיין השראת-השכינה און ס'וואלט נישט געוועזען קיין „משכן".

אני ד' שונא גזל בעולה...

(מלבי'ם)

אינ'ם ארון האבען שטענדיג געמוזט זיין די לוחות" (ואל הארון תתן את העדות אשר אתן אליך—שמות כה—כא) דער משכן ווידער, האט נור געהאט אויף זיך די קדושת-המשכן, ווען דער ארון איז אין איהם געוועזען. ווי עס זאגען די חז"ל: „אוהל מועד נטוי כדרכו ואין הארון נתון שם הרי זה במה גדולה" (תוספתא סוף זבחים).

ווייל ס'האט נור געהייסען משכן צוליב דעם ארון, דעריבער הייסט ער „משכן העדות".

(משך חכמה)

אמר להם כך וכך עשיתי למשכן וביתר עשיתי משכן לעדות (מדרש)

וואס איז דאס דער „משכן לעדות“ וועלכעם משה האט געמאכט אויסער דעם משכן?

זאגען די מפרשים, אז נעבען משכן האט משה רבינו אויך אויפגעשטעלט א בית=מדרש אין וועלכען ער האט געלערענט תורה=ברבים.

דאס איז געווען א תיקון אויפ׳ן חטא וואס יודען האבען געזינדיגט דערמיט, וואס זיי האבען מסכים געווען צו יתרו׳ס עצה, צו בעשטימען שרי=אלפים און שרי=מאות. זיי האבען דאך געדארפט זאגען, מיר ווילען בעסער לערנען פון משה׳ן אליין (זעה רש״י דברים א—יד) איידער פון זיינע תלמידים, זייער הסכמה האט אויסגעזעהען א שמייגער ווי עס וואלט זיי גישט געווען ליעב דאס לערנען ביי משה רבינו. דער יעצטיגער בית=מדרש אין וועלכען משה האט געלערענט תורה ברבים פאר אלע יודען איז ממילא געווען א כפרה אויפ׳ן דאזיגען חטא.

(חתם סופר)

„אלה“ בעטרעפט זעקס און דרייסיג, א קעגען די ל״ו צדיקים, וואס זענען פערהאן אין יעדען דור.

די צדיקים ווערען אויך גענומען אלס משכון פאר יודישע זינד. פונקט ווי דאס בית=המקדש. ווי די חז״ל זאגען: „צדיקים נתפסים בעוון הדור“.

(פרדס יוסף)

„משכן“ — בעטרעפט פיער הונדערט און צעהן, אקעגען די יאהרען, וואס דאס ערשטע בית=המקדש איז געשטאנען.

„המשכן“ — צורעכענענדיג אויך די פינף אותיות — בעטרעפט פיער הונדערט און צוואנציג, אקעגען די יאהרען פונ׳ם צווייטען בית=המקדש. „העדת“ — בעטרעפט פיער הונדערט ניין און זיבציג, אקעגען די יאהרען, וואס דאס משכן האט עקזיסטירט ביז צום בנין פונ׳ם ערשטען בית=המקדש.

(רבינו בחיי)

* * *

פארוואס ביים רמז א קעגען צווייטען מקדש פעהלט צו פינף און מען מוז צורעכענען די אותיות—זאגט דער חתם סופר — ווייל דאס איז מרמז אויף די פינף זאכען וואס האבען געפעהלט ביים בית=שני (זעה יומא כב).

פריהער זאגט רש״י, אז „משכן״ איז מרמז אויפ'ן חורבן בית־המקדש און דערנאך זאגט רש״י, אז דאס משכן איז אנ'עדות, אז „השכינה שורה בישראל״.

דעם המשך דערפון איז צו פער־שטעהן לויט ווי די חז״ל דערצעהלען: אמאל זענען רבן גמליאל, רבי אליעזר בן עזריה, רבי יהושע און רבי עקיבא צוגעקומען צום ארט וואו דאס בית־המקדש איז געשטאנען, האבען זיי געזעהען א פוקס ארויסגעהן פונ'ם קדשי קדשים, האבען זיי אנגעהויבען וויינען און רבי עקיבא האט געלאכט. פרעגען זיי איהם: פארוואס לאכסטו? פרעגט ער זיי צוריק: פארוואס וויינט איהר? זאגען זיי: אנ'ארט, אויף וועלכען די תורה האט געזאגט: „והזר הקרב יומת״ געהען יעצט ארום פוקסען, — זאלען מיר נישט וויינען? האט ער זיי געזאגט: דעריבער לאך איך טאקי. דען אויב ס'איז מקויים געווארען די נבואה פון אוריה הנביא, אז „צוליב אייך וועט ציון ווערען פעראקערט ווי א פעלד״ — איז צו ערווארטען, אז ס'וועט אויך מקויים ווערען די נבואה פון זכריה הנביא: „ס'וועלען נאך זיצען זקנים און זקנות אויף די גאסען פון ירושלים״. האבען זיי איהם געזאגט מיט דעם לשון: עקיבא דו האסט אונז געטרייסט; עקיבא! דו האסט אונז געטרייסט (מכות כד).

דאס אלזא, וואס דאס בית־המקדש וועט חרוב ווערען און ס'וועלען מקויים ווערען די שלעכטע נביאות פון די נביאים, וואס האבען פאראויס געזאגט דעם חורבן — איז דאס אליין איז אנ'עדות, אז די שכינה וועט סוף כל סוף, ווייטער רוהען אויף יודען, ווען ס'וועט קומען די גאולה העתידה, אזוי ווי די זעלבע נביאים האבען נבואות געזאגט.

דאס וואס מיר זעהען, אז די שלעכטע נבואות ווערען פערווירקליכט, פילט אונז אן מיט האפנונג, אז ס'וועלען אויך מקויים ווערען די גוטע יעודים, וועלכע אונזערע נביאים האבען פארגעזעהען אויף דער צוקונפט.

(הדרש והעיון)

כל הזהב העשוי למלאכה בכל מלאכת הקדש (לח—כד)

דאס וואס זהב איז אינגאנצען בע־שאפען געווארען אויף דער וועלט, איז נור כדי מען זאל דערמיט טהוען הייליגע און נוצליכע זאכען.

כל הזהב העשוי — איז נור צוליב — למלאכה בכל מלאכת הקדש...

(תפארת יהונתן)

מאת אדנים למאת הככר ככר לאדן (לח—כז)

הונדערט אדנים זענען געוועזען צום משכן און הונדערט ברכות דארף א יוד מאכען יעדען טאג. פונקט ווי די אדנ'ם זענען געוועזען די יסודות פונ'ם משכן,

אזוי זענען די ברכות די יסודות פון דער קדושה אין יעדען יוד. „אדן" — איז פון לשון אדנות, דורך דער ברכה זאגט מען עדות, אז השי"ת איז דער אדון פון דער גאנצער בריאה.

די מאה ברכות, זענען ממילא די מאה אדנים צום משכן פון יעדען יוד...

(חדושי הרי"ם)

ואת האלף ושבע המאות וחמשה ושבעים עשה ווים לעמודים (לח-כח)

די חז"ל זאגען, אז משה רבינו האט ביים מאכען דעם חשבון פערגעסען, וואס ער האט געמאכט פון די טויזענד זיבענהונדערט פינף און זיבעציג שקלים ביז ער האט זיך דערמאהנט, אז ער האט פון זיי געמאכט די ווים לעמודים.

די כוונה דערפון איז, לויט ווי די ספרים זאגען, אז דער עיקר שורש פון יודען זענען זעקס הונדערט טויזענד נפשות, די אלע האבען אנ'ארט אין די אותיות פון דער תורה און זיי האבען אויך געהאט אנ'אחיזה אין משכן. פאר די רעשט יודען אבער, וואס זענען געוועזען איבער דער דערמאהנטער צאהל, און האבען נישט געהאט קיין ריכטיגען קשר אין דער תורה און אין שורש ישראל — פאר זיי האט משה לכתחילה נישט געפונען קיין עצה, ווי אזוי זיי אריינצונעמען אין דער קדושה. ביז ער האט געפונען פאר זיי אנ'עצה, אז זיי זאלען זיך מתחבר זיין צו די צדיקים — וואס הייסען „עמודים", ווייל זיי זענען די זיילען פון דער וועלט — און אונטערשטיצען תלמידי־חכמים. דורכ'ן ווערען „ווים" צו די „עמודים" וועלען זיי אויך קענען האבען א שייכות צו דער קדושה.

(תורת משה)

* * *

עהנליך דערצו, נור אין אנ'אנדערער פארם, זאגט מען נאך פון קאצקער רבי'ן זלה"ה:

ווען משה רבינו האט געזעהען, אז ער האט פערגעסען אין די זיבעצעהן הונדערט פינף און זיבעציג שקלים — האט ער פערשטאנען, אז די כוונה פון די נותנים איז נישט געוועזען קיין גענוג ריינע און לשם־שמים'דיגע, אויב ער האט אין זיי געקענט פערגעסען, האט ער זיי מתקן געוועזען דאדורך, וואס ער האט זיי מחבר געוועזען צו די צדיקים — ווים לעמודים...

ויִרקעו את פחי הזהב וקצץ פתילים (לט—ג)

פון די שטיקער גאלד האט מען געמאכט זעהר דינע פעדים און זיי איינגעפלאכטען אינ'ם תכלת, ארגמן, דאס איז א רמז, אז די מענשען, וואס האבען א סך גאלד, זאלען נישט שטאלצירען דערמיט, נור זיך נאך מעהר נידריג האלטען פון אנדערע און זיך מבטל זיין צווישען ארימערע פון זיי...

(שפתי צדיק)

אבני זכרון לבני ישראל (לט-ז)

די חז"ל זאגען אז ווען יוסף האט געהאט דעם נסיון אין מצרים, ביי פוטיפר אין הויז, האט זיך צו איהם בעוויזען דאס געשטאלט פון זיין פאטער און האט איהם געזאגט: די נעמען פון דיינע ברידער וועלען זיין אויסגעקריצט אויף די שטיינער פון אפוד צי ווילסטו דען, אז דיין נאמען זאל פעהלען — ווען דו זאלסט חלילה בעגעהן א זינד?

קומט אויס, אז די שטיינער פון אפוד, דינען אלס זכרון פאר אלע יודען. דורכ'ן געדענקען אין דעם וואס די נעמען פון אלע שבטים זענען אויף זיי אויסגעקריצט, וועט זיך א יוד שעמען צו טהוען אנ'עבירה...

(משך חכמה)

ותכל כל עבודת משכן אהל מועד ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ד' את משה (לט—לב)

כל זמן יודען האבען עוסק געווע־זען אין דער ארבייט פונ'ם משכן, האבען זיי נישט עוסק געוועזען אין אנדערע מצוות, ווייל דער דין איז דאך „העוסק במצוה פטור מן המצוה" — נור יעצט ווען די ארבייט פונ'ם משכן האט זיך געענדיגט, האבען זיי ערשט געקענט טהוען אלע אנדערע מצוות.

נאכ'ן — „ותכל כל עבודת משכן אהל מועד — האט געקענט זיין — ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ד' — האבען זיי געקענט טהוען אלע מצוות וואס השי"ת האט בעפוילען.

(אמרי שפר)

ככל אשר צוה ד' את משה, כן עשו בני ישראל את כל העבודה, וירא משה את כל המלאכה והנה עשו אותו כאשר צוה ד' ויברך אותם משה. (לט—מב, מג)

די דאפעלטע לשונות פון די פסוקים איז צו פערשטעהן אזוי ארום:

„מלאכה" הייסט די פאקטישע אר־בייט פונ'ם משכן, דאגעגען „עבודה"

הייסט, די גוטע נדיבות'דיגע כוונות פון יודען ביים ברענגען די נדבות צו דער ארבייט פון משכן („עבודה“ הייסט אפילו בלויז מיט'ן הארץ — איזוהי עבודה שבלב זו תפלה). די בני ישראל האבען געטהוען זייער עבודה — דאס ברענגען די נדבות — מיט די ריכטיגסטע און ערנסטע כוונות ווי ס'איז געוועזען דער רצון השם — כאשר צוה ד' את משה. אבער משה רבינו, האט דאך נישט געקענט וויסען ווי אזוי זייער אינערליכער כוונה איז געוועזען ביי דער עבודה, ביז ער האט געזעהען די „מלאכה“ פונ'ם משכן, אז אלעם איז ארויסגעקומען פונקטליך, אהן שום שטערונגען און מניעות, נור ממש — כאשר צוה ד' — האט ער דערפון פערשטאנען אז די „עבודה“ פון יודען איז אויך געוועזען — כאשר צוה ד'... אזוי ווי די חז"ל זאגען ביי א שליח-צבור, אז ווען די תפלה געהט ביי איהם כשורה, אהן שום טעות איז עס א גוטער סימן פאר'ן ציבור (סימן טוב לשולחיו).

דאס זאגט די תורה: וירא משה את כל המלאכה והנה עשו אותה כאשר צוה ד' — האט ער דערפון פערשטאנען אז — כאשר צוה ד' את משה כו עשו בני ישראל את כל העבודה — און ער האט אויסגעדרוקט זיין צופרידענהייט מיט א ברכה — ויברך אותם משה...

(תורת משה)

* * *

וירא משה — וואס האט ער געזעהן?

משה האט געזעהען די מלאכים וואס זענען בעשאפען געווארען פון דער מצוה וואס יודען האבען געברענגט זייערע נדבות צום משכן — (העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד), אז די דאזיגע מלאכים, זענען שלמות'דיגע, פון גאר א הויכער מדרגה, — האט ער דערפון פערשטאנען, אז די מצוה איז געטהוען געווארען באמת — כאשר צוה ד' — מיט דער הייליגסטער און ריינסטער מחשבה, דעריבער האט ער זיי געבענשט — ויברך אותם משה.

(ברכת שמים)

* * *

דער רבי ר' זושא ז"ל פלעגט זאגען, אז ער האט נאך קיינמאל נישט געזעהן קיין גאנצען מלאך וואס האט געזאלט בעשאפען ווערען פון אנ'עבירה, וואס ווערט געטהוען חלילה דורך א יוד א מאמין, די דאזיגע מלאכים פעהלט שטענדיג אנ'איבר: איינעם פעהלט א קאפ, איינעם א האנד און איינעם א פוס. ווייל אזא יוד, אפילו ווען ער ווערט חלילה נכשל אין א חטא, האט ער אבער באלד צער דערפון און זיפצט פון חרטה און שברון הלב. פון די דאזיגע זיפצען און הארץ ברעכעניש ווערען אבגעבראכען די איברים פון די בעשאפענע מלאכים-קטגורים...

די גמרא זאגט: ישראל קדושים הם יש שרוצה ואין לו ויש שיש לו ואינו רוצה" (חולין ז).

איז דאך די קשיא אויב ער האט און וויל נישט געבען פארוואס זאל ער הייסען א קדוש?

ענטפערט תוספות דערויף, ווייל ער גיט דאך צוליב בושה. איז עס אבער ווייטער אונפערשטענדליך אויב ער טהוט נור ווייל ער שעהמט זיך פאר מענשען ווי אזוי קען ער הייסען א קדוש?

נור — האט דער רבי ר' זושא ז"ל געזאגט — יודען מיט זייער'ם א מצוה בעשאפען א מלאך. דער מלאך האט אבער אויך א גוף און א נפש, אנ'אויסער מלבוש און אנ'אינערליכען נאך העכערען געטליכען כח. דער יוד, וואס איז א „רוצה ואין לו" — האט דאך נור בלויז א גוטע מחשבה, אבער אויספיהרען די מעשה קען ער דאך נישט, — ווערט פון זיין אינערליכען גוטען רצון בעשאפען דאס אינערליכע נפש פונ'ם מלאך. דער ווידער, וואס איז „יש לו ואינו רוצה". נור דאך גיט ער צוליב בושה, איז דאך זיין מעשה א גוטע, נור די גוטע מחשבה פעהלט — ווערט פון דער מעשה בעשאפען דער גוף פונ'ם מלאך. סיי ווי פון די דאזיגעביידע בשותפות ווערט בעשאפען א גאנצער מלאך, דעריבער הייסען זיי „קדושים", ווייל צוזאמען ווערען דורך זיי בעשאפען הייליגע מלאכים. כאטש יעדער בע־זונדער פאר זיך קען נישט זיין קיין קדוש ווייל עס פעהלט דאך א טייל, — ביי דעם די מחשבה און ביי דעם די מעשה — אבער „ישראל" — יודען אלס גאנצעס, צוזאמען — קדושים הם — זענען טאקי גאנצע קדושים.

דערמיט איז שטארק מדוייק דאס לשון פון תוספות דארט: „ואפילו הכי אקרי קדושים שמזמין את חבירו לאכול אצלו מפני הבושה". — נישט קדוש א לשון־יחיד — כאטש עס רעדט זיך דאך פון א יחיד — נור קדושים, לשון רבים, ווייל נור דורכ'ן שותפות פון ביידע ווערען זיי קדושים...

ביום החדש הראשון באחד לחדש תקים את משכן אהל מועד (מ—ב)

לויט ווי ספרים ברענגען איז די גאנצע מעשה־המשכן געווען אין אלע פרטים עהנליך צו מעשה־בראשית און אזוי ווי די בריאת העולם איז — לויט די חז"ל — „עלה במחשבה בתשרי ונברא בניסן", אזוי אויך ביים משכן, האט מען געברענגט די נדבות אום תשרי — ממחרת יום הכיפורים — דער משכן איז אלזא דעמאלט געווען ביי זיי בלויז במחשבה און ר"ח ניסן האט מען איהם אויפגעשטעלט במעשה.

(שיחות צדיקים)

לויטן מדרש איז די גאנצע ארבייט פון משכן געווען פערטיג פינף און צוואנציג טאג אין חדש כסלו. אויפ־געשטעלט דעם משכן האט מען ערשט אין ראש־חדש ניסן, טא ווי האט מען אהין געטהון די כלים במשך פון דריי חדשים?

נור כל־זמן די כלים זענען נישט געזאלבט געווען מיט'ן שמן־המשחה האבען זיי דאך נישט געהאט קיין קדו־שה אויף זיך, איז נישט געווען קיין שום נפקא־מינא ווי די כלים געפונען זיך. ביים זאלבען ווידער איז דאך שוין געווען גרייט דער משכן זיי אריינצונעמען.

דאך האט בצלאל פערשטאנען אז מען דארף פריהער מאכען דעם אהל־מועד און דערנאך די כלים. פרעגענדיג „כלים שאעשה להיכן אכניסם" (זעה רש"י אין פסוק לח—כב) — ווייל ער האט געהאלטען אז ווען מען וועט מאכען די כלים פריהער, וועט מען זיי אויך דארפען זאלבען פריהער און נאכ'ן זאלבען, מוז דאך טאקי תיכף זיין — אנ'ארט ווי זיי אריינצובערענגען.

(הגה'ק ר' נתן אדלער ז'ל)

וקדשת אתו ואת כל כליו והיה קדש (מ—ט)

ביי אלע כלים שטעהט „והיה קדש", אויסער ביים כיור (אין פסוק יא) און ביי די בגדי כהונה (אין פסוק יג) שטעהט נישט „והיה קדש"?

ווייל אלע כלי שרת האבען מקדש געווען דאס וואס מען האט אין זיי אריינגעלייגט, אז מען האט דערין מועל געווען, אויסער אינ'ם וואסער פון כיור און אין די בגדי כהונה האט מען נישט מועל געווען, ווען מען האט זיי בענוצט. ווי די חז"ל זאגען: „בגדי כהונה אין מועלין בהם משום שניתנו ליהנות בהם". דאסגלייכען דאס וואסער פון כיור איז נעגעבען געווארען לרחיצה איז נישטא דערביי קיין מעילה.

(משך חכמה)

ומשחת אתם כאשר משחת את אביהם (מ—טו)

אין אהרנ'ס קדושה האט זיך משה נישט מקנא געווען ווייל ער אליין איז דאך געווען נביא, מלך און כהן גדול (אין די שבעת ימי המלואים). אבער פון דער מעלה פון אהרנ'ס קינדער, האט משה געקענט האבען פערדרוס און צער, פארוואס זיינע קינדער זענען נישט דערהויבען געווארען צו אזא מעלה (אין מדרש איז פערהאן אז ער האט טאקי געבעטען אז זיינע קינדער זאלען איבערנעמען זיינע מעלות און השי"ת האט איהם אבגעזאגט), האט

איהם דעריבער השי"ת געזאגט אז ער זאל זיי מושה זיין — כאשר משחת את אביהם — מיט'ן פולען רצון...

(משך חכמה)

ויהי בחדש הראשון בשנה השנית באחד לחדש הוקם המשכן, ויקם משה את המשכן (מ—יז, יח)

די חז"ל זאגען אז אין יעדען טאג פון די שבעת ימי המלואים האט משה רבינו אויפגעשטעלט דאס משכן און שפעטער עס צוריק פונאנדערגענומען. צו וואס איז דאס געווען?

נור די דאזיגע זיבען הקמות זענען געווען אנ'הכנה א קעגען די זיבען נפילות פונ'ם משכן ד': דאס משכן פון דער מדבר, משכן גלגל, משכן שילה, נוב, גבעון, דאס ערשטע בית המקדש, און דאס צווייטע בית המקדש. זיבען מאהל איז אלזא צונומען געווארען דער משכן ד'. משה רבינו האט דעריבער מיט זיינע זיבען הקמות, צוריק אויפגעשטעלט יעדע נפילה — אז זי זאל חלילה נישט זיין קיין אייביגע; צוריק מעמיד געווען יעדען „פירוק" און אויסגעבאהנט א וועג פאר'ן צוריק אויפבוי פון די געפאלענע בתי-מקדשים, וועמענ'ס חורבן ס'איז געקומען דורכ'ן התגברות פונ'ם כח הרשעה אויף דער וועלט.

און דאס איז מרומז אין פסוק: „אל תארוב רשע לנוה צדיק. אל תשדד רבצו, כי שבע יפול צדיק וקם" (משלי כד—טו, טז)...

(בשם אדמו"ר מגור שליט"א)

* * *

זיי, די חכמי-לב האבען נור גע-ברענגט צו משה'ן דעם גוף פונם משכן, די איינצעלנע טיילען מיט די כלים וואס בילדען דאס אויסערליכע פונ'ם משכן, אבער אראפצוברענגען דערויף די קדושה און די השראת השכינה, וואס ס'איז דאס איינענטימליכע אין די נשמה פון משכן — דאס האבען זיי נישט געקענט, דאס האט משה רבינו געמאכט מיט זיין אויפשטעלען עס,

ויקם משה את המשכן — משה האט עם ערשט רעכט אופגעשטעלט אז ס'זאל זיין א משכן, — אנ' ארט פאר השראת השכינה...

(באר מים חיים)

די חז"ל זאגען אז די בתי-כנסיות און בתי מדרשות זענען מטהר ווי א מקוה (כנחלים נטיו — כאהלים נטע ד') איז דאך א כל-שכן אז דער משכן

האט יודען מטהר געווען. „הוקם" זענען די זעלבע אותיות וואס „מקוה" מרמז צו זיין אז דאס אויפשטעלען דעם משכן איז געווען א מקוה־מטהרה פאר יודען...

(רבינו אפרים ז"ל)

כאשר צוה ד' את משה (מ—יט, כא, כג, כה, כז, כט. לב.)

די תורה דערצעהלט דאך אז די אלע זאכען האט משה אליין געמאכט, האט דאך געדארפט שטעהן „כאשר צוה ד' אותו" — נישט „את משה"?

נור משה האט די אלע זאכען געמאכט מיט אזא עניוות און פשטות, פונקט אזוי ווי די ציווי פון השי"ת וואלט געווען צו א צווייטען משה, נישט צו איהם אליין.

כאשר צוה ד' את משה — אזוי ווי ג—ט האט בעפוילען צו „א משה"...

(חשבה לטובה)

ויקח ויתן את העדות אל הארון (מ—כ)

דער „ויקח" זעהט אויס ווי איבריג? נור פיל מאהל זאגען די חז"ל אויף „ויקח" — לקחו בדברים — איינגענומען מיט גוטע רייד און פיוסים.

משה רבינו האט מפיים געווען דעם ארון וואס ער אליין האט פריהער געהאט געמאכט, ווייל ער האט יעצט פון איהם ארויסגענומען די לוחות און זיי אריינגעלייגט אינ'ם ארון וואס בצלאל האט געמאכט.

דאס הייסט „ויקח" — לקחו בדברים.

(ליקוטים חדשים)

כי ענן ד' על המשכן יומם ואש תהיה לילה בו לעיני כל בית ישראל בכל מסעיהם (מ—לח)

אויב ביז יעצט איז דער עמוד ענן געגאנגען בייטאג און דער עמוד אש ביינאכט פאר די יודען, האבען עס אבער נישט אלע יודען זוכה געווען צו זעהן, נור די נביאים און בעלי־מדרגה צווישען זיי. זייט אבער, משה רבינו האט געבעטען „ילך נא ד' בקרבנו" און „ונפלינו אני ועמך" (פרשת תשא) און השי"ת האט איהם צוגעזאגט: „נגד כל עמך אעשה נפלאות" (שמות לד—יוד) — האבען אלע יודען געזעהען דעם ענן ד' געהן פאר זיי — לעיני כל בית ישראל...

(הגר"א מווילנא)

בכל מסעיהם — ביי אלע נסיעות און טלטולים וואס יודען וועלען מאכען אין זייערע גלות-וואנדערונגען זאלען זיי שטענדיג געדענקען אז השי"ת וועט זיי נישט פערלאזען. אין די בעסערע ליכטיגערע צייטען, ווען ס'איז „יומם" — איז עס דער געטליכער עמוד-ענן וואס געהט פאר זיי און מאכט זיי א וועג אין דער גלות-מדבר. אפילו ווען ס'איז „לילה" —פינסטערע און שרעקליכע צייטען פון ענויים און צרות — וועט אויך דער געטליכער ענן זיין ווי „אש" — ווי א פייער וואס וועט פערברענען די בלוטיגע שלאנגען וועלכע וועלען אויסארבייטען פלענער זיי צו פערניכטען.

זאלען זיי מאכען פלענער און ארויסגעבען פערניכטונגס געזעצען געגען יודען — די עצות וועלען אבער צושטערט ווערען — כי עמנו אל — ווייל מיט אונז געהט מיט דער געטליכער עמוד-אש וואס היט אפ אונזער קיום אין די פינסטערסטע נעכט...

(אבני אזל)

הפטרה פקודי [מלכים א—ז, ח]

ויבא שלמה את קדשי דוד אביו את הכסף ואת הזהב ואת הכלים נתן באצרות בית ד' [ז—נא]

כאטש דוד המלך האט אנגעגרייט פול גאלד און זילבער צום בנין פון בית-המקדש (ווי ער האט געזאגט: „ואני בעניי הכינותי בית לד'"), דאך האט שלמה המלך אלעם געמאכט פון זיין אייגענס און דאס גאלד מיט'ן זילבער וואס דוד המלך האט צוגע-גרייט, האט ער אוועקגעלייגט אין די אוצרות אריין.

פארוואס האט ער אזוי געטהוען?

ווייל אין די צייטען פון דוד המלך, איז געוועזען א הונגער, דריי יאהר צייט, דאך האט ער נישט גענומען פון דאזיגען געלד מפרנס צו זיין די הונגעריגע יודישע ארימעלייט, נור עס געלאזט ליגען פאר'ן בית-המקדש. דעריבער האט שלמה המלך נישט געוואלט זיך בענוצען דערמיט, נור עס אוועקגעלייגט (רש"י בשם חז"ל).

איז פונדאנען א ראיה, אז צו געבען עסען א הונגעריגען יוד איז גרעסער פון בנין בית-המקדש, און ס'ווערט בעטראכט אלס עוולה פון דוד המלך פארוואס ער האט אזוי נישט געטהוען...

די חז״ל (אנהויב מס׳ ברכות) דערצעהלען, אז יעדען פר׳המארגען זענען די יודישע חכמים אריינגעגאנגען צו דוד המלך און גע׳טענה׳ט: „עמך ישראל צריכים פרנסה״, אבער דוד המלך האט זיי מדחה געוועזען מ׳מ פערשידענע תירוצים.

איז עס א׳ין פלוג גארנישט צו פערשטעהן, צו וואס איז עס דער דאזיגער וכוח פארגעקומען יעדען פריהמארגען און וואס האבען די חכמי ישראל באמת געוואלט פון דוד המלך?

נור לויט דעם דערמאהנטען מאמר חז״ל, ווערט אלעם קלאהר. דאס איז געוועזען אין משך פון די דריי יאהר וואס עס האט געהערשט דער גרויסער הונגער אין ארץ ישראל. האבען די חכמי ישראל געוואלט ווירקען אויף דוד המלך, אז ער זאל נעמען פונ׳ם גאלד און זילבער וואס ער האט צוגעגרייט אויפ׳ן בנין בית המקדש און עס צוטיילען די הונגעריגע ארימעלייט. דוד המלך האט ז׳י דעריבער מדחה געוועזען, ווייל ער האט דאס געהאלטען פאר הקדש-געלד און נישט געוואלט בענוצען צו עפעס אנדערש.

באמת אבער, זענען גערעכט געוועזען די חכמים און דעריבער האט שלמה המלך דאס דאזיגע געלד נישט בענוצט צום בנין המקדש.

(שמעתי בשם ספר ישן)

ויהי בצאת הכהנים מן הקדש והענן מלא את בית ד׳ ולא יכלו הכהנים לעמד לשרת... אז אמר שלמה ד׳ אמר לשכן בערפל [ח—י, יא. יב]

באלד ווען שלמה המלך האט פערענדיגט דעם בית-המקדש, האט ער געזעהען בנבואה, אז ס׳וועט א מאהל הרוב ווערען, אז ס׳וועט קומען א צייט וואס א פינסטערער וואלקען וועט פערדעקען דעם ארט פון ב׳ית-המקדש און די כהנים וועלען מוזען ארויסגעהן פון דאנען. ער האט זיך אבער געטרייסט מיט דער געטליכער הבטחה נישט צו פערלאזען זיין פאלק ישראל אפילו אין די ערגסטע צייטען, און צו ז׳יין מיט זיי אפילו אינ׳ם גרעסטען פינסטערען נעפעל.

דאס זאגט דא דער פסוק: אינ׳ם פייערליכען מאמענט פון דער חנוכת-הבית. האט זיך פאר שלמה המלך פארגעשטעלט דער טרויעריגער חזיון, ווען ס׳וועט זיין — בצאת הכהנים מן הקדש — די כהנים וועלען ארויסגעהן פון דאנען געבונדען אין אייזערנע קייטען — והענן מלא את בית ד׳ — און א פינסטערער וואלקען וועט פערדעקען ג—ט׳ס הויז, אזוי אז נישט כהנים וועלען דא טהוען די עבודה, נור פרעמדע וועלען אריינקומען איהם פערשוועכען. דאך האט

זיך שלמה המלך נישט פערלוירען, ער האט זיך נישט געשטערט אין דער יעצטיגער שמחה ווייל ער האט זיך געטרייסט דערמיט, וואס — ד׳ אמר לשכן בערפל — ג—ט האט שוין געזאגט צו רוהען צווישען יודען אפילו אין די פינסטערסטע און פערנעפעלסטע צייטען...

דאס איז אויך די כוונה וואס עס שטעהט ביי משה רבינו. ומשה נגש אל הערפל אשר שם האלהים (שמות כ—כא). משה רבינו האט אריינגעדרונגען אינ׳ם ערפל — אין די שווערסטע, פינסטערסטע תקופות וואס וועלען קומען אויף יודען און ער האט געזעהען — אשר שם האלהים — אז אינ׳ם סאמע „ערפל" וועט זיין בעהאלטען די געטליכע השגחה, וועלכע וועט זיין א „מציץ מן החרכים", אבצוהיטען די עגזיסטענץ פון יודישען פאלק.

(אור המאיר להח׳ג מלובלין ז׳ל)

ד׳ אמר לשכן בערפל בנה בניתי בית זבל לך מכון לשבתך עולמים [ח—יב, יג]

דאס בית-המקדש איז דאך געוואָרען אויפגעשטעלט אויפ׳ן הר-המוריה. אויף דעם ארט איז געווען די עקידת-יצחק: אויף דעם ארט האט יעקב אבינו געזעהען די מראה פונ׳ם „סולם" ארויסגעהענדיג פון חרן און אויף דעם ארט האט זיך די שכינה ענטפלעקט צו דוד המלך אינ׳ם גרן-ארוונה. איז דאך א בעוויז, אז דאס ארט איז שטארק חשוב און טייער ביי השי״ת, ווען ער האט דארט געמאכט רוהען זיין שכינה בעת ס׳איז נאך געווען א וויסטער און ליידיגער בארג און ס׳איז ממילא זיכער, אז אויב ס׳איז אויף דעם ארט אויפגעשטעלט געווארען א בית-מקדש, וועט ער געוויס דא מאכען א קביעות׳דיג ארט צו דער השראת השכינה.

דאס האט שלמה המלך געזאגט: אויב — ד׳ אמר לשכן בערפל — ווען השי״ת האט דא אויף דעם ארט גערוהט אפילו בעת ס׳איז נאך דא געווען אנ׳ערפל, א וויסט און ליידיג ארט, אויף וועלכען עס הערשט פינסטערניש און נעפעלדיגקייט, קען איך דאך זיין זיכער, אז אויב יעצט — בנה בניתי בית זבול לך — איך האב דא געבויט פאר דיר א פאלאץ, וועט ער געווים זיין — מכון לשבתך עולמים — א שטענדיג און קביעות׳דיג רוה-ארט.

(מלבי׳ם)